STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 09472

IZ GEKUMEN A ID IN VALD

Aaron Faierman

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

אהרן פייערמאַן

איז געקומען
אַ
איד אין וואַלד

אידיש־אַרגענטינישער ראָמאַן

☆

בוענאָס איירעס 1945

Aarón Faierman

VINO UN JUDIO AL BOSQUE

Novela

אַן עכטער און טיף דראַמאַטישער אידיש־אַר־גענטינישער ראָמאַן

אהרן פייערמאַן — איינער פון די דראַמאַטישסטע דערציי־לער אין אונדזער שוין ניט יונגער אידישער ליטעראַטור אין אַר־גענטינע — איז דער מחבר פון אָט דעם ראָמאַן, וואָס טראָגט דעם נאָמען „איז געקומען אַ איד אין וואַלד".

דער ראָמאַן איז אַ אידיש־אַרגענטינישער, מחמת אין אים איז איינגעוועבט טיף־אידיש פילן פון אַ אידישן יונגמאַן, וואָס גיט אַוועק זיין ענערגיע דער בויאונג פונעם אַרגענטינישן לאַנד אין דער וואַלדיקער געגנט, פאַרבינדט זיין צוקונפט מיט דעם לאַנד דורך דער ליבע און חתונה מיט אַן אַרגענטינישער טאָכטער און אַלץ וואָס ער האָט אויפגעבויט ווערט חרוב אַ דאַנק דער נאַציס־טישער העצע, וואָס כאַפּט זיך אַריין צווישן די נאַיווע אַרבעטער און אין דער העכערער אַרגענטינישער געזעלשאַפט.

געשריבן איז דער ראָמאַן מיט דעם אימפּעט און שאַרפקייט, וואָס צייכענען אויס אהרן פייערמאַנען. די נאַטור און דער שטייגער פון די צפון־געגנטן פון לאַנד, וואו אהרן פייערמאַן האָט יאָרנלאַנג געלעבט, זיינען אין דעם ראָמאַן געשילדערט מיט מעכטיקע פּענדזל שטריכן און די האַנדלונג אין אים איז פאַרכאַפּנדיק, סיי מיט דער פאַרביקייט און סיי מיט דער לירישקייט אירער.

צוטרעטנדיק דרוקן דעם ראָמאַן, מיינען מיר, אַז ניט נאָר העלפן מיר דערמיט באַרייכערן אונדזער אידישע ליטעראַטור מיט אַן אמתן אידיש־אַרגענטינישן ווערק, נאָר מיר באַרייכערן דער־מיט אויך דעם האָריזאָנט פון אונדזערע לייענער און זייערע באַג־ריפן וועגן דעם אַרגענטינישן לאַנד און זיינע באַוואוינער.

(„די פּרעסע")

ערשטע טייל

איציע האט געשפאנט לענגויס די רעלצן.

אים האט אנגעהויבן באנג טאן אף זיין אראפשפרינגען פונעם צוג. בעסער שוין געווען איבערליגן א פאר מעת-לעת אין קיטשמענט און אפילו מער, איידער איצט זיין אין אזא לאגע. אייגנטלעך איז דאס גיכער געווען א מין שפרינגען איידער גיין. די שפאלעס האבן אים געשטערט מאכן רעגולערע טריט. פון איין שפאלע צו דער צווייטער איז צו שמאל און איינע איבער צוויי איז שוין צו ברייט און בא יעדן שפאן איז אים דעריבער אויסגעקומען אונטערצושפרינגען. בא יעדן שפרונג האט אים זיין פעקל געריסן די פלייצע און די רימענס האבן אים געשניטן די אקסלען.

פון ביידע זייטן וועג האט זיך געשניטן דער אומענדלעכער וואלד. עס רעדט זיך אזוי „וואלד", געווען איז עס א מין געפלעכט פון נידעריקע, אויסגעקרימטע ביימלעך מיט שטעכיקע צווייגן, ערטערווייז גאר שיטער, נאר ערטערווייז אזוי געדיכט, אז א קאץ וואלט נישט אדורך. קורץ, געווען איז עס דאס, וואס קרעאלן רופן אן „מאנטע". און כאטשע דער שוויס האט געדיכט גערונען פון זיין פנים און די מלבושים האבן זיך אים געקלעפט צום גוף, ווי נאר וואס פון א טייך ארויסגעקומען, און כאטשע דאס ווילדערניש האט זיך געצויגן נאך צענדליקער קילאמעטער און אים איז אלציינס געווען נעכטיקן דא אדער ווייטער, האט ער אינסטינקטיוו זיך געאיילט און איז רעגולער אונטערגעשפרונגען א שפאלע איבער צוויי, א שפאלע איבער צוויי.

איציע האט זיך געאיילט און מיט אים האט אויך די זון זיך גע־

איילט אַראָפּ, אַראָפּ, צום פּאַרגיין, איבערלאָזנדיק נאָך זיך אַף רויט צע־גליטע פּאַסן הימל.

ער איז געוואָרן אומרואיק. מילא, אין וואַלד נעכטיקן איז באַ אים פון די קליינע זאַכן; באַ אַ פייער קען מען איבערשלאָפן די נאַכט גאַנץ געשמאַק, אַפילו אָן איין גניץ. ערגער פון אַלץ איז דער הונגער. אין בויך האָט אים געוואָרטשעט ווי אַ מאה קעץ וואָלטן זיך דאָרט געריסן און טרינ־קען האָט זיך אים געוואָלט, אַזש די צונג איז אים צוגעקלעפּט געוואָרן צום גומען.

פון פּאַרדרוס האָט ער זיך אָנגעהויבן זידלען: צו אַלדי־רוחות, דער פּאַרשטונקענער גאַזשענאַ, גלייך ער וואָלט דערלייגט זיין באָבעס ירושה, ווען ער לאָזט אים דערפאָרן מיט דעם לאַסט־צוג כאָטש ביז דער ערשטער סטאַנציע... איינגעשפּאַרט זיך נאָר דער פּאָליציי אים איבערגעבן, אַ פּגירה אַף אים!... און איצט, אַזאַ לאַגע.

ער האָט זיך אַלע ווײַלע אַרומגעקוקט, ווי ער וואָלט זוכן אַ רעטונג, נאָר דער ראַכיטישער קאַרליק־וואַלד איז געווען שטום, שטום און גרוי. מיד, הונגעריק און דאַרשטיק, האָט איציעס גאַנצער קערפּער געצויגן זיך צו דער ערד. איציע אָבער האָט מיט זיין גאַנצער ווילנסקראַפט זיך אָנגע־שטרענגט און איז ווייטער געגאַנגען, ער האָט זיך געבעטן באַ זיך אַליין: נו, איציע, נאָך צען שפּאַן, נאָך צוואַנציק און מירן זיך פאַרנעמען אין וואַלד מאַכן פייער. נאָר אָפּגעגאַנגען די צען, האָט ער באַ זיך געפּועלט נאָך צען. די לופט איז געוואָרן קילער, די נאַכט האָט זיך געגעבן מיט אַמאָל אַ רוק אונטער און האָט פאַרוואַנדלט ביידע זייטן וואַלד אין צווי שוואַרצע ווענט אָן אַן אָנהייב און אָן אַ סוף. די מאָסקיטן האָבן זיך גע־דרייט אַרום אים און אים געביסן דאָס פּנים.

די ליניע האָט זיך פאַרקירעוועט שטאַרק לינקס און וואָס געהידושט האָט איציען איז געווען דאָס, וואָס אין איין זייט, האָט די שוואַרצע וואַלד־וואַנט צופּיל אָפּגעטראָטן פון די רעלצן. ער האָט זיך געלאָזט גיין צום וואַלד מאַכן פייער און פּמור ווערן פון די מאָסקיטן און דערפילט האָט ער אונטער די פיס גלייכע האַרטע ערד, ווי פון אַן אויסגעפאָרענעם וועג. איציע האָט געמאַכט אַ גרויס פייער און אַ שטראַל פון האָפענונג האָט באַלויכטן זיינע געפילן: ריכטיק, אַ וועג ציט זיך לענגוים דער ליניע און שניידט זיך אַריין טיף אין וואַלד. ווייזט אויס, אַ ישוב ערגעץ דאָרט

פאַראַן. געזעסן איז ער באַם פייער. תחילת האָבן הונגער און דאַרשט אים געמוטשעט, נאָר די מידקייט האָט גיך געצוואונגען דעם קערפּער איינצו-שלאָפן.

איציען האָט זיך געחלומט ווי ער זיצט באַ זיין פאָטערס שבתדיקן טיש, אַ פולן מיט אַלערליי מאכלים. דער פאָטער זיצט אויבנאָן און זאָגט פונעם סידור ארויס. ארום אים אַלע קינדער, מיט איציען, ווארטן מיט אומגעדולד דער טאַטע זאָל ענדיקן דאָס זאָגן. די געשמאַקע ריחות קיצלען זיי אין די נעזער און זיי שלינגען דאָס שפּייעכץ, נאָר דער פאָטער פילט דאָס ניט און זינגט זיך ווייטער אונטער די תפילות. איציען קערן זיך די קישקעס איבער אין בויך און דער אַלטער זאָגט און זאָגט... איציע האַלט ניט אויס, הייבט זיך אויף און גיט זיך אַ וואָרף אַפן טיש מיטן אָפענעם מויל איינצושלינגען די עסנס, נאָר דער בייזער פאָטער גיט אים אַ כאַפּ אַן באַם קאַלנער און טרייסלט מיט אים...

אויפגעעפנט די אויגן, האָט איציע לעבן זיך דערזען אַ הויכן גע-זונטן בחור, אַ קרעאַל, אַפן אויסזען, וואָס איז געשטאַנען לעבן אים און אים געשטורכעט און געטרייסלט:

— וואָס שרייסטו אזוי פון שלאָף, פריינט?

— זאָג נאָר, ברודער, האָסט אפשר ברויט, וואסער?

דער פרעמדער האָט באַלד אראָפּגעוואָרפן דעם וועג-פּאַק פון די אַקסלען, ארויסגענומען אַ טאָרבע פול מיט עסנווארג און אויסגעשפּרייט אַ צייטונג אַף דער ערד.

— אפריער גיב אַ פּאָר זופּ וואסער און פּארטרינק מיט וויין, וועסטו קענען עסן, אז ניט, קענסטו נאָך אַלעם צוריקגעבן פון אזא הונגער...

איציע האָט אים נישט געענטפערט. ער האָט געכאַפּט און געמישט ברויט, וואסער, וויין, וואורשט, פיש, וואָס ס'איז אים געקומען אין דער האַנט. אַלץ האָט ער אַף גיך פארשלונגען. זיינע שטאַרקע ציין האָבן בחיפזנדיק געמאָלן דאָס עסן און די ליפּן האָבן פון הנאה אונטערגעס-מאַטשקעט צום טאַקט. מיט זיין גאַנצן וועזן איז ער פארטון געווען אין דער אכילה און האָט זיך אונטערגעשאָקלט, ווי זיין טאַטע באַ שמונה-עשרה. ניין, ניט ווי ירוחם טערניוקערס אַ זון האָט ער געגעסן, נאָר ווי זיין עלטער-עלטער זיידע, דער מענטש-מאַלפּע נאָך אַ דערמידלעכן יאָגן עפּעס אַ חיה, בשעת ער האָט זי פארצוקט.

— נו, פרייגעלע, דערווייל גענוג, ס'קאָן דיר פאַרשאַטן...
איציע האָט זיך פאַרשעמט פאַרן פרעמדן און האָט זיך אביסל צו־ריקגעצויגן:

— אַז שוין אַנדערהאַלבן מעת־לעת אין מויל נישט געהאַט... מיט אַן אונדזעריקן טרעפט עס אַמאָל...

דער בחור האָט צונויפגענומען די רעשטן פונעם עסנוואַרג און די פלעשער און האָט צוריק פאַרבונדן דעם פּאַק.

— נשקשה, דאָס וועט נאָך צונוצקומען, ביז מיין ראַנטשאָ איז פאַראַן אַן אַכצן, צוואַנציק קילאָמעטער, מירן נאָך הונגעריק ווערן, אגב, וועסטו פאַרדייען דאָס געגעסענע.

זיי האָבן פאַרוואָרפן די פּעק אויף די אַקסלען און פאַמעלעך גע־שפּאַנט מיט דעם אויסגעטראָטענעם וועג. דער בחור האָט אויסגעפרעגט איציען ווער און פונוואַנען ער איז און איציע האָט מיט אָפּגעריסענע ווער־טער אים דערציילט, אַז אַ פעטער האָט ער אין כוכוי און ער האָט זיך גע־וואָלט דערשלעפּן צו אים מיט דעם לאַסט־צוג, האָט אים דער הינטישער גאַזשענאָ געפּאַקט און אים געוואָלט איבערגעבן דער פּאָליציי, איז ער אַראָפּגעשפּרונגען אין וואַלד.

— איך רעכן וועסט זיך נישט אָפּזאָגן אָפּרוען אַ פּאָר טעג בא אונדז?

— מיטן גרעסטן פאַרגעניגן, אויב איך וועל נישט זיין צו לאַסט בא דייניקע.

— פאַר דעם זאָרג זיך נישט. מיין אַלטער מוטער און שוועסטער איז הייליק מיין באַפעל און מיינע געסט זיינען אויך זייערע.

— און דו, פונוואַנען קומסטו אַזוי שפּעט באַנאַכט? האָט איציע איבערגעפרעגט.

— געווען אויף שניט, אינעם דרום. אַלע יאָר אַזוי, קומט זומער, לאָזן זיך אונדזערע אָפּן דרום, צום שניט. אַלע מיינע שכנים מוזן שוין זיין אין דער היים נאָך מיט אַ צוויי וואָכן צוריק, נאָר מיין באַלעבאָס האָט געהאַט אַ גרויסן שניט פון ווייץ, איז געווען אַרבעט ביז איצט.

— און אַ גאַנץ יאָר, פון וואָס לעבט איר?

— אַזוי, דער באַליטשעראָ באָרגט צו ביסלעך ביזן שניט. ווען ניט

ווען אַ משאַנגיטאַ אין דער עסטאַנסיאַ. אַמאָל כאַפּט מען אַ חיהלע אין וואַלד, פאַלט אויך אַריין אַ פּאָר סענט...

זיי האָבן לאַנגזאַם געשפּאַנט די רעשט נאָכט מיט דעם שמאָלן וואַלד-וועגל. ערשט פאַרטאָג זיינען זיי געקומען צום ערשטן ראַנטשאָ פונעם ישוב. די אַכטע און די לעצטע איז געווען מאַריאַס. אַזוי האָט געהייסן דער בחור. די עטלעכע קילאָמעטער גאַנג פון וואַוינונג ביז וואַוינונג, איז בײַ זיי שוין געווען אַ שפּאַציר. בײַ אַ פּאָר ראַנטשאָס, האָבן זיי זיך געמוזט אָפּשטעלן. מען האָט מאַריאַן אָפּגעגעבן גרוסן פון זיין מוטער און שוועסטער, מען האָט זיי מכבד געווען מיט מאַטע און אַסאַדאָ. די יונגינקע דאָניאַ כואַנאַ האָט נישט אויסגעהאַלטן און אַ זאָג געטון:

— פירסט אוודאי, מאַריאַ, די אמתע פּויטיקע, אויב דו קומסט אַזוי שפּעט פונעם דרום.

— וואָס דען, מיט לײדיקן קומט מען נישט פונעם שנים.

— דער באַליטשעראָ האָט נעכטן געזאָגט „ווייזט אויס עפּעס אַן אומגליק געטראָפן מיט אונדזער מאַריאַ, אויב ער איז נאָך נישט געקומען, פּאַברעסיטאַ, שוין עט נאָך האַלב זומער"...

— דער אַלטער פּראַצענטניק מיינט אוודאי די פּאָר סענט, וואָס איך בין אים שולדיק, ניט מיך...

— נו, געוויס. און דער יונגערמאַן האָט מיט דיר צוזאַמען געאַרבעט?

— כמעט אַזוי. ער פאַרט קיין כוכוי, האָב איך אים איינגעלאַדן צו מיר אויף אַ פּאָר טעג.

עס איז אַוועק אַ שמועס פון היימישע ידיעות און רכילות.

אין דער היים האָט מען שוין געוואוסט פון מאַריאַס קומען און מוטער און טאָכטער זיינען זיי אַנטקעגנגעגאַנגען.

מאַריאַ האָט זיך צעקושט מיט זייניקע און האָט פאַרגעשטעלט איציען. די פרויען האָבן זיך פאַרנויגט:

— אַן אַנגעלייגטער גאַסט וועט איר בײַ אונדז זיין. מיר זיינען מענטשן פּשוטע — האָט געזאָגט די אַלטע — און וואָס מיר פאַרמאָגן, זיינט איר אַ גלייכער באַלעבאָס.

אין איציען האָט זיין גאַנץ וועזן געזונגען. ער האָט זיך דערזען אין

אַ סביבה, וואו ענגהאַרציקייט טרעט אָפּ פאַר ליבע און דרך-ארץ צום מענטש. מיסטרוי און גייציקייט, די צוויי מידות וואָס פאַרנעמען דעם אויבנאָן באַם שטאָטישן איינוואוינער, האָט מען דאָ כמעט נישט געפילט. איציע האָט געזוכט מיט וואָס אַרויסצואווייזן זיין דאַנקבאַרקייט די גוטע מענטשן, ער האָט נאָכגעקוקט זייערע געוואוינהייטן און האָט איינגע-אָטעמט אַלע פּרטים פון זייער אַרט לעבן. ער האָט געזען ווי צוגלייך מיט זייערע מידות טובות פון פּשוטן פאָלק, הערשט באַ זיי אַ זאָרגלאָזע, פי-ליסטערישע גלייכגילטיקייט, נויט און שמוץ און נאָכלעסיקייט, דער פראָ־דוקט פון זייער ליידיקגייערייַ, פון לעבן אָן שאַפן און אָן בויען...

מאַריאַס ראַנטשאָ, ווי די סוכה באַ איציעס טאַטן, איז געווען צו-נויפגעשטוקעוועט פון וואָס ס'האָט זיך געלאָזט: צוויי ווענט זיינען געווען פון אַלטע ניט געהובליעוועטע ברעטער, אַ דריטע — פון בלעכן, פון ערגיץ אַפּירגענומענע און די פערטע — גלאַט אַזוי, צונויפגעפלאָכטן פון צווייגן און מיט שמאַטעס פאַרשטעקט. דער דאַך, אויב מען מעג אים אַזוי רופן, איז געווען פון פאַרפוילטע שטיקלעך ברעטלעך מיט גרינעם שימל, באַפּעסטיקט מיט אָנגעוואָרפענע איבער זיי שטיינער און קלעצער, דער ווינט זאָל אים נישט אַראָפּטראָגן.

צוויי צעבראָכענע קאַטרעס מיט אַ הויכן קאַסטן פאַר אַ טיש, זיינען געווען דאָס מעבל אינעווייניק. טשאָליטאָ, מאַריאַס שוועסטער, האָט זיך באַמיט ווי ווייט מעגלעך אָנגענעם צו מאַכן די וואוינונג אין איציעס אָנ-וועזנהייט. זי האָט געקערט, געראַמט, פאַרהאָנגען די שמאַטעס, באַקלעפּט די ווענט מיט בילדער פון אַלטע אילוסטרירטע זשורנאַלן און אַליין זיך אויך אויסגעפּוצט אין דעם קליידל, וואָס מאַריאָ האָט איר געבראַכט פונעם דרום.

אַ שלאַנקע, אַ טונקעלע, מיט אויגן שאַרף שוואַרצע, האָט זי אין דעם קאָליראָטן קליידל אויסגעזען ווי אַ ציגיינערטע און ווי אַ ציגיינערטע האָט זי זיך ווילד צוריקגעצויגן דערזעענדיק איציען. ס'איז אָבער גענוג געווען ער זאָל זיך אויסדרייען, אַז זי זאָל אומגעדולדיק אים נאָכלויפן און נאָכקוקן.

איינמאָל האָט איציע זי אַ פרעג געטון:

— טשאָליטאָ, וואָס איז דאָס פאַר אַ אויוון, דאָס קליינינקע שטי־בעלע ווי אַ הינטישע נאָרע?

— אַן אויוון קוילן צו ברענען, סעניאָר. — האָט זי אויסגעזונגען מיט איר נאָרדישן אַקצענט.

— קוילן צו ברענען?...

— נו, יאָ, קוילן פון שפּענער, וואָס מען האַקט אין וואַלד.

— אַזוי, איר ברענט קוילן? איר פאַרקויפט זיי, די קוילן?

— ניין, פּאָר אונדזער געברויך.

— פאַרוואָס-זשע ברענט איר ניט קוילן צום פאַרקויפן?

דאָ אָבער האָט זיך טשאַליטאַ שטאַרק פאַרשעמט, צי דערפאַר וואָס זי האָט נישט געוואוסט וואָס צו ענטפערן צי גלאַט דערפאַר וואָס זי האָט צופיל גערעדט מיט אַ פרעמדן מאַן און זי איז אַנטלאָפן.

איציע האָט באַשלאָסן דעם איניען קוילן גוט אויסצופאָרשן. ער האָט נישט געקענט פאַרשטיין, וואָס הייסט? וואָס הייסט מענטשן האָבן אַזאַ וואויל באַשעפטיקונג און טוען גאָרנישט...

מאַריאָ האָט מיטגערופן איציען אין באַליטשע.

פון דער ראַנטשאָ ביז אַהין איז געווען אַ צוויי קילאָמעטער. זיי האָבן געשפּאַנט זייט בא זייט און מאַריאָ האָט איבערגעריסן דאָס שווייגן:

— שפּילסט אין טרוקאָ?

— כ׳שפּיל צו ביסלעך.

— וועסטו זיין מיין צווייטע האַנט, איסאַ; בעסער אַזוי, אַז ניט, קאָן מען מיך פאַרקויפן.

— אַזוי גאָר?

— אוודאי, חברה דערשנאַפּן אַ מטבע, איז שוין זיבער אַזוי. מיר גייט ניט אין די פּאָר סענט, כ׳וועל אָן דעם אינטערעס אינעם שפּיל.

אין באַליטשע איז שוין געווען פול. טייל זיינען געזעסן בא די טישלעך און פאַרינטערעסירט געשפּילט אין קאָרטן. אַ פּאָר זיינען געשטאַנען באַם פאַרקויף-טיש, געטרונקען אַ שאַרפן ווערמוט און געשמועסט מיטן באַלעבאָס. דער רויך פון ביליקע ציגאַרעטן האָט פאַרטונקלט די שיין און די ניי-אַריינגעקומענע געשטיקט צום הוסטן. דאָס געשריי פון די שפּילער, די הויכע געשפּרעכן פון די איבעריקע האָט פאַרטומלט. יעדער איינער האָט דאָ געשפּיגן גלייך אַפן פּאָל און צוליב היגיענע, האָט ער מיט אַ פוס צעריבן דאָס שפּייעכץ. אין אַ ווינקל איז געשטאַנען אַן אַלטער שיכור און האָט אויסגערעדט דאָס ביטערע האַרץ

צו זיך אַליין, אַז האָט ער געלאַכט און אַז געוויינט, געשאָלטן און גע־קלאַפּט זיך אין האַרצן.

מאַריאַ מיט זיין באַגלייטער זיינען אויפגענומען געוואָרן מיט אַל-געמיינעם יובל. דאָן פּעפּע, דער באַליטשעראָ, האָט איבערגעלאָזט די מיט-שמועסער און האָט באַגריסט די אַריינגעקומענע. ער האָט געעפנט אַ נייע פלאַש ווערמוט „ווערמיטשעלי" און צוגעגעבן:

— טרינקט, קינדער, צו געזונט!

חברה וואָס האָבן שוין באַוויזן צו פּטרן די פּאָר סענט וואָס זיי האָבן געבראַכט פונעם שניט, האָבן זיך אַרומגעשטעלט און געוואַרט מאַ-ריאַ זאָל זיי מכבד זיין. ער האָט אַרויסגענומען צוויי קנאַקעדיקע הונדיר־טער און זיך געווענדעט צום באַלעבאָס:

— נו, דאָן פּעפּע, ווייזט נאָר דעם חשבון!

— וואָס איילסטו זיך אַזוי מיט דעם חשבון, ער וועט ניט אַנט-לויפן! — האָט דער באַליטשעראָ געענטפערט און פונדעסטוועגן שוין געהאַלטן אין דער האַנט דעם גרויסן פאַרשמאַלצעוועטן בוך און אַפּירגע-נומען דעם בליישטיפט פון הינטערן אויער.

דער בוך איז אָנגעפּיקעוועט געוועז מיט ציפערן און חשבונות פאַר-דרייטע, אַז נאָר דער באַלעבאָס אַליין האָט אין אים פאַרשטאַנען. נאָכן באַצאָלן, האָט מען ווידער געמאַכט אַ כוסה און מכבד געווען די אי-בעריקע.

באַלד איז מאַריאַ איינגעלאַדן געוואָרן שפּילן אַ פירהענטיקן טרוקאָ. מאַריאַ מיט איציען האָבן געשפּילט קעגן צוויי יונגע קרעאָלן. די זייטיקע האָבן זיך אויסגעזעצט אַרום זיי און איינער האָט אויסגעטיילט פּאַסאָליעס פאַר די געוואונענע פונקטן. איינער פון די מיטשפּילער האָט מיט באַ־האַלטענעם חוזק באַמערקט:

— אָ, מאַריאָ, דער גרינגאָ מוז זיין אַ גוואַלדיקער שפּילער אין טרוקאָ!

איציע האָט געוואוסט, אַז בכדי נישט צו פאַרשעמען מאַריאָן, מוז ער אָפּענטפערן מיט פונקט אַזאַ צווייטייטיקער פראַזע:

— שפּילן שפּיל איך ווייניק, נאָר ציילן צייל איך באַגלייך מיט אַ יעדן צפון-מענטש.

אַלע האָבן געלאַכט און מאַריאַ האָט מיט דאַנקבאַרקייט אים צוגע-וואונקען און גדלותדיק זיך אַרומגעקוקט: אָט ווער מיין חבר איז, ער לאָזט זיך נישט אָנטרעטן אַפן פּאַנטשאָ...

די שפּיל האָט זיך צעפּלאַקערט און מיט איר אויך די פּנימער בא די שפּילנדיקע און בא די צוקוקער. דער מינדסטער מאַנעוור איז אַרומ-געֿרעדט געוואָרן.

פון אָנהויב זיינען פּאָרויסגעגאַנגען מיט פּונקטן די צוויי יונגע קרעאָלן און געווינענדיק די ערשטע העלפּט, האָבן זיי געשמאַק אונטער-געלאַכט און דער איינגערער האָט שוין ווידער אַ זאָג געטון:

— מען זאָגט גרינגאָס זיינען גרויסע יעגער, ווייזט אויס אַף היינער, נישט אינעם שפּיל...

דער עולם האָט געלאַכט. אויך אין דער צווייטער העלפּט שפּיל זיי-נען די קרעאָלן געגאַנגען פּאָרויס. נאָר טאַשנדיק די קאָרטן, האָט איציע באַמערקט אַז טייל זיינען בא די ברעגעס קוים באַמערקבאַר געצייכנט און ער האָט אַ געשריי געגעבן צום באַלעבאָס:

— פּאַטראָן, איך בין נישט געוואוינט צו שפּילן מיט אַזאַ מיסט, דערלאַנג נייע קאָרטן, מען וועט דיר גוט באַצאָלן!

די צוקוקער האָבן געחוזקט:

— אוודאי, טויגן זיי ניט, די קאָרטן. זיי שפּילן שלעכט די קאָרטן!...

מיטן בייטן די קאָרטן האָט זיך געביטן די שפּיל. איציע האָט נאָכ-געשפּירט און אונטערגעכאַפּט יעדן וואונק פון די קעגנער און האָט זיי געשלאָגן. ער האָט זיי צעמישט און דערדריקט מיט זיין אויסערגעוויינ-לעכן זכרון, געדענקענדיק פּינקטלעך וועלכע קאָרט ס'איז שוין אַרויס און וועלכע עס מוז זיך געפינען באַם קעגנער. די צוויי קרעאָלן האָבן זיך באַלד צעקריגט און האָבן באַשולדיקט איינער דעם צווייטן אין שלעכטע קאָמ-בינאַציעס. די שפּיל איז געוואָרן לאַנגווייליק און האָט זיך גיך געענדיקט. מאַריאָ האָט אַ רוף געטון:

— דאָן פּעפּע, וויפל קומט, איך צאָל, סיי ווי, געוואונען ניט גע-וואונען, כ'קום דאָך עפּעס פונעם דרום!

דער צווייטער צד האָט זיך געפונען באַליידיקט, וואָרום פאַרשפּילן און ניט צאָלן דאָס געטרונקענע בעת דער שפּיל, איז אַ גרויסע דערנידרע-

דונג באַ קרעאַלן, האָבן זיי לאַנג געקראַצט אין די בייטעלעך און האָבן באַצאָלט.

די לופט איז פול געווען מיט אויפרודערונג. די מיינונגען האָבן זיך געטיילט פאַר און קעגן איציעס רעכט צו בייטן די קאָרטן אינמיטן דער שפּיל. דער אינגערער פון די מיטשפּילער האָט אַ סך געטרונקען און האָט זיך געהיצט מער פון אַלע. ער האָט פּראָוואָצירט איציען מיט אַלערליי שטעכווערטלעך און דער האָט געהיט יעדע באַוועגונג זיינע און ניט גע־ענטפערט, ווייסנדיק, אַז ס'קען קומען צו גאַנץ טרויעריקע קאָנסעקווענצן און אַלס גאַסט, האָט ער דערצו ניט געוואָלט דערלאָזן. דער קרעאָל האָט זיך אָבער ניט בארואיקט און זיך אַלץ געזידלט, שוין מיט אָנגעגאָסענע שיכורע אויגן:

— מיר דאַכט זיך אַ רוסאַ איז ער, אַט ווער! מען קען זיי שוין גוט, פּחדנים גרויסע. איר וועט זען ווי ער שטעלט פיס.

און ארויסכאַפּנדיק אַ מעסער, זיך אַ וואָרף געטון אַף איציען.

איציע, אָבער, האָט אַ שפּרונג געטון ווי אַן אַקראָבאַט און האָט אים דערלאַנגט אַזאַ זעץ אינעם קין, אַז דער בחור האָט זיך איבערגעקערט און איז געפאַלן אַן אויסגעצויגענער אין דער גאַנצער לענג, און דאָס מעסער איז געפלויגן העט ווייט.

איציע האָט דאָס מעסער אויפגעהויבן און דאָס צונעטראָגן צום קרעאָל, וועלכער האָט שוין באַוויזן זיך אויפצוהויבן.

— נאַ דיר דיין מעסער, שטעך, אויב דו ווילסט. איבער אַ נאַרי־שער קאָרטן־שפּיל וואָלסטו אַ מענטשן דערשטאָכן ווי אַ קצב. און באַ־ליידיקן באַליידיקסטו מיך אומזיסט, ס'איז גאָרנישט מענטשלעך אַזוי...

זיין גבורה און דער מעסיקער טאָן האָבן געווירקט און בארואיקט די געמיטער. מען האָט ווידער געטרונקען און געשפּילט ביז טאָג און איציע איז געוואָרן דער העלד פונעם ישוב.

ערשט אַהיימגייענדיק, איז איציע געוואָר געוואָרן, אַז קוילן טאָר מען ניט ברענען; אַז ברענען מעג מען נאָר פאַר דעם אייגענעם געברויך. דער וואַלד, ווי אַלץ אַרום, זעקס לעגוועס צו מערב, שוין אין די בערג, געהער צו דאָן סאַנטיאַגאָ, דעם עסטאַנסיעראָ פון לאַ קרוז.

מאַריאַ ,וואָס האָט באַם ריידן אונטערגעזוננען ווי אַלע צפון־לייט, האָט שפּאַטיש דערקלערט:

— סיי ווי אן ארבעט ניט פאר אונדזעריקע. א גודנע ארבעט דאס פאטשקען זיך באַ קוילן, ס'איז פאר גאזשעגאס. יאגד, זעסטו, דער אַלטער זאל דערלויבן, וואלט שוין קינד און קייט געגאנגען. אט דאס איז אן עסק פאר קרעאלן. אז גיניא לאלא וועט פארביירייטן — האט ער וויטער געפלוידערט — וועל איך א בעט טון באַ איר דערלויבעניש אף יאגד. זי איז א וואוילינקע, דאס טעכטערל דאן סאנטיאגאס, און רייטן רייט זי מיט זיבן רוחות...

און איציע האט א פלאנדעלע פארטראכט. א ווילדן פלאן אזוינעם.

דאס קליינע שטעטעלע לא קרוז, ווער ווייסט דערפון? פארוואָרפן ליגט עס צווישן די פראווינצן לאס אנדעס און לא ריאכא. דא גייט אן דאס לשון פון די בערג. דא ריידן די ערדישע ריזן אף זייער שטומער שפראך. און דא האט די נאטור א פלאץ געמאכט פאר דעם ישוב לא קרוז. די נאטור, די אייביק יונגע מוטער נאטור, האט גענומען האק און לאם אדער גאר מיט אירע יונגע ציין אזוי לאנג געשקראבעט ביז דער פיצינקער דעק פונעם איבערגעקערטן קאנוס איז ברייטער געווארן און פלאץ געמאכט פאר מענטשלעכע וואוינונגען פון שטיינער צונויפגעלייגטע.

בערגישע מנוחה האט זיך דא איינגעווארצלט אין אלץ, אין די מענטשן, ווי אין די בהמות. מיושבדיק פאשען זיך די ציגן אין און ארום שטעטל. ווען איינע איז מפסיק און פארקוקט זיך, דערזעט זי אלץ ארום ווי תמיד און איר גרויסער געפיל, איר אינסטינקט פון מורא, ווערט בארואיקט און זי צופט זיך ווייטער גרעזל נאך גרעזל, בשעת איר קליינווארג שפילט זיך און טאנצט פון שטיין אף שטיין.

די ציגן באלעבאטעווען איבערן גראז, איבער די הויכע שפיציקע בערג, איבערן זיסן וואסער פון דעם שטורמישן ריטשקעלע. די עטלעכע איינוואוינער באלעבאטעווען איבער די ציגן און איבער זיי אלעמען, איבער מענטשן, בהמות און בערג, איז פאראן איין באלעבאס נאר, דער רייכער עסטאנסיערא דאן סאנטיאגא וועלאזקעז דע אנטשארענא.

דריי זין האט דאן סאנטיאגא. אלע זיינען זיי געראטן אינעם פא-טער, הויכע, פעסטע, עכטע קרעאלן און גרויסע לעב-יונגען. אלע זיינען זיי זיך צעפלויגן. צוויי אזש קיין פאריז ערגעץ און האלטן אין איין פא-דערן געלט. גאנצע טשערעדעס מיט ציגן און שעפעלעך שלינגען זיי דארט איין אין פאריז. דער דריטער איז אין דער הויפטשטאט און איז אויך ניט דערונטער אין פארטאכלעווען דאן סאנטיאגאס האב און גוטס.

ארגענטינע איז גרויס און ליידיק. די ליידיקסטע פון אלע פראווינצן זיינען די צפונדיקע. מעסט מען דא ערד ניט אפן מעטער און ניט אפן העקטאר, נאר אף דער לעגווע. לעגוועס און לעגוועס ארום שטעטעלע לא קרוז, מיטן אויג ניט צו דערכאפן, שפרייט זיך דאן סאנטיאגאס נחלה.

פאשע-לאנקעס, בערג, וועלדער פון אלערליי מינים געהילץ, אף הונ-דערטער יארן צום האקן און קוילן צו ברענען, טויזנטער און טויזנטער שטיק פי, ווילדע פערד... דאס אלץ באלאנגט צום אור־אייניקל פון דעם קאנקיסטאדאר וועלאזקעס. אלץ פארוואנדלט אין געגנוט, אין הוליאנקעס פאר זיינע זין, פאר זיינע צוויי זין אין פאריז און דעם איינעם אין בוענאס איירעס. איין טרייסט נאר האט דאן סאנטיאגא, זיין מעכטערל, זיין מע-זינקע לאלא.

אין האניק און מילך איז זי געכאליעט געווארן, זיין בת-יחידה. שלאנק און צארט איז זי, ווי איר מוטער, און קלוג און שיין, מיט אויגן ווי בא א בארג-פומא און גוט צו יעדן. און ווער א טובה באדארף, ווער באם פריץ עפעס פועלן וויל, ווארט ער אפריער אף ווען ניניא לאלא וועט פארביישפאצירן אף איר אווערא-פערד און דעמאלט בעט ער בא איר א גוט ווארט זאגן פארן פאטער. און גיט זי א שאקל מיטן קאפ אף יא, מעג מען שוין זיין זיכער, אז די בקשה וועט דערפילט ווערן.

אלע מיידלעך איר גלייכן, פריצישע טעכטער פון יענע קאנטן, פארן ווינטער־צו אין דער הויפטשטאט. דארט גיבן די רייכע מומעס בעלער, דארט לערנט מען זיך אריסטאקראטיש באגיין אין געזעלשאפט און מען פראוועט ארגיעס, וואס האבן א שם. לאליטא — ניט. לאליטא פארלאזט ניט איר עסטאנסיא, זי פארלאזט ניט איר פאטער און ניט דאס קליינינקע שטעטעלע לא קרוז, וועמענס איינוואוינער זיינען אלע דאן סאנטיאגאס פאסטוכער און פעאנען.

דאן סאנטיאגא האט א נייעם הודזאן פאר פופציק טויזנט פעזעס,

נאָר זעלטן אַז לאַליטאַ פּאַרט אין אים. זי זאָטלט אָן יעדן פרימאָרגן איר אָווערא מיט די קלוגע אויגן, קושט אים אויס פון ליבשאַפט דאָס גאַנצע פּנים און גאַלאָפּירט אַף אים שעהן-לאַנג איבער איר פאָטערס רחבותדיקע נחלות, וואוהין איר נײַנצניעריקער אומרו טראָגט זי.

דאָס אַלץ איז איציע געוואָר געוואָרן פון וואַלד-אײַנוואוינער. האָט ער פון זײַן רענצל אַרויסגענומען זײַן שײַנעם אָנצוג און טשאַליטאַ, מאַריאָס שוועסטער, האָט דאָס אײַנציקע פּרעסל אינעם ישוב געליגן און ווי נײַ אויסגעפּרעסט. און ער האָט מאַריאָס אָגער אָנגעזאָטלט און אין דער ריכטונג פון די בערג פּאַרטאָג אַוועקגעריסן, דאָן סאַנטיאַגאָס בת-יחידה טשאַטעווען, ווען זי מאַכט איר געוויינלעכן פרימאָרגן־שפּאַציר.

איין טאָג האָט ער אומזיסט געוואַרט. ווײַזט אויס, אין אַ צווייטער ריכטונג האָט זי שפּאַצירט, און אַפן צווייטן טאָג, ווען ער האָט דערזען די אַמאַזאָנקע אַף דעם געפּלעקטן פערד, האָט איציעס האַרץ האַסטיק געקלאַפּט און ער האָט כמעט זײַן קוראַזש פאַרלוירן.

ער האָט איר געמאַכט אַ צייכן זי זאָל זיך אָפּשטעלן און אַ זאָג געטאָן:

— סעניאָריטאַ, איך בין אַ פרעמדער און וויל בּאַ אײַך בעטן אַ טובה, וואָס דאַרף אַרומגערעדט ווערן; איז אָדער הערט מיך אויס דאָ, אָדער דערלויבט מיר אײַך צו באַגלייטן.

זי האָט אויפמערקזאַם באַטראַכט דעם פרעמדן. זײַנע גוטע בלויע אויגן האָבן בּאַ איר אַרויסגערופן צוטרוי. זײַן שטאַלטנע פיגור, אָנגעפּולט מיט קוועקזילבערדיקער רירעוודיקייט, האָט זי אַ מאָל געצויגן, אַ מאָל געשראָקן. געוואוינט צו אַלערליי בּיטעם אונטערטעניקע אַף אירע שפּאַצירן, האָט זי מיט פּריצישער גדלות, ווי תמיד, געענטפערט:

— נו, זאָגט וואָס ווילט איר?

— ווי קען מען ריידן וועגן אַן ענין ווען דער אָווערא און זײַן בּאַלעבאָסטע זײַנען אין אַ פּאָזיציע אוועקצוגאַלאָפּירן אינמיטן?

לאַליטאַ האָט זיך גוטמוטיק צעשמייכלט:

— נו, באַגלייט מיך!

ווי איציע האָט געהאַלטן זײַן האַנט אַפן פערדס רוקן, אַזוי האָט זײַן קערפּער אַ שפּרונג אונטער געטון און שוין געזעסן אין זאָטל.

זי האָט זיך שטאַרק געחידושט אַף זײַן אַקראָבאַטישן שפּרונג און גראַציעזן רײַטן.

זײַט באַ זײַט מיט דער מיוחסדיקער בת-יחידה, װעלכע האָט אַלע װײַלע גדלותדיק פֿאַרשנירעװעט איר פּיסקל, האָט איציע רײַטנדיק פֿאַנאַנ-דערגעװיקלט זײַן פּלאַן. ער האָט איר געמאָלן דאָס צוריקגעשטאַנענע לעבן אין װאַלד, די װאױנונגען, די דערציונג, די נאַכלעסיקײט און די לײדיק-גײערײ פֿון די װאַלד-באַװאױנער. זײַן פּלאַן איז אַ באַשײדענער. אַ, די אַלע גוטע מענטשן װעלן האַקן װאַלד, װעלן ברענען קױלן און די קױלן פֿירן אין שטאָט. דערנאָך װעלן זײ די ערד אױסקאָרטשעװען פֿון די פּענ-קעס און װערן גוטע פּױערים. װאָס שײך דעם פּריץ, װעט ער האָבן רײ-נעם רװח. דרײַסיק פּראָצענט טױגבאַר האָלץ װעט ער באַקומען, דרײַסיק פּראָצענט קױלן און דרײַסיק פּראָצענט פֿונעם שניט אַ צײַט פֿון יאָרן. אַזאַ קאָנטראַקט זאָל דער פּריץ מיט אים מאַכן און די געגנט װעט װערן אַ ברכה. מענטשן װעלן אַרבעטן און פֿאַרדינען, סוחרים װעלן קומען און זיך באַזעצן און די רעגירונג װעט בױען שולן, עפּענען װעגן און... אײער נאָמען װעט געבענטשט װערן פֿון פֿיל מײַלער...

די פּריצהטע האָט אַ װײַל אײַנגעהאַלטן איר פֿערד:

— און איר, װער זײַנט איר און װאָס איז אײער מײַן דערבײַ?

— איך? איז אײַך אינטערעסאַנט, פֿרײַלן, אױסצוהערן אַװאַנטו-רעס פֿון טױזנט און אײן נאַכט?

דאָס דור-דורותדיקע פּריצישקײט האָט זיך קאָנצענטרירט אַף איר געזיכט און זי האָט באַװיליקט אַ זאָג צו טאָן:

— נו, אַז מען הערט, מוז מען שױן הערן אַלץ. דערצײלט, איך װיל װיסן װער איר זײַנט.

און איציע האָט דערצײלט פֿון זײַן לעבן.

פּאַװאָליע, פּאַװאָליע איז ער פֿון זײַנע שילדערונגען אַלײן אַרײַן אין עקסטאַז און האָט פֿאַרגעסן, אַז זײַן צוהערערין איז ניט מער און ניט װײניקער װי װעלאַסקאַ דע אַנטשאַרענאַ. ער האָט זי געזען פֿאַר זיך צו-זאַמען מיט איר פֿערד װי אױסגעגאָסן אין אײן קלאַסישער פֿיגור. אירע מאַטעװע קרעאַלישע שטריכן האָבן צוגעגעבן איר געטאָקטן פּנים אַ לי-רישן קאָלאָריט: אירע פֿײַכטע אױגן זײַנען אַרײַנגעדרונגען אין זײַן װעזן

און אים האָט זיך געדאַכט, אַז זיי זיינען ביידע איינס; אַז ער איז זיך מתוודה פאַר זיך אַליין און גיסט אויס זיין האַרץ דערצייילנדיק.

זיבעצן יאָר איז ער אַלט געווען, ווען די ווייסע האָבן זיין פאַמיליע אויסגעקוילעט. ווען ער איז אַהיימגעקומען פון דער שטאָט וואו ער האָט שטודירט, האָט ער געטראָפן דעם חורבן. ער איז דעמאָלט אוועק אין דער רויטער אַרמיי זיך נוקם זיין אָן די מערדער. ווי אַ רייטער-אָפיציר האָט ער אַנטיילגענומען אין הונדערטער שלאַכטן, ביז ער איז אַריינגעפאַלן צו די פאָליאַקן אין געפענגעניש. די פּוילישע כוליגאַנעס האָבן זיך איזדיע-קעוועט איבער אים און אַ דאַנק זיין געשיקטקייט, איז ער אַנטלאָפן קיין דייטשלאַנד און פון דאָרט איז ער אַריבערגעקומען צו זיינע קרובים קיין אַרגענטינע...

ער האָט איר דערציילט דעם אמת, ווי דערוויידער ס'איז אים זייער אַרט לעבן, ווי ער האָט זיך נישט געקענט צופּאַסן צו זייערע פּרנסות און צו זייערע מנהגים און איז אוועק טיף אין לאַנד. אַלערליי אַרבעטן האָט ער געטון, אַלערליי אַוואַנטורעס דורכגעמאַכט, ביז לסוף, האָט ער זיך אָן אַ סענט געלט אַרויפגעכאַפּט אויף אַ לאַסט-צוג קיין ריאַכאָ און האָט גע-מוזט אינמיטן וועג אַראָפּשפּרינגען. ווי אַזוי מאַריאַ האָט אים אַ הונ-געריקן און אַ דאַרשטיקן געפונען אין וואַלד און אים מיטגענומען צו זיך אַ היים און זיי, די גוטע מענטשן, לעבן נאָך ווי זייערע עלטער-על-טער-זיידעס אין שמוץ און אין ליידיקגייעריי. האָט ער דעריבער אָט-דעם פּלאַן פאַרטראַכט און ער וועט אים דורכפירן, אויב נאָר...

איציע האָט זיין פראַזע ניט פאַרענדיקט. אַ וואונדער האָט ער דער-זען; נישטאָ מער לעבן אים די גרויסע מיוחסת, די פריצישע טאָכטער, און אויף איר אָרט רייט לעבן אים אַ פול-פילנדיק מיידל; אין אירע אויגן גלאַנצן טרערן פון מיטלייד און געריירטקייט. געריטן זיינען זיי האָרט פערד בא פערד און זי רופט זיך אָן צו אים גאַנץ היימיש:

— אייער פּלאַן, יונגערמאַן, איז צו נאַיוו. פּוילענצער זיינען זיי אַלע, די נאַטיווע. זיי וועלן גיכער לעבן אין מיזעריע, אין שמוץ, איידער אַרבעטן...

איציע איז אַזש אויפגעשפּרונגען צוזאַמען מיט זיין פערד פון אָט די רייד:

— און אפֿן דרום, אַרבעטן זיי דען נישט באַם שניט! און אָפּט-מאָל נאָך פֿלייסיקער פֿון די איטאַליענער!

— יעדנפֿאַלס, יונגערמאַן — האָט זי אים אָפּגעענטפֿערט — איז עס אַ שווער שטיקל אַרבעט, זייער אַ שווער שטיקל אַרבעט מיט מיין פֿאָטער. ער וויל נישט הערן פֿון האַקן דעם וואַלד. ס'איז אַ צוואה נאָך פֿון זיין עלטער-זיידן.

— אַ קלוגע טאָכטער איז שטאַרקער נאָך פֿון אַ זיידנס צוואה! — האָט איציע אַ זאָג געטון.

זי האָט אַ שמייכל געטון און באַלד צוריק באַקומען איר פּריצישן שטעל. זי האָט אָנגעכמורעט איר איידל פּנים, אַ דריק געטון מיט די שפּאָרן דעם אָוועראַ און איז אַוועק. שוין אין מיטן גאַלאָפּירן, האָט זי זיך אויסגעדרייט צו אים מיטן פּנים און אַ געשריי געטון:

— וואַרט אויף מיר זונטיק באַ מאַריאַן!

איציע, ווי תמיד ווען ער איז אויפֿגערעגט, האָט ער געטראַכט אין פּשוטן אידיש: „כ'האָב זי אין דער ערד, די מיוחסת!... אַ מין אַנט-לויפֿן!... לאָמיך נאָר קריגן דעם קאָנטראַקט, דאַרף איך זי אויף דריי הונ-דערט כּפּרות!...״ און דאָך איז איר מאַטעווע פּנים מיט דעם גדלותדיקן פֿאַרשנירעוועטן מיילעכל נישט פֿאַרשוואונדן פֿון זיינע אויגן און ווי אַ זלידניע פֿליג ווען זי טשעפּעט זיך צו צו אַ פֿאַרשוויצט פּנים, כאָטשע טרייב זי און טרייב זי, איז לאַליטאַ נישט אַרויס פֿון זיינע מחשבות.

ער איז געפֿאַלן באַ זיך. געוואוסט האָט ער, אַז פּריצים איז שווער איבערצוריידן, אַז זיי זאָגן ניין, איז פֿאַרפֿאַלן. אַחוצדעם האָט אויף אים געמאַכט אַ פּייגלעכן איינדרוק לאַליטאַס אַנטלויפֿן אומגעזעגנט. דאָס האָט אים דערנידעריקט און פֿאַרשעמט און דער גאַנצער פּלאַן זיינער האָט אים אַליין אָנגעהויבן אויסזען אַן אוטאָפּיע. ער האָט זיך דערמאָנט אָן מאַריאַס סאַרקאַסטישן טאָן: „ברענען קוילן, דאָס איז אַן אַרבעט פֿאַר גאַזשעגאַס!״ און האָט שוין אפֿילו באַשלאָסן באַ זיך איבערוואַרטן באַ מאַריאַן ביז דער צווייטער וואָך און דערנאָך זיך דערשלאָגן קיין בוכווי צום פֿעטער.

די גאַנצע וואָך איז איציע צוזאַמען מיט די וואַלד-בחורים געווען אין באַליטשע, געשפּילט אין קאָרטן, געטרונקען, געגרויבערט און זיך געזידלט.

אין דער היים האָט טשאָלא, מאַריאַס שוועסטער, זיך געהאַלטן אין איין פוצן, זיך געפּלאָכטן אַלערליי צעפּלעך, באַנעצנדיק אַלע מאָל די פינ-גער מיט שפּייעכץ. זי האָט געשמאַרצט די באָלעבעס אַף איציען, ווי זי זאָל אים וועלן מיט איין מאָל איינשלינגען. נאָר ווען ער פּלעגט זיך ווענדן צו איר מיט אַ פראַגע, פלעגט זי זיך פאַרלירן, רויט ווערן און אַנטלויפן פון יענער זייט שפּאַניער-ווענטל. גאַנץ פרי, ווען זי פּלעגט די מאַטע דערלאַנגען, האָט זי לאַנג זיך געבריהט, אַז די מאַטע זאָל אַרויסקומען אַ באַטעמטע און נאָך יעדן טרינקער אָפּגעווישט מיט די פינגער דאָס פּיסקל פון דער באָמביזשאַ. ווען זי האָט די מאַטע דערלאַנגט איציען, האָט זי מיט ליבשאַפט געפרעגט צי זי שמעקט אים, צי זי איז לויט זיין געשמאַק.

זונטיק פאַרטאָג, אַהיימגייענדיק מיט מאַריאַן פון באָליטשע מיט דער וואַלד-סטעזשקע נאָך אַ גאַנצער נאַכט שפּילן, האָט איציע אַ זאָג געטון צו מאַריאַן:

— נו, ברודערקע, גענוג געזעסן אַף אייער קאָפּ. מאָרגן שפּאַן איך אוועק, זיך דערשלאָגן קיין כוכוי. כ'וויים נאָך נישט מיט וואָס אָפּדאַנקען דיר פאַר דעם אַלעמען.

— הער מיך אויס, איסאַ! — האָט מאַריאַ דערויף גענומען זיך בעטן בא איציען. — וואוהין לויפסטו? וואָס דאַרפסטו גיין זוכן גליקן? זיי מיט אונדז! אין די פּאָר וואָכן בין איך צוגעוואוינט געוואָרן צו דיר גלייך דו זאָלסט זיין מיין לייבלעכער ברודער. דאָס אייגענע בא מייניקע... ביזט דער בעסטער שפּילער אינעם ישוב און חברה האַלט אַ וועלט פון דיר. ווי וועט אַ טרוקאַ האָבן דעם טעם אָן דיין קאָמפּאַניע? פאָלג מיך, — האָט ער זיך געבעטן, — בלייב מיט אונדז, מיר וועלן צוזאַמען גיין אַף יאַגד, איבעראיאָר וועלן מיר צוזאַמען פאָרן אָפּן שניט צום דרום. גאָר גיך וועט מען אין הויף מאַרקירן דאָס פי, וועט זיין אַרבעט. נאָכדעם קומט דער יום-טוב פון דער הייליקער כואַנאַ, די פּאַטראָנאַ פון אונדזער געגנט. מען קומט זיך צונויף פון דער גאַנצער געגנט און מען טאַנצט פּעריקאָן. וועסט זיך אַ טשיניטאַ אָפּזוכן און מיט אונדז אינעם ישוב וואוינען... פאָלג מיך, פאַר נישט, איסאַ, מיר וועלן אַלע שטאַרק בענקען נאָך דיר, אויך מיין מוטער און טשאָליטאַ...

בעת מאריא האט ארויסגערעדט דעם נאמען מיט זיין נאָרדישן אַק־צענט, האָט ער באַדייטנספול איבערגעחזרט:

— יאָ, טשאַליטאַ אויך...

— מאריאָ, — האט איציע געענטפערט, — איך האָב כמעט דאָס אייגענע געטראַכט און האָב אַן עסק פאַרמישט. נו, איז דאָס עסק, דאַכט זיך, נישט אַרויסגעקומען, וועל איך מיך מוזן אָפּטראָגן. אונדזערס אַ מענטש קען נישט לעבן אָן באַשעפטיקונג און איך בין פון די קליינע איינזיצערס בכלל.

— וואָסער אַן עסק, איסאַ? דערציילט? אפשר פון מיידלשע ענינים? דו דערציילט מיר, ס'קען נאָך אַלעם גוט ווערן.

איציע האָט אים דערציילט. דערציילט האָט ער וועגן זיין פּלאַן, וועגן זיין געשפּרעך מיט דעם פּריצס טאָכטער און וועגן איר אַנטלויפן אומגעזעגנט.

מאריאָ איז געבליבן געפּלעפט:

— ביזט באַם זינען, איסאַ? דער אַלטער וועט גיכער פּלאַצן איי־דער לאָזן דעם וואַלד האַקן. ס'איז באַ זיי אַ משפחה־פּאַרבאַט. און, די קרעאָלן וועלן קיין קוילן נישט ברענען. סיידן, די ווייבער אפשר...

וואָס מער לאָליטאַ האָט געדריקט מיט די שפּאָרן איר אָווערא, וואָס גיכער דאָס פערד האָט געלאָפירט, אַלץ אומרואיקער איז זי געוואָרן און געדאַכט האָט זיך איר, אַז דעם פרעמדנס דורכדרינגענדיקער בליק רייט מיט איר צוזאמען און באַהערשט זי. זי האָט זיך געראַנגלט מיט אַ שטאַרקן באַנגער אין איר: זיך אומקערן, אים אַניאָגן, אים איבערבעטן פאַר איר בת־יחידישן אַנטלויפן אָן אַ פּאַרוואָס, אָננעמען זיין האַנט און מיט איר גלעטן דאָס אייגענע פּנים... ווי גליקלעך וואָלט זי געווען ווען זי טוט דאָס! און בכדי נישט אונטערצוגעבן זיך דעם אויסטערלישן באַנגער, האָט זי איר קאָפּ צום פערדס אויער צוגעבויגן און אַריינגעשעפּטשעט: אָווע־ריטאַ, טייערינקער אָווערִיטאַ, ראַטעווע, אַנטלויף!...

און דער אָווערא האָט זיין באַלעבאָסטע פאַרשטאַנען און אויסגע־צויגן זיין לאַנגן שיינעם גוף, אויסגעשטרעקט דעם שמאָלן געטאָקטן קאָפּ, צעשפּרייט זיינע ברייטע אָפענע נאָזלעכער און מיט אַלע כוחות געוואָרפן זיינע לאַנגע געפּלעקטע פיס, כמעט נישט אַנרירנדיק מיט זיי די ערד.

געקומען אין הויף, איז לאַליטאַ אריין צו זיך אין צימער, זיך נע-וואָרפן אף איר רייך-באַדעקטן בעט לואי 15-טער און דעם ערשטן מאָל אין איר לעבן געוויינט אָן אַ פּאַרוואָס, אָן אַ קלאָרער סיבה. געוויינט האָט זי שטיל, דער פאָטער זאָל נישט הערן, נאָר מיט אַ שלוכץ, גלייך עמיצער וואָלט זי טיף באַליידיקט, זי לאַליטאַ דעם פּריצס טאָכטער.

האָט די אַלטע ניאַנקע, די פינף-און-זיבעציק-יעריקע בתולה ניאַ פּעטראָנאַ, דאָך דערשמעקט, אַז די ניניאַ וויינט און בשתיקה דאָס דער-ציילט דעם פאָטער, דאָן סאַנטיאַגאָ. זי האָט פאַרצווייפלט געבראָכן די הענט: — גאָט מיינער, אפשר נאָך אַ דאָקטער שיקן, אפשר דעם קוראַנ-דעראָ רופן! מיין פּיצל קינד, נעבעך!... און דאָן סאַנטיאַגאָ האָט זי ברוגזלעך באַרואיקט: — גיי שוין, אַלט פערד, ס'איז גאָרנישט, אַ מיידל אין אירע יאָרן, מאַכט זיך אַמאָל... מען דאַרף זי לאָזן צו רו און נאָכדעם וועלן מיר זען...

אפן צווייטן פרימאָרגן, האָט דער אַלטער געהייסן אָנזאָטלען זיין פּאַמפּעראָ, אפּירגעקומען זיין צוויי-רערנדיקע שרויט-ביקס, אויסגעקליבן צוויי פון זיינע בעסטע יאַגד-הינט און שוין באַם פרישטיק כמעט באַ-פוילן:

— לאָלאַ טייערע, באַגלייטסט מיך אף יאַגד. מיר פאָרן אין „אַד-לער-נעסט".

האָט לאָלאַ אין זיך שטאַרק שטאַרק געפרייט, וואָס זי וועט האָבן אַזאַ געלעגנהייט מיט איר פאָטער איבערצורייד|ן וועגן פרעמדן יונגנמאַנס פּלאַן און איינוועגס פאַרברענגען אף יאַגד מיט איר פאָטער. אַ זאַך, וואָס פון קליינוויין איז דאָס באַ איר געווען דאָס גרעסטע פאַרגעניגן, און אַרוים-רייטנדיק, האָט זי געטראַכט ווי אַרום אָנצוהויבן מיט איר פאָטער דעם שמועס.

קליין איז דער באַרגישער האָריזאָנט, שמאָל איז די סטעזשקע צווישן די הויכע באַרג-ווענט. עס דאַכט זיך עמיץ האָט זיי אַוועקגעשטעלט, די בערג, ווי אייביקע היטערס, און אָנגעזאָגט זהר והזהר שטיין בהתמדה און היטן. ווער האָט זיי אַוועקגעשטעלט די הויכע גולמס? און אפשר איז ער שוין נישטאָ דער באַפעלער זייערער, און זיי שטייען נאָך אַלץ אַזוי טויט ערנסט און וועלן שוין אַזוי אייביק שטיין, בארג קעגן באַרג, וואַנט קעגן וואַנט! ווייסעך וואָס, ווער באַפעלער, וואָס באַפעלער! די

אינקאָם װײַסן בעסער און אין זײַער ספר בראשית איז געשטאַנען גע־שריבן, אַז גאָט האָט באַשאַפן די װעלט אַ גלײַכינקע, אַ פּלאַטשיקע און װען ער האָט נאָך דער אַרבעט זײַנער, די שאַפונג באַטראַכט, האָט ער אױסגערופן: „פֿי, אַ מין גלײַכעניש, כאָטש קײַקל זיך!" און איז אַװעק צו זײַנע אוצרות אין הימל און פֿון דאָרט אַראָפּגעשאָטן גאַנצע זשמע־ניעס בערג...

געריטן זײַנען זײ שטיל אײנס הינטערן צװײטן. שװער איז צו פֿאַר־שװעכן דאָס שװײַגן פֿון די ריזן.

דער װעג באַרג־אַרױף האָט זיך געשלענגלט, זיך געדרײט אַרום זיך אַלײן, זיך געשפּילט אין באַהעלטעניש מיט די רײַטער: אָט איז ער פֿאַרנט, אָט איז ער אין אײן זײַט, אָט אין אַ צװײטער און איבערקלײַגערנדיק דעם באַרג, געקראָכן העכער און העכער אױף זײַן רוקן.

דער פּאַמפּעראָ און דאָס קריאָזשע־פֿערדל, װאָס לאָליטאַ איז אױף דעם געריטן, האָבן פֿעסט געשטעלט זײַערע פֿיס איבערן גליטשיקן שטײ־נערנעם װעג. װען זײ האָבן דערגרײכט דעם אױבערשטן פּלאַכלאַנד, איז דער רחבותדיקער פֿאַרנעם אַרײַנגעדרונגען אין אַלע זײַערע גלידער.

דער דינער האָט אױפֿגעשטעלט אַ געצעלט, געעסקט זיך אַרום פֿײַער און קאָך־מכשירים. די פֿערד האָבן גיך געצופּט דאָס געשמאַקע פֿעטע גראָז, צוליב װעלכן מען האָט דאָס פּלאַכלאַנד גערופֿן „פּאַמפּאַ װעלאַסקעז".

װען דער דינער האָט די ערשטע ביטערע מאַטע דערלאַנגט, האָט דער אַלטער דורכגעזױגן װי צװישן די צײן:

— כ׳געדענק, צוריק מיט דרײַסיק יאָר, מיט דײַן מוטער דער פֿאַר־שטאָרבענער בין איך דאָ געװען. מיר האָבן שױן דעמאָלט אַ קינד געהאַט. זי איז דעמאָלט געװען, דײַן מוטער, אין דײַנע יאָרן. און דו, לאָלאַ, מײנסט ביזט נאָך אַ קינד... אװדאי װאָלט איך געװאָלט דיך פֿירן צום אַלטאַר, אָבער דאָ קײן יונגעלײַט, װי פֿאַר מײַן שטאַנד, זײַנען נישט פֿאַראַן און, אַרױספֿאָרן װילסטו נישט...

לאָלאַ האָט געלאַכט אױפֿן קול און איר געלעכטער האָט אָפּגעקלונגען מיט אַ צװײטן עכאָ:

— װעסט נאָך פֿירן, טאַטעלע! ס׳װעט באַשערט זײַן, װעט מײַן זיװוג קומען אַהער. דער װינט װעט אים ברענגען אױף זײַנע פֿליגל. פֿרעג

גיאַ פעטראַנאַ, זי ווייסט דאָס, אין אַלע אירע מעשהלעך קומען די שיינע חתנים צו פליען אַף די פליגל פונעםווינט, כאַ-כאַ-כאַ !...

און נישט וואַרטנדיק ביז ער וועט די מאַטע אויסזופן, האָט זי אים אַרומגעכאַפּט און אויסגעקושט דאָס פּנים.

דער אַלטער האָט געשמייכלט פון גרויס פאַרגעניגן:

— נו, לאָז צו רו שוין, נאַרישע אינדיטשקע, באַלד קושט זי זיך! מסתמא שוין עפּעס אַ טובהלע דאַרפסטו אויסבעטן, איך קען דיך גוט, נו לעק שוין ווייניקער, שיט אויס, וואָס ווילסטו?...

און ער האָט דאָך אַלע ווײַלע אונטערגעשטעלט זיין אַלט צעקאָר-טשעטע פּנים אונטער לאַליטאַס מויל און געזשמורעט די אויגן פאַר תענוג.

— טאַטעלע, נישט אַ טובה פאַר עמיצן, נאָר אַ טובה פאַר יעדן!

— און מאַכנדיק זיך קינדיש, ווי דעם פאָטער אירן פלעגט געפעלן, האָט זי וואָרט בײַ וואָרט איבערחזרט איציעס פאָרשלאָג.

מיט יעדער פראַזע ווייטער וואָס די קליינע האָט מיט באַגייסטערונג איבערגעגעבן דעם פאָטער, האָט זיך זיין פּנים געענדערט. ער איז צוריק געוואָרן דער שטרענגער דורותדיקער פּריץ. דאָס בלוט האָט אים געשלאָגן אין פּנים פאַר רציחה:

— אַזאַ עזות! מיין וואַלד איז בײַ מיר טייערער פון זיי אַלעמען, די שמוציקע חברה!... גיב זיי וואַלד צום האַקן, גיב זיי!... אין מיין על-טער-זיידנס וואַלד וועלן זיי קומען מיט העק און מיט געפּילדער אים חרוב מאַכן! איך וועל זיי מיט אַט דער ביקס אַלע אָוועקגעלייגט! סעניאָריטאַ לאַלאַ, כ'זאָל מער ניט הערן דערפון!...

דער יאַגד איז שוין געווען אַ פאַרשטערטער.

צווישן פאָטער און טאָכטער איז אָוועק אַ דיפּלאָמאַטישע מלחמה. די טאָכטער פלעגט, ווי פריער, יעדן פרימאָרגן אָפּטראָגן דעם פאָטער אַ גוטמאָרגן און יעדן אָוונט די גוטנאַכט. נאָר דער שטענדיקער שטיפערי-שער גלאַנץ פון פרייד אין אירע אויגן, איז געווען אויסגעלאָשן. בענק-שאַפט פון פרוי האָט באַהערשט איר גוף און די געשטאַלט פון יענעם בחור, זיין טרויעריק קול און די גרויסע שאַרפע אויגן זיינע, זיינען רק געשטאַנען פאַר איר און געשעפּטשעט: „און אייער גאָמען וועט ווערן אַ ברכה אין פיל מיילער"...

ווידער איז דערשינען די אַלטע פעטראָנא פאַר איר באַלעבאָס. דאָס מאָל מיט מער פחד אַף איר געזיכט און זי האָט געשטאַמלט:

— פאָטערל, זיי ניט ברוגז אַף מיר, דאָס קינט וויינט אָפּט דורך די נעכט. זי וויל מיר ניט זאָגן וואָס איר איז, מיין פייגעלע. אפשר איז דאָס שלאָף, חלילה.

דאָסמאָל האָט דער אַלטער גאָרנישט געזאָגט דער ניאַנקע, נאָר אַ טיפע זאָרג האָט מיטאַמאָל די עלטער אַף זיין געזיכט אַרויסגעצויגן און איינגעשרומפּן איז געוואָרן זיין הויכער גוף. אַרומגעגאַנגען איז ער אי-איינגעשרומפן איז געוואָרן זיין הויכער גוף. אַרומגעגאַנגען איז ער אַ-בער אַלע ווינקלען פון זיין גרויסן גוט און גערעדט צו זיך אַליין: דער שד וויים אים, דעם פרעמדן בחור, וואָס פאַר אַ שדים האָבן אים אַהער פאַרטראָגן! כאָטשע עפּעס אַ סוחר וואָלט ער געווען, איז ער אַ פּענטאַק און אַ גראָשן, גיי שרייב מיט אים קאָנטראַקטן!...

נאָך אַ פּאָר טעג קלערן אַזוי, האָט אויפגעלויכטן אַ געדאַנק אין זיין פאַטערשן מוח: ווער ווייסט פאַרוואָס זיין טאָכטער ליגט איין וועלטן, מיסתמא געפעלט ער איר, דער בחור... מען וואָלט באַדאַרפט חוקר ודורש זיין, וואָרום היינטיקע ציימן זיינען זיי, די קינדער, באַלעבאַטים און קלויבן זיך אוים לויט זייער איינזען, ניט ווי אַמאָל...

אָוונט-צייט, בשעת זיין טאָכטער האָט אים גוטנאַכט געזאָגט, האָט ער זי פאַרהאַלטן:

— זאָג מיר, לאַלאַ, ווער איז ער דער תכשיט, וואָס אונדזערע וועלדער געפעלן אים? לאָמיך אים קענען, וועלן מיר זען...

לאַליטאָס אויגן האָבן אויפגעגלאַנצט:

— פּאַפּיטאָ, ליבער, איך ווייס אַז דו ביזט אַ גוטינקער, כ'וועל דיר יעדן אבער אויסקושן.

— נו, לעקסט שוין ווידער. איך וויל אפריער וויסן ווער דער פאַרשוין איז. איר, וויבער, זיינט לייכט אָפּן געדאַנק, ס'איז גרינג אייך אָפּ-כוימלען.

— זאָל איך אים פאַרבעטן צו אונדז אַף זונטיק צום מיטיק, מאַ-טינקע?

— זאָל זיין אַזוי!

דאָס מיידל האָט קוים דערצויגן די צוויי מעת-לעת ביז זונטיק פרי. פאַר פרייד האָט זי געטאַנצט, געשפּרונגען ווי אַ פּיצל קינד, אַרומגעכאַפּט

פּלוצים די אַלטע גיאַניע קושן און שטאַרק, מיט אַלע כוחות, צוגעדריקט צו זיך, אַזש די אַלטע ביינער האָט געטרעשטשעט: — „טעכטערל, וועסט מיר מיינע צעפּאָרענע ביינער אַלע איבערברעכן... פּאַוואָלינקע, טעכטערל! — האָט זי זיך געבעטן, זי איבערגעצלמט און פון גליק געלאָזט אַ טרער. אַט האָט זי דעם פאָטער אויפגעהויבן און אים גענומען טראָגן, אַז דער אַלטער האָט זיך דערשראָקן: — משוגענע, וועסט זיך נאָך אונטעררייסן". און די דינערשאַפט האָט געקייכט פון געלעכטער: „אַ פעסטע זי איז, די גיניאַ!"...

לאַלאַ האָט געטראַכט: זי וועט זונטיק פרי צורייטן צום פרעמדן בחור, פריי באַ זיין האַנט אָנעמען און זאָגן: „כ'האָב אויסגעוויינט באַ מיין פאָטער וואַלד פאַר דיר, כ'וועל אויך אַ גרוים פאַרמעגן פועלן באַ אים, קום נעם מיך!..."

און זונטיק פרי, ווען איציע האָט שוין גערעכנט זיך גרייטן אין וועג, איז לאַליטאַ אָנגעלאָפן אַף איר אָוועראָ ווי אַ ווייכער, אפילו פונעם פערד ניט אַראָפּ און איציען כמעט ווי באַפוילן:

— איר וועט זיין באַ אונדז היינט אַף מיטיק, מיין פאָטער וויל אייך קענען, אפשר וועט זיין ווי איר ווילט.

דעם יונגנמאַנס אייגנליבע איז געווען שטאַרק פאַרוואונדעט. גע-זאָגט האָט אין אים דער כעס פאַר איר באַהאַנדלען אים ווי אַ דינער. נאָר צוליב דער אונטערנעמונג וואָס ער האָט פאַרטראַכט, האָט ער נאָר-ניט רעאַגירט, ער האָט נאָר מיליטעריש, אין האַלבן שפּאַס צוגעלייגט די האַנט צום שטערן און געענטפערט:

— אַזוי וועט זיין ווי איר האָט באַפוילן, האַרינטע!...

נאָר זיי ביידע האָבן ניט באַמערקט ווי אַ קאָפּ האָט זיך אַרויסגע-רוקט פונעם ראַנטשאָ, אַ מיידלשער קאָפּ מיט שפּרודלדיקע קעצישע אויגן. אַ ווײַלע האָט דער קאָפּ זיי באַטראַכט און איז פאַרשוואונדן פול מיט צער און אינערלעכן געוויין...

די פיינע מאכלים און דער גוטער ווײַן האָבן געררייצט איציעס גו-מען און געוואָלט האָט זיך אים זייער קייען מיטן פולן מויל, מיט הנאה. אייגנטלעך, האָט מען ניט באַדאַרפט אפילו קייען די לאַטקעס, ווי נאָר זיי זיינען אריין אין מויל, האָבן זיי זיך שוין אליין געגליטשט אין האַלדז, נאָר מעשה סוחר אין פריצישער געזעלשאַפט, האָט ער גלייך ווי זיי, גע-

שניטן פענעצלעך לאטקע און מיט דעם גאפל באלעבאטיש געטראגן צום מויל. און צווישן קיי און קיי האט ער דעם אלטן דערציילט וואס פאר א גלענצנד געשעפט ער וועט מאכן: הכנסה פון האלץ, הכנסה פון קוילן, פון תבואה און צום סוף ערשט, וועט יעדער שפאן ערד, אקער־ערד, ווערט האבן גאנצע אוצרות...

א, דא איז ניט געשטאנען ר׳ ירוחם טערנאווקער פארן פריץ גע־בויגן מיט דער יארמאלקע אפן קאפ און געבעטן „זיין לויכטנדיקע וואויל־געבוירנקייט". ניין, געזעסן איז דא א יונגער סוחר מיט דאן סאנטיאגא וועלאזקעס, א גלייכער מיט א גלייכן און געשמועסט באם מיטיק וועגן געשעפט, וועגן קוואלן פון נייע הכנסות.

— יונגערמאן, פון וואס פאר א לאנד קומט איר?

— פון רוסלאנד! אקעגן וואס פרעגט איר? — האט זיך איציע געחידושט.

— גלאט אזוי, כ׳טראכט, גאטס וואונדער, שיקט ער מיר א מענטשן אויך פון רוסלאנד מיך פארזארגן מיט חיונה, אז ניט, ווער ווייס...

איציע האט פארשטאנען די חוזק-לאגע אין וועלכער ער איז אריינ־געפאלן און האט זיך א ווײַלע פארלוירן. אבער פארלוירן האט ער זיך נאר אף א ווײַלע. ער איז אמאל אין אן אוקראיִנישן וועלדל באפאלן גע־ווארן פון היידאמאקעס און זיך ניט פארלוירן. ער האט געהאקט און שוין. אויך דא, האט ער פארשטאנען, מוז ער האקן און נישט בלייבן אף גע־לעכטער. ער האט זיך האסטיק אויפגעהויבן פון טיש אינמיטן דעם אסאדא פון בארג-ציגעלע:

— אויב אזוי, האט איר מיך גערופן אביסל אפצולעצעווען פון מיר, אייך האט זיך פארגלוסט אביסל שפאס...

דער אלטער איז בלייך געווארן און איז צו צו אים:

— יונגערמאן, איר זיינט איצט מיין גאסט און איך בעט אייך זיך בארואיקן. אויב איך האב אייך באליידיקט, אנטשולדיקט מיר און בלייבט מיין גאסט באם טיש. מיך האט באמת געוויילט ווי איר האט גערעדט אזוי ערנסט וועגן די פאר סענט.

איציע האט זיך בארואיקט און שוין מיט א שמייכל, זיצנדיק באם טיש, געפרעגט:

— וואָס-זשע איז פּאַרט געווען אייער מיין ווען איר האָט מיך איינגעלאַדן?

— ס'איז מיין תכשיטס אַ קאַפּריז. זי וויל דורכוים איך זאָל אייך איבערגעבן וואַלד צום האַקן. און אַן עקשנטע איז זי, — האָט ער גוט-מוטיק געטייטלט מיטן פינגער אין לאַלאַס ריכטונג, — פּונקט ווי איר מוטער, זאָל האָבן אייביקע רו, איז מילא, וועלן מיר אַ טראַכט טון. אָבער, זאָגט מיר, יונגערמאַן, נאָכוואָס דאַרפט איר אַ קאָנטראַקט? איז אייך ניט גענוג מיין וואָרט?

— מיין הער! — האָט איציע כמעט אויסגעשריגן — ווייסט איר דען נישט, אַז נישט איך און נישט די איינוואוינער פונעם ישוב פאַרמאָגן אַ סענט! און אַזאַ אונטערנעמונג פאָדערט געלט! מיט אייערן אַ קאָנ-טראַקט, קען מען מאַכן אַ הלוואה אין דער מלוכה-באַנק אויף אַ סך טויזנטער...

— מען וועט אייך שוין לייען אָן אַ קאָנטראַקט, אַז איך וועל גוט זאָגן...

נאָך מיטיק איז דער אַלטער, זיך אַנטשולדיקנדיק, אַוועק מאַכן אַ סיעסטאַ און איציע איז געבליבן אויג אויף אויג מיט לאַליטאַן, וועלכע האָט די גאַנצע צייט וואָס די מענער האָבן גערעדט, געשוויגן. איר גאַנצע גרויסהאַלטעניש איז פאַרשוואונדן און געווען איז זי אַביסל נערוועז. זי האָט רק נישט געפונען קיין פּלאַץ פאַר אירע שיינע מאַטעווע הענט. דאָ האָט זי זיי צעלייגט אויפן טיש אויסגעצויגן אין זייער גאַנצער לענג, דאָ פלוצים פונעם טיש זיי אַראָפּגעכאַפּט און געשפּילט זיך מיט דעם שירצל.

— נו, זענט איר צופרידן? — האָט זי שטיל זיך אָנגערופן און אַראָפּגעלאָזט די אויגן. — איר האָט אויסגעפירט אייער ווילן, מיין פאָ-טער, זעט אויס, באַוויליקט האַקן דעם וואַלד, אַ זאַך וואָס איך האָב כמעט נישט געגלויבט...

— יאָ, איך וועל זיין פאַרזונקען אין אַרבעט. אַן אונטערנעמונג האָט ליב אָרגאַניזאַציע און אָרדענונג. מיר טוט נאָר באַנג — האָט ער צוגעגעבן האַלב ערנסט, האַלב שפּאַס — אַמאָל פלעגן כאָטש געשען נסים, היינטיקע צייטן קען מען אפילו אויף קיין ריכטיקן נס נישט וואַרטן...

לאַלאַ האָט געלאַכט:

— מעג איך וויסן אַף וואָסער נס וואַרט איר? מעגלעך ער זאָל גע-שען אויך היינטיקע צייטן.

— איך וואָלט געוועז זייער גליקלעך!

זי האָט זיך קינדיש אַנגעבלאָזן:

— סאַראַ שלעכטער איר זענט. איר ווייסט, מיר פרויען זיינען סו-ריעז, זאָגט שוין וואָס פאַר אַ נס ווילט איר?

— אָ, ווען ס'געשעט אַ נס און איר ווערט איבערנאַכט אויס פרי-צישע טאָכטער, איך זאָל אייך קענען קוקן אין אייערע אויגן אַ גלייכער מיט אַ גלייכן. איך וואָלט דורשטיק איינגעזאַפּט אייער דופט און איך וואָלט אייך געזונגען דאָס ליד פון אונדזער גרעסטן פּאָעט:

„נעם אַרונטער מיך אונטער דיינע פליגל,
זיי אַ מוטער מיר, אויך אַ ליבע שוועסטער.
און זאָל דיין שויס ווערן
אָפּרו פאַר מיין מידן קאָפּ,
אַ נעסט פאַר מיינע געבעטן,
פון אומעטום פאַרשטויסענע..."

דאָס מיידל איז געזעסן אין עקסטאַז. די אויסטערלישע ווערטער פון דעם פרעמדן ליד, די עקזאַלטאַציע פונעם יונגן מאַן, האָבן זי געמאַכט פילן שולדיק בנוגע אים: יאָ, זי וועט זען דער נס זאָל געשען. פון היינט וועט זי זיין מיט אים צוויי גלייכע און זאָל ער איר נאָכאַמאָל איבערזאָגן יענע סטראָפן: זיי אַ מוטער מיר... די ווערטער האָבן זיך איר געפּלאָנ-טערט אין קאָפּ און זי האָט געפיבערט: ניין, טאַקע באַלד דאַרף דער נס געשען... און אויפהויבנדיק זיך פון איר שטול, איז זי ווי אַ קאַץ צוגע-שפּרונגען צו אים און געשעפּטשעט: טייערינקער, ליבינקער! זי איז אים אין די אָרעמס געפאַלן, האָט אים אַרומגעכאַפּט און געקושט און געקושט...

אַ בינשטאָק האָט זיך געלעבט זיין רואיק לעבן, שטיל זיך אונטער-געזונגען, זשום-זשום, האָט פאַרבלאָנדזשעט אהין אַ פרעמדע קעניגן און אַלץ איז אוועק כּאַדאָראָם. אַ ישובל האָט געגעניצט זיין פוילן גענייץ אין אַן אומגעהייער גרויסן וואַלד, האָט אהין פאַרבלאָנדזשעט אַ איד און,

פרעגט שוין נישט: עס האַקן העק אין יונגע געזונטע הענט; מיט אַ קלונג שניידן זעגן גרויסע און קליינע; גראַב־אייזנס גראָבן בתולהדיקע ערד אַף אַרויסצובאַקומען די איינגעוואָרצלטע פּענקעס; אַ גערודער, אַ געפּילדער, אַן אוהאַ פון איין עק ביזן צווייטן. — כואַן, כואַאַאַן! — שרייט איינער — האָסט מיין גראַב-אייזן? — און אַן עכאָ מיט אַ באַס ענטפערט אים אָפּ: ...אייזן? ער איז אין כעס דער זקן מיט די קודלאַטע צווייגן: טויזנטער יאָרן איז ער געשלאָפן זיין שלאָף, מענטשעלעך זיינען געקומען, מענטשעלעך זיינען געגאַנגען, מען האָט געלעבט, מען איז געשטאָרבן, מען האָט אַמאָל מיט אַ העקל אים אַ קראַץ געטון... נאָר מיט העק, מיט זעגן און גראָב־אייזנס, אַף אים?... אַזאַ עזות!...

פון חיה צו חיה, פון פויגל צו פויגל איז אַריבער אַ שטומער שאָרכען: מען האַקט!!! און עולם האָט אין שרעק גענומען לויפן, יעדער אַף זיין שטייגער, יעדער מיט זיי געשריי. דער האָרנעראָ מיט די לאַנגע פיס האָט צוזאַמען מיט זיין פּאָר געטראָגן באַלעבאַטישקייט אין זיין נייער נעסט, וואָס ער האָט שוין באַוויזן אויפצובויען צווישן צווייגן וויט-ווייט. פאַרצווייפלט איז געפלויגן דער קאַלאַנדער אין אַ קרייז און איינוועגס פינקטלעך נאָכגעמאַכט דעם פּומאַ מיט אַ קוויטש. — אוהאַאַאַ! אוהאַאַאַ! אָט באַווייזט זיך אַ האָז מיט לאַנגע אויערן, ער טוט אַ דריי דעם קאָפּ אַהער, אַהין, און פייל אויסן בויגן, איז ער שוין נישטאָ. אַפילו די טשערעפּאַכע, די שווערע קריכערן, שלעפּט זיך אַוועק פון דער געגנט. זי שטרעקט אַלע ווײַלע אַרויס דאָס לאַנגע קעפּל אירס פון דער פּעסטונג, אַף יעדן פאַל...

באַ איציען ברענט די ערד אונטער די פיס. אומעטום איז ער, אומעטום וואַקסט ער אויס. דאָ העלפט ער מיט אַ ברעכאייזן אַ שטיין אונטערהייבן, ווייל ער שטערט אַ פּעניעק אויסצוואָרצלען, דאָ העלפט ער די אַרבעטער דעם טאַרטאַק איינאָרדענען. אַליין אָנגעהאָרעוועט זיך אַ גאַנצן טאָג, מוז ער אָוונט-צייט די קאָרעספּאָנדענץ לייענען און אַף בריוו ענטפערן, אַף פאָרשלאַגן פון ברענהאָלץ-געשעפטן.

באַזונדערס האָט אים פאַרכאַפּט אַ פאָרשלאַג פון אַ בוענאָס איירעסער אינזשעניער: אויפבויען אַ פאַבריק פון קוילן צוזאַמען מיט סובּפּראָדוקטן פון האָלץ-זאַפט. אַ ברייטער פּלאַן פון אויסערגעוויינלעכער עקספּלואַטאַציע איז עס געווען. נאָר דאָס איז אַף דער צוקונפט. דערווייל

מוז מען אָפּזוכן דעם בעסטן אָפּנעמער סײ פֿאַר געהילץ און סײ פֿאַר ברענ-האָלץ און קוילן.

גרויסע קאָמפּאַניעס האָבן געפֿאָדערט אַ קאָנטראַקט. ער, װידער, האָט קײן קאָנטראַקט נישט געקענט אונטערשרײבן, װאָרום ער אַלײן האָט אַזױנס נישט געהאַט און איז אָפּהענגיק געװען פֿונעם אַלטנס גוטן װילן. די שװערסטע און פֿאַרפּלאָנטערסטע אונטערהאַנדלונגען זײַנען אָנגעגאַנגען מיט דער באַן-קאָמפּאַניע. לױט אירע טאַריפֿן, האָט די קאָמפּאַניע אַלײן באַדאַרפֿט אײַנשלינגען דעם גאַנצן װאַלד. די פּרײַז אין בוענאָס אײַרעס איז געשטאַנען 22-23 פּעזעס אַ טאָן. דער טאַריף פֿאַר איבערפֿירן ביז דער הױפּטשטאָט איז געװען 18 פּעזעס דער טאָן. הײַנט װאָס װאָלט ער גענומען אױף לױן די אַרבעטער און אױף באַצאָלן פֿאַר צושטעלן די קוילן ביז דער באַן?

די באַן קאָמפּאַניעס האַלטן אין צװאַנג דאָס לאַנד און לאָזן נישט דאָס זאָל זיך אַנטװיקלען. אין די פּרוכטבאַרע געגנטן װאו עס גײען אָן די גרױסע תבואה־שניטן, פּלעגן אונטערגײן אַלע פּרואװן פֿון דער קאָאָ-פּעראַטיװער באַװעגונג צװישן די פּויערים, װײַל די באַנען אין פֿאַרבינ-דונג מיט דרײפֿוס און בונכע-באָרן, די תבואה-אױפֿקױפֿער, האָבן קײן װאַגאָנען נישט געגעבן און װילנדיק נישט װילנדיק, האָט דער פּויער גע-מוזט ברענגען זײַן שניט אין די שפּײַכלערס פֿון די גרױסע תבואה־אױפֿ-קױפֿער. די באַן-קאָמפּאַניע האָט דערשמעקט אַ פֿעטן ביסן אין דער נײַער אונטערנעמונג און האָט זיך פֿאַרלײגט זי אױסצונוצן.

נאָר זײ, די דירעקטאָרן פֿון דער באַן-קאָמפּאַניע האָבן נישט גע-װאוסט, אַז בראש פֿון דער אונטערנעמונג שטײט איציע, אַ זון פֿון דעם אידישן פֿאָלק און אַן עקשן איבער אַלע עקשנים. און ער האָט זיך גע-זידלט אין פּשוטן אידיש: „אַ מכה זײ אין די זײַטן, אַן אױסרײסעניש זאָל אױף זײ קומען ביז אַלע דורות". און ער האָט געשטעלט דער קאָמ-פּאַניע אַן אולטימאַטום: אָדער זי רעדוצירט דעם טאַריף אױף העלפֿט און זי װעט האָבן דעם גאַנצן טראַנספּאָרט אָדער זי בלײַבט בײַ אירע טאַריפֿן און ער װעט קױפֿן לאַסטװעגענער פֿאָרד און אַלײן פֿירן דאָס האָלץ און די קוילן אין דער נאָענטסטער פּראָװינץ-שטאָט און פֿון דאָרט קײן בוע-נאָס אײַרעס מיט אַ צװײטער באַן-ליניע. די דירעקטאָרן האָבן זיך גע-קװענקלט, זיך געדונגען און דאָך נאָכגעגעבן.

דער גאַנצער ישוב האָט געאַרבעט אין וואַלד. מענער האָבן געזעגט און געהאַקט ביימער, געשניטן זיי אַף שטיקער, אויסגעוואָרצלט פּענקעס; ווייבער און מיידלעך האָבן געלייגט דאָס האָלץ אין הויכע שטויסן צום טריקענען, שטיבעלעך אַזוינע האָבן זיי געמאַכט פון שייטלען האָלץ, אַז די לופט און זון זאָלן זיי דורכנעמען און עס זאָל פון זיי אַרויס גוטע האַרטע קוילן. אויך פונעם צווייטן ישוב, דעם פּערצענער, האָבן מענטשן געאַרבעט. אַלע מאָל זיינען צוגעקומען נייע זיך בעטן אַף אַרבעט.

דער גאַזשעגאַ פּעפּע האָט געקויפט אינעם גוט שטיקלעך פּי צום קוילען און האָט פאַרלייגט אַ יאַטקע אַ גאַנצע. די קרעאָלן האָבן געאַרבעט שווער און אַ מאַטע מיט אַ גאַזשעט איז שוין פאַר זיי קיין דערנערונג נישט געווען, זיי האָבן געמוזט האָבן אַסאַדאָ. ער איז גאָרניט קיין הינקענדיקער שניידער, דער דאָן פּעפּע לאָפּעז, אין מסחר. ער האָט געזען די באַליטשע זיינע פּוסטעוועט אַ גאַנצע וואָך, מען זעט נישט קיין טריגקער פאַר אַ סענט, אַ חוץ די צוויי-דריי פאַרפאַלענע שיכורים, וואָס קיין געלט האָבן זיי נישט און מען האָט פון זיי נאָר דאָס מייקעביץ; דער עולם קומט מיד פון דער אַרבעט און גאַנץ פרי מוז מען ווידער אויפשטיין און מען לייגט זיך פרי שלאָפן; האָט ער געבראַכט פון דער שטאָט אַ בעקער-יונג, האָט איינגעקויפט מעל און געבאַקן ברויט. פריש ברויט אַלע פרימאָרגן צום פרישטיק האָבן קרעאָלן געגעסן און פלייש אַף מיטיק און אין אָוונט.

דערפאַר, אַז ס'איז געקומען שבת נאָכמיטיק און זונטיק, איז זיין לאָקאַל קליין געווען אריינצונעמען דעם גאַנצן עולם און ער האָט געמוזט שטעלן טישלעך בּאַ זיך אין שטוב. חברה האָט בראַווירט מיט בייטלען געלט און געפּאָדערט אויפמערקזאַמקייט און העפלעכע באַדינונג. פון דאָן פּעפּע האָט זיך געגאָסן דער שוויס ווי אין מיטן זומער און ער האָט געהאַלטן אין איין יאָגן פון איין טישל צום צווייטן. צו מער וויכטיקע, האָט ער אונטערגעשמייכלט, אַ חכמה צוגעוואָרפן ווען ניט ווען, די ווייניקער אָנגעזעענע האָט ער אַף גיך אָוועקגעשטעלט דאָס געבעטענע און אַנטלאָפן. קולות, גשרייען פון אונטערגעטרונקענע האָבן זיך געפלאָכטן מיט געלעכטער פון געווינער בּאַ די קאָרטן.

אַ שפּילער ציט לאַנגזאַם דריי קאָרטן בּאַ די שפּיצן און אַז ער דערזעט סימנים פון איין קאָליר, זינגט ער זיך אונטער:

„איז געגאַנגען אַ מיידל פון גאָרטן
מיט אַ פולן פאַרטעך,
נישט קאַרטאָפל, נישט פרוכטן,
נאָר בלומען אין פאַרטעך...״

דאָס איז ער מודיע, אַז זיינע קאַרטן זיינען אַלע פון איין קאָליר און אַז ער האָט אין די הענט אַ „פלאָר״. צוויי פון די קעגנער באַדויערן מיט פאַרדרוס: „געהאַלטן אין געווינען און אַזאַ גליק; מיט דעם „פלאָר״ ארויסגעריסן דאָס געווינס פון די הענט...״ נאָר איציע, דער דריטער קעגנער, ציט זיינע קאָרטן נאָך לאַנגזאַמער, אַזש די נשמה ציט ער אַרויס און אפן קרעאָלישן שטייגער, אימפּראָוויזירט ער:

„אַ פויער פאָרט אין פעלד
מיט אַ פולן וואָגן,
וואָס פאַראַן אין אים,
וועל איך פינקטלעך זאָגן.
מיסט האָט ער געפירט,
ווען סיהאָט אָף טאָג שאַריעט,
דאָס מיסט אַ בלוס באַצירט
און מיט קאָלירן בלי...עט...

— קעגן „פלאָר״ די גאַנצע שפּיל! — גיט ער אַ רוף אויס צום סוף.

אים איז גוט, איציען, עס זינגט אין אים יעדער אבר. די קליינע לאָליטאַ קען ליבן מיט רוחות. מיט אַכצן פאָר אויגן קוקט מען זיי נאָך ווען זיי פאָרן ארויס שפּאַצירן אָדער ווען ער איז מיט איר אין גאָרטן און דאָך, באַ דער ערשטער געלעגנהייט, איז זי פלאַם-פייער. מיט שטורמישע קושן און אַלערליי צערטלעכקייטן זינגט איר ווען אויס דאָס ליבע-ליד פון אירע ניינצן פרילינגס.

אָפט ווערט זי ברוגז אָן אַ פאַרוואָס, זי בלאָזט זיך אָן, די בת-יחידה, אָף אַ פאָר טעג. דעמאָלט צעשפּילן זיך אין איר די בלוטן פון וועלאַזקעס און אַנטשאָרענאַ, די באַפעלער און הערשער, אַכזריותדיקע אויסזויגער ביזן לעצטן טראָפּן בלוט, און ער, דער „רוסאָ״, לאָזט זיך נישט. קלוג באַהערשנדיק זיך, איז ער אַ גלייכער מיט אַ גלייכן, און דאָס ברענגט זי אין רציחה, אַ געשריי טון ווילט זיך דעמאָלט: „דרך-ארץ,

אף די סני, דר... רוסאַ!" נאָר דאָס גייט באַלד איבער און נאָכדעם איז זי נאָך מער אונטערטעניק, מער צוגעקלעפּט, קוקט אים אין די אויגן:
„ליבער, ליבינקער!..."

וואוינט וואוינט נאָך איציע אַלץ באַ מאַריאָן, וועלכער איז זיין רעכטע האַנט, דער קאַפּאַטאַז. די אַלטע און טשאַליטאַ גרייטן עסן פאַר זיי און אַלץ וואָס אַרבעטס-מענטשן ברויכן. מאַריאַ פאַרדינט גוט און איציע האָט שוין אַפילו אַ וואָרט אַריינגעוואָרפן זיי זאָלן זיך אַ שטוב אויסבויען. אַ שטוב פון ברעטער, ווי באַ לייטן, אַפן אָרט פון דעם צע-פאָרענעם ראַנטשאָ. איז אָבער קיין פרייד נישטאָ אינעם האַרץ פון דער אַלטער מאַמע: די קליינע טשאַלאַ גייט אָפּט אַרום מיט פאַרוויינטע אויגן. זי עסט ניט און איר מאַטעווע פּנימל איז געוואָרן אויסגעצויגן און געל ווי וואַקס.

וועמעס האַרץ קען נאָך אַזוי דערפילן די ריכטיקע סיבה פון איר טאָכטערס געוויין ווי דער מאַמעס. האָט די אַלטע געוויייטיקט אף איר טעכטערלס צער און געזוכט אַ מיטל איר צו העלפן. שטילערהייט האָט זי זיך מיט מאַריאָן געשושקעט און זיך אַן עצה געהאַלטן. ער איז דאָך דער עלטערער ברודער, מאַריאַ, און דער איינציקער מאַן אין שטוב, איז ער מחויב זאָרגן וועגן זיין שוועסטער און געבליבן איז, אַז מען דאַרף זען איסאַ זאָל פונעם ראַנטשאָ זיך אַרויסציען, אפשר וועט די קליינע זיך פאַרגעסן און אַן אַנדער בחור אָפּזוכן, און מוטער און זון האָבן זיך לייטיש געבעטן באַ איציען:

— ביזט באַ אונדז ווי אַ זון און אַ ברודער, נאָר באַם בויען, וועט אין ראַנטשאָ זיין אַ גרויסע סומאַטאָכע, קיין שום זאַך וועט אף זיין פּלאַץ ניט זיין. פאַר אייך אַזאַ רעש, אַזאַ קלאַפּערייַ? זוכט אייך בעסער אַ וואוי-נונג... באַ דאָן פּעפּען, דעם אַלמאַסענעראָ איז פאַראַן אַ צימערל אַ ליי-דיקס...

און איציע האָט זיך איבערגעצויגן צום גאַזשעגאָ אף פּענסיאָן.

ער איז געווען פאַרוואָרפן מיט אַרבעט. מען האָט באַדאַרפט פּינקט-לעך אויסאָרטירן וועלכעס ס'זאָל גיין אַפן מאַרטאַק פאַר געהילץ, וועל-כעס ס'זאָל צעהאַקט ווערן אף ברענהאָלץ און וועלכעס אף קוילן. מען האָט געדאַרפט פּינקטלעך אויסרעכענען יעדן אַרבעטער זיין לוין איבער דער וואָך, יעדן נאָך זיין אַרבעט און קאַטעגאָריע: מענער, פרויען און

יונגע. דערווייל האָט ער אויך אַליין געמוזט פירן די חשבונות וויפל וואַ־גאָן ברעטער ער האָט אַרויסגעשיקט און וויפל ברענהאָלץ און קוילן.

מאַריאַ, זיין אויפזעער, פלעגט זיך בא יעדער קלייניקייט פאַרלירן און זיך קיין עצה נישט קענען געבן. כואן דער לאַנגער האָט געבראַכט זיין 75-יעריקן פאָטער צו דער אַרבעט. יענער איז טויב און זעט ניט, כראַקעט און שפייט און שטערט נאָך אַנדערע. מאַריאַ פּרוּווט פּראָטעסטירן, אָבער, מענטשן זיינען זיי אַלע היימישע, פון אַלע יאָרן שכנים, קראַצט ער זיך, מאַריאַ, אונטערן אויער און שרייט: — איסאַ, איסאַ! ס׳אַרא רוחות ביזטו פאַרפאַלן געוואָרן?

דער קאַסאַקער לאָפּעז, פון די פּערצענער, האָט געבראַכט אַ בוטל בראָנפן און זיך געשטעלט פאַרקויפן צו די אַרבעטער אין וואַלד. מאַריאַ בעט זיך בא אים: — ס׳איז נישט דערלאָזבאַר! — וויל ער ניט הערן. און אַ יונג איז ער אַ ביטערער, דער גרעסטער מעסער-העלד פון דער געגנט. מאַכט ער נאָך חוזק: — וואָס עפּעס, נייע געזעצן אין וואַלד? מען טאָר שוין קיין ביסל קאַניאַ נישט פאַרקויפן? — זידלט זיך מאַריאַ און רופט: איסאַ! און איציע וואַקסט אויס, מיט זיין קאָמיסאַרישער אָפּצייכענונג, דראָעט דעם קאָסאַקן אים צו לאָזן אַרעסטירן מיט זיין בראָנפן און אוועקשיקן אין שטאָט. מיט גוטן, מיט בייזן, ער האָט אים משלח געווען. און אַזוי ווייטער: איסאַ און איסאַ!

כאַסינטאָ דער ליסער, מיט זיינע זיבן בנים, די גרעסטע איינרייסער בא דער אַרבעט, זיינען געווען די ערשטע וואָס האָבן באַשטעלט ברעטער, בעליקעס און געגומען בויען אַ הויז, אַ ברייטס מיט פיר צימערן און אַ לאָקאַל פאַר אַ געשעפט צו דער גאַס. אַף זיי קוקנדיק האָט זיך לעבן די ראַנטשאָס באַוויזן געהילץ אָפּגעלייגט און אין די פרייע שעהן און זונטיקן האָבן קרעאָלן געמאָסטן, געקלאַפּט צוועקעס און נייע שטיבער האָבן זיך באַוויזן אין וואַלד.

אַ איד מיט אַ פעקל איז פון ערגעץ געקומען און מיידלעך און ווייבער האָבן זיין קראָם ממש צעכאַפּט. בא דער אַרבעט האָבן ווייבער גע־טענהט צווישן זיך: מען מוז האָבן אַ לייבל, אַ דאָס, אַ יענץ... און די מיידלעך האָבן געקויפט רעשטלעך פערקאַל מיט שרייענדע קאָלירן, גע־מאָסטן אַף זיך צי ס׳פּאַסט זיי. חברה אַרבעטער האָט דערשמעקט דעם יאַריד, האָבן זיי מיט העק און גראַבאייזנס זיך אַרומגעשטעלט און אָפּן

קרעאַלישן אופן זיך געחכמהט און דערווייל געגישטערט באַם אידן עפּעס אַ גאַרטל, אַ מאַשינקע צום ראַזירן און דער איד האָט זיך רק געשוואוירן, אַז ער פאַרקויפט אין קרן-געלט.

ער איז געווען אַ פיפיקער פאַרקויפער, דאָן סאַמועל באָגאָפּאָלסקי, מיט זיינע פעטע ווערטעלעך צו די מיידלעך זיי זאָלן זיך לאַכנדיק פאַר־שעמען. דאָ מעסט ער אַ פּאָר הויזן אַ גראָבן בחור און שלעפּט זיי אַף אים מיט אַלע כוחות און שווערט זיך אין חצי שפּאַניש: זיי וועלן זיך צעציען די הויזן נאָך אַ פּאָר מאָל טראָגן; פאַרקערט, ער האָט מורא זיי זאָלן ניט ווערן חלילה צו לאַנג דערנאָך... דאָ פּרואווט ער אַ רעקל אַף אַ דאַרן מאַן און דאָס רעקל איז אַף אים ברייט און לאַנג ווי דער אידי־שער גלות. ער ציט עס אָפּ פון הינטן און טענהט, אַז ס׳ליגט, אַזאַ יאָר אַף אים, פונקט ווי געמאָסטן, נאָר שענער. אמת, ס׳איז אביסעלע לויז, נאָר ס׳וועט איינלויפן, פון זיך לויפט די סחורה איין. און טאָמער ווערט דאָס קליין, האָט עס אין דער נאָט זאַפּאַס אַף אַרויסצולאָזן.

און דער איד האָט געזען ס׳איז גוט, פון די פעקלעך סחורה איז אים געבליבן בלויז די שטריקלעך און די וואַליזעס, האָט ער באַ כאַסינטאַ דעם ליסן געדונגען אַ צימער מיט דער קלייט און אין אַ פּאָר וואָכן אַרום איז ער אויסגעוואַקסן מיט צוויי פורן פולע און האָט פאַרלייגט אַ קראָם פון אַלדאָס גוטס. דערצו האָט זיין זעכצן־יעריק טעכטערל אַף דער טיר צוגעקלאַפּט אַזאַ שיין מעשן שילדל און מענטשן האָבן פּאַוואָליע צוזאַ־מענגעשטעלט זילבע צו זילבע: מאָ-דים-טאַ. געענדיקט „קאָרטע און קאָנ־פעקסיאָן". דאָס הייסט, אַ פרויען־שניידערן מיט מאָדעס, מיט אַלערליי זשורנאַלן, מיט האַק און פּאַק.

די גאַנצע אונטערנעמונג האָט זיך פאַרקערעוועט אין אַ ריכטונג, ניט ווי איציע האָט געמיינט, אים האָט זיך געדאַכט מען וועט צוזאַמען אַרבעטן, צוזאַמען נוצן די פּרוכט פון דער אַרבעט. האָבן אָבער די קרעאָלן פון גאָרניט געוואָלט וויסן: אָפּגעאַרבעט די וואָך, באַצאָל. וויפל דו צאָלסט, נאָר באַצאָל אין גאַנצן. יעדער איינער האָט געפאָדערט: — איז וויפל קומט מיר פאַר דער וואָך אַרבעט? — און איציע האָט באַצאָלט. ער האָט געליגן געלט אין באַנק און געצאָלט. דער אַלטער ווידער האָט נישט גע־וואָלט וויסן פון עסקים: אַזוי פיל געליגן מזומן, חוצדעם לויטן אָפּמאַך אַזוי פיל...

פון זיך זעלבסט איז איציע פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ באַלעבאָס פון אַ ריזיקער אונטערנעמונג, וואָס האָט אריינגעבראכט גוואַלדאָוונע רווחים. אָבער, דאָס אַלעס איז געווען אָפּהענגיק פון אַ קאַפּריז פון איין מענטשן. זאָל דאָן סאַנטיאַגאָ פּלוצים זיך איינשפּאַרן און ניט לאָזן האַקן דעם וואַלד און אַלץ ווערט צוריק טויט, אָט ווי אין יענעם מעשהלע מיט דער צעבראָכענער מולטער. מען האָט געמוזט ארויסבאַקומען אַ קאָנט־ראַקט, אַ פּינקטלעך געשריבענעם און געזיכערט פון דער יוסטיץ, בכדי דאָס געשעפט זאָל אָוועקגעשטעלט ווערן אַף אַ זיכערן יסוד און זיך צע־וואַקסן מיט אַ גרויסן פאַרנעם. אַזאַ געלעגנהייט איז געקומען.

עס האָבן זיך דערנענטערט די טעג ווען אין דער עסטאַנסיאַ מאַר־קירט מען דאָס פי. איציע האָט געוואוסט, אַז קיין איין קרעאָל וואָלט ניט געבליבן אין די טעג האַקן וואַלד, ווען אַפילו מען בינדט אים דאָרט צו. און ער האָט די אַרבעט אָפּגעשטעלט.

אַ פרייד באַהערשט דעם קרעאָל ווען ער זיצט אַף דעם פערד מיט דעם לאַסאָ באַ דער זייט, מיט די שפּאָרן באַ די פיס און דאָס קורצע מעסער, דער פאַקאָן, אין גאַרטל, ווי זיין זיידע דער גאַוטש, איז ער דע־מאָלט אַ פויגל מיט צעשפּרייטע פליגל אינעם הויכן ליידיקן רוים. אויס־געצויגן אַף זיין ניט גרויסן אָבער שטאַרקן קריאָזשאָ־פערדל, פליט ער צווישן בערג, איבער טאָלן, צווישן סטעזשקעס אין וואַלד און האָט ער באַמערקט מיטן אויג פונדערווייטנס דאָס שטיק וואָס ער זוכט, אַ יונגן אָגער אָדער אַ ביק און שוין פליט דער לאַסאָ, דער שטריק מיט דעם שלייף, און פאַרציט זי פעסט איבער דעם קאָפּ פון דער בהמה.

געווען אַמאָל אַ צייט ווען זיי, די גאַוטשן, האָבן באַהערשט דאָס לאַנד, דאָס גרויסע פּוסטע אַרגענטינע. דעמאָלט פלעגן זיי ווי ווינטן פריי זיך טראָגן איבער די פּאַמפּאַס טעג און נעכט, לעגוועס און לעגוועס אָן זאָרג, אָן באַדערפעניש, דער גאַוטש מיט זיין פערדל צוזאַמענגעוואַקסן. ניט די זון אום זומער, ניט די רעגנס אום ווינטער האָבן אים געאַרט און איז ער הונגעריק געוואָרן, האָט ער מיט זיין פאַקאָן אַוועקגעלייגט דאָס ערשטע בעסטע שטיקל פי, וואָס איז געווען לרוב און פון דער נאָך צאַפּל־דיקער בהמה אָפּגעשניטן אַ שטיק און מיט דער פעל געבראָטן אַפן פייער...

אָ, היינט זיינען געקומען די גרינגאָס, די פרעמדלענדישע און האָבן זיין טייער לאַנד געפּענטעט. די ערד האָבן זיי פאַרצוימט, צעאַקערט, זי

באַקליידט מיט אַלערליי תבואות, די וועגן געקאָוועט מיט שטיין און מיט צעמענט, די שטעט מיט קוימענס אָנגעפילט און פונעם גאַנצן גאַוטש איז נאָר אַ זכר פאַרבליבן, אַ פאַרשטעלעניש אויף קאַרנאַוואַל. דערפאַר, ווען עס קומט די צייט און מען דאַרף אינעם פריצס גוט שטעמפלען די אונטער־געוואַקסענע קי און פערד, דערוועקט זיך אינעם קרעאָל דער גייסט פון זיינע אבות און ער קווייטשעט פון פרייד און פון כוחות און טראָגט זיך אויף זיין פערד ווי אַ רוח: פי, פי! און זיין לאַסאָ פליט און פאַלט גלייך אויפן קאָפּ פון זיין קרבן.

זיבן טעג האָט געדויערט דאָס צוזאַמענטרייבן און דאָס שטעמפּלען און אויפן אכטן טאָג, זונטיק, האָט מען געפּראַוועט יום־טוב. דער יום־טוב פון שטעמפלען, וואָס פאַלט אויס צוזאַמען מיט דעם טאָג פון דער היי־ליקער בתולה כואַנאַ, די פּאַטראָנאַ פון דער געגנט. דער יום־טוב אין דער עסטאַנסיאַ לאַ קרוז האָט געשמט װײט און ברײט אין די ישובים אַרום, מיט דעם עסן און טרינקען לרוב, מיט די פּאַרוויילונגען, ווי דאָס צוימען פון יונגע לאָשיקעס, די טענץ און באַזונדערס דער פעריקאָן־טאַנץ. מיידלעך פון אַרום און אַרום, אין די שענסטע קליידלעך זייערע אויסגעפּוצטע, באַ־האָנגען מיט אַלערליי ביליקע שמוק פלעגן שפּאַנען צופוס אינעם שטעטל לאַ קרוז כדי בייצוזיין דעם יום־טוב.

אין פרימאָרגן האָט דער גלח געפּראַוועט אַ גאַטעסדינסט און גע־בעטן די באַשיצערין זי זאָל אָפּהיטן די געגנט פון אַלדאָס בייז. באַלד איז די עסטאַנסיאַ פול געוואָרן מיט מענטשן, די פאַמיליעס פון די וואָס האָבן אָנטיילגענומען די זיבן טעג אין דער אַרבעט. פעסלעך ווײַן מיט אַריינגעשטעלטע צאַפּנס זיינען געשטאַנען און ווער עס האָט געוואָלט, האָט זיך באַדינט לויט זיין באַגער. אין עטלעכע שורות האָבן געברענט פייערן און איבער יעדן פייער, אויף דריי אייזערנע שטעקנס, האָט זיך גע־בראָטן אַ זייטל פלייש, אַ קוענע אָדער אַ שאָפּענע און אפילו פון יונגער שקאַפּע. ספּעציעלע בראַטער האָבן אַכטונג געגעבן דאָס פלייש זאָל זיך בראָטן אויף אַלע זייטן. איז נאָר איין זייטל פלייש פאַרטיק געוואָרן, האָט דער בראַטער אַ רוף געטאָן: „דאָ איז פאַרטיק!" און געשניטן מיט זיין לאַנגן מעסער יעדן איינעם לויט זיין ווילן. דערנאָך האָט שוין יעדער איינער מיט זיין פּאַקאַן געשניטן פון זיין שטיק געבראָטנס גלייך אין מויל אַריין.

איי האָט מען דאָס געגעסן און געטרונקען אין דעם טאָג! נאָר שיכור האָט מען ניט געטאָרט זיין. האָט איינער פון דאָן סאַנטיאַגאָס דינער באַמערקט וועמען שיכור, האָט ער אים אַרויסגעפירט אַרויס פון דער עסטאַנסיאַ: „גיי, מענטש, ניכטער זיך אויס, ועסטו ווייטער קומען!...״

פאַרנאַכט, ווען די זון האָט זיך גענומען נויגן צו די שפּיצן בערג, האָט דער עולם, אַ זאַטער, זיך שוין געגרייט צו די פּאַרוויילונגען. אַרום אַ ברייטן אַרומגעצוימטן פּלאַץ, מיט אַן אַרויסגאַנג צום אָפענעם וועג, האָבן זיך אין אַ קרייז אַרומגעשטעלט די צוקוקער.

די דינער האָבן געבראַכט צו פירן אַן אַנגעזאָטלטן פערד, אַ יונגן ווילדן אַגער. דערשראָקן פון אַזוי פיל מענטשן, האָט ער זיך עקשנותדיק געריסן און געדרייט מיט דעם קאָפּ זיך צו באַפרייען פון דעם צוים, און מיט כוח זיך געבלאָזן איבערצוררייסן די רימענעס.

דער באַוואוסטער צוימער אין דער געגנט, עוזעביאָ ראָדריגעז, האָט זיך אויסגעטיילט פונעם עולם און אַ שטאָלצער האָט ער זיך געלאָזט גיין צום פערד. אויסגעפּוצט אין טראַדיציאָנעלן גאַוטשישן טראַכט, דעם טשיריפּאַ אָנשטאָט הויזן, מיט דעם ברייטן לעדערנעם גאַרטל אַ באַקלאַפּטן מיט זילבערנע קנעפּ, דאָס וועסטל מיט די בליטשקעס און דאָס פּלאַכע שוואַרצע קאַפּעליושל מיט דעם רימענדל אַרויפגערוקט העט איבערן שטערן, זיין מישלינג־פּנים ערנסט אויסגעצויגן, פּאַרעקשנט, מיט אַ דינעם שמייכל פון חשיבות איבער די ליפּן, האָט ער כמעט נישט געקוקט צום ראַסאָוון אַגער, אים אין אכט נישט גענומען, נאָר געענטפערט אַף גרוסן פון באַקאַנטע און שמייכלען פון היימישע מיידלעך, וואָס האָבן אים געפּרעסן מיט די אויגן.

זיינע גרויסע שפּאָרן און די זילבערנע באַצירונגען פונעם גאַרטל האָבן געקלונגען צום טאַקט פון זיכערן שפּאַן. און אין איין אויגנבליק, נאָך איידער דאָס פערד האָט אים דערפילט נאָענט פון זיך, איז ער שוין געזעסן דערויף און פעסט געהאַלטן די לייצעס דאָס צו באַהערשן. חיה און מענטש האָבן זיך געאַמפּערט באַנאַנד אין אַלערליי פּאָזעס. אָט האָט דער אַגער זיך געשטעלט אַף די הינטערשטע פיס, זיך געטרייסלט און געוואָרפן מיט אַלע כוחות דעם מענטשן פון זיך אַראָפּצושליידערן, אָט האָט עס אין גערדראַנג אַראָפּגעבויגן ווי ווייט מעגלעך דעם פאָדערשטן טייל קערפּער און אויפהויבנדיק דעם הינטערשטן טייל, געדריגעט מיט די פיס.

נאָר דער רייטער, עוזעביאָ ראָדריגעז, ווי פון שטאָל אויסגעגאָסן זיצט פעסט אינעם זאָטל און האַמערט מיט זיין רעבענקע, זעץ און זעץ, וואו עס לאָזט זיך, איבערן פּנים, איבערן קאָפּ, פול מיט רציחה...

די אויגן בא דעם פערד זיינען געוואָרן אָנגעגאָסן מיט בלוט, אַ שוים האָט אים געזעצט פונעם מויל, ער האָט געדרייט זיך ארום זיך, געהיר־זשעט הילפסלאָז פון אנגסט, שרעק און ווייטיק. נאָר אַט האָט דאָס זיך גענעבן אַ שטעל אָפּ, לפּנים, רואיק, רעזיגנירט, זאָל דער באַצווינגער מיי־נען, אַז ער האָט שוין געוואונען... עוזעביאָ אָבער קען זיי שוין און ער האַלט וואַך. זיין גאַנץ וועזן איז הויכע אויפמערקזאַמקייט: איין רגע און ער קען אַרונטערגעשליידערט ווערן און צעטראָטן ווערן פון דער בעסטיע... מיטאַמאָל האָט דער אָגער זיך גענעבן אַ מאָרדעווע צו דער ערד מיט דער אבזיכט צו דערדריקן מיט דער שווערער מאַסע פון זיין גוף דעם פייניקער. עוזעביאָ איז אָבער פלינקער פון דעם פערד און ער האָט באַוויזן אָפּצולאָזן פון די שפּיץ פיס די האַלטערס און אין איין אויגנבליק אראָפּגעשפּרונגען און דער ווילדער אָגער איז געבליבן ליגן אויף דער ערד אָן דעם רייטער.

באַפרייט פונעם רייטער האָט דאָס פערד אויף גיך זיך אויפגעהויבן צו אַנטלויפן. נאָר אין דעם זעלבן מאָמענט וואָס ס'איז שטיין געבליבן אויף די פיס, איז עוזעביאָ, דער רייטער, שוין ווידער געווען פון אויבן און געקלאַפּט מיט דער רעבענקע...

דער עולם האָט אַפּלאָדירט און געריעוועט פאַר אַנטציקונג. אַזוי האָבן זיך געראַנגלט מענטשן און פערד און אומזיסט זיינען געווען אַלע טרוקן פון דער חיה זיך צו באַפרייען, ביז מיד און צעווייטיקט, האָט זיך עס געלאָזט לויפן אין גאַלאָפּ דורכן טויער צום וואַלד, אפשר אַזוי ארום וועט ער פּטור ווערן פון דער אומאַנגענעמער משאה. נאָר אין גאַלאָפּ האָט עוזעביאָ מיט זיין פעסטער האַנט געקיריעוועט דעם לויפער וואוהין ער האָט געוואָלט און צוריק אריינגעריטן אינעם מענטשן־קרייז מיט דעם פערד שוין אַ רעזיגנירטן און אַ באַהערשטן, שוין אינגאַנצן אַן אונטערטעניקן צו זיין ווילן.

ווי אַ זיגער איז עוזעביאָ אראָפּ פונעם פערד און האָט דאָס איבער־געגעבן דעם דינער. פון אַלע זייטן האָט מען אים באַגריסט און געלויבט, געשריגן. עוזעביאָ! עוזעביאָ! און ער איז געשטאַנען רואיק, גלייך ס'זאָל אים גאָרניט האָבן געשען.

באַלד האָט מען אַרײַנגעבראַכט, ריכטיקער, אַרײַנגעשלעפּט אַ צװײטס פֿערד. צװײ מענטשן האָבן דאָס געמוזט האַלטן און דאָס האָט זיך גע־ריסן און איז ניט אײַנגעשטאַנען. מיט די פֿעדערשטע פֿיס אָנגעצױגן און אײַנגעגראָבן אין דער ערד, האָט עס מיט דעם גאַנצן קערפּער געציטערט פֿון אָנשטרענגונג און צאָרן און רק געריסן זיך און געביסן די לײצעס.

איציע, װעלכער איז די גאַנצע צײַט געװען צוזאַמען מיט דאָן סאַנ־טיאַגאָ און זײַן טאָכטער אפֿן גאַניק, איז אַרונטערגעקומען און האָט זיך דערנענטערט צום פֿערד, צום שטוינען פֿון אַלע פֿאַרזאַמלטע:

— דאָן איסאַ אַלס צוימער! — איז אַ געמורמל דורכגעלאָפֿן פֿון מויל צו מויל.

דער עולם האָט אים געקענט אַלס בראַװן בחור, אַלס גוטן שפּילער אין טרוקאָ, אַלס פּינקטלעכן אַרבעטסגעבער, נאָר אַ רוסאָ — אַ דאָמאַ־דאָר! ער אַ צוימער פֿון דעם װילדן אַגער! ? ס'כאַפּט אָן אַ געלעכטער. מאַריאַ האָט געפּרואװט אַ זאָג טאָן אַ פּאָר גוטע װערטער װעגן איציען, האָט עוזעביאָ אים פּשוט אָפּגעזידלט. אים איז ניט אָנגעשטאַנען דער קאָנקורענט. און איציע האָט צום פֿערד גערעדט װי מען רעדט צו אַ פּאָר־שטענדלעך װילד קינד. ער האָט דאָס געגלעט, געצערטלט, אָנגענומען זײַן לענגלעכן שײנעם קאָפּ מיט בײדע הענט און אים צוגעטראָגן צו זײַנע באַקן און אַפֿילו אַ קוש געטון.

די חיה איז שטיין געבליבן רואיק, געקוקט איציען גלײַך אין די אױגן און פֿון גרױס פֿרײד אַ שטיל הירזשע געטון. גלעטנדיק דאָס פֿערד, האָט איציע פּאַװאָליע אַרײַנגעטון זײַן פֿוס אינעם זאָטל, שעפּטשענדיק ליבלעכע װערטער, האָט ער דעם צװײטן פֿוס אַריבערגעװאָרפֿן. דער אַגער האָט תּחילת אַפֿילו אַ ציטער געטון, דערפֿילנדיק אַף זיך איציען, געמײנט אַ פֿאַראַט איז עס פֿונעם מענטשן. נאָר איציע האָט אָנגעבױגן זײַן קער־פּער, אַרומגענומען דעם פֿערדס האַלדז מיט בײדע הענט און רײדנדיק צו אים װי אַ חבר צו אַ חבר, האָט ער דאָס באַרואיקט און פּאַװאָליע געקי־רעװעט פֿון אײן עק קרײַז צום צװײטן, צום שטױנען פֿונעם גרױסן עולם, װאָס האָט נאָך אַזאַ בילד נישט געהאַט געזען.

צום סוף האָט איציע זיך אױסגעגלײַכט און, האַלטנדיק די לײצעס מיט דער רעכטער האַנט, האָט ער צװײ פֿינגער פֿון דער לינקער האַנט אַרײַנגעטון אין מויל און אַ פֿײַף האָט דורכגעשניטן די לופֿט, אַ פֿײַף

וואָס מאַכט זידן דאָס בלוט און רייסט צו גבורות, אַ פייף וואָס איז גע־בוירן געוואָרן אין די טיפע פּאָלעסיער וועלדער און איז פאַרטראָגן גע־וואָרן אַהער קיין אַרגענטינע הינטער די אַנדן־בערג. און דאָס פערד האָט פאַרשטאַנען זיין נייעם חבר און האָר און האָט זיך צעהירזשעט מיט אַלע כוחות אַלס ענטפער. ער האָט אַ ריס געטון דעם קערפּער און געדראַכט האָט זיך, אַז ער שוועבט מיט זיין רייטער אין דער לופט.

צוריקרייטנדיק געמיטלעך צווישן דעם מענטשן־קרייז, האָט שוין דער אַלטער פריץ און זיין טאָכטער געוואַרט אויף אים. דער אַלטער האָט אים באַגריסט און ווי וויט מעגלעך אַרויסגעוויזן אַכטונג און ליבשאַפט.

אויך די טאָכטער דעם פּריצס האָט זיך צו אים געלאַשטשעט. עפּעס זיינען זיי לעצטנס ניט געווען צווישן זיך שווה בשווה, ער מיט לאָליטאַן. זי האָט ניט געקענט פאַרגעסן איר יחוסדיקן שטאַם און האָט אָפטמאָל באַטראַכט איציען פון אויבן אַראָפּ. אַן עקזאָטישע פון תמיד אָן, פלעגט זי מאָמענטנווייז אים שליקגען מיט אירע אויגן: איסאַ, טייערינקער, ווייסטו כאָטשע וואָס הייסט ליבע? פאַרשטייסטו דאָס וואָרט? און ווי אַ שיכורע פלעגט זי חזרן: „איך ליב דיך, איך ליב דיך, דו ליבסט מיך, דו ליבסט מיך” און אַ ווײַלע זיך פאַרטראַכטן: ליבסטו מיך טאַקע, איסאַ, איך מוז דאָס אומבאַדינגט וויסן, זאָג מיר, איסאַ, דו ליבסט מיך?

צייטנווייז, אָבער, פלעגט זי קומען צו רייטן אין וואַלד אויף איר אָוועראָ אַ שטאָלצע און אַ גדלותדיקע, ווי אַ שיינע סטאַטוע אויסגעגאָסן אין איר זאָטל, באַפעלעריש שיקן רופן איציען און ניט אַראָפּקריכנדיק פונעם פערד, אים רואיק פּריציש אויספרעגן טעכנישע דעטאַלן וועגן דער אַרבעט אין וואַלד. דאָס פלעגט אים דערנידעריקן אין די אויגן פון אַלע־מען, אים פאַרוואַנדלען אין אירם אַ מענטש, אַ שיק־אינגל. אַן אַנגעזע־טיקטע מיט דעם בילד פון איציעס פאַרלוירנקייט, פלעגט זי אַנטלויפן פלוצים, ווי פלוצים זי איז געקומען, אָפטמאָל מיט אַ צווייפלהאַפט גע־לעכטערל.

אָט אַזאַ באַזוך האָט זי אים אָפּגעשטעקט דעם לעצטן טאָג פאַרן שטעמפּלען דאָס פּי. איצט, נאָך זיין רוישיקן נצחון, ווען דער עולם אַרום האָט געיובלט: איסאַ! דאָן איסאַ! ווען איר פאָטער, אַן אַלטער רייטער און פערדן־קענער, האָט נישט געוואוסט מיט וואָס אויסצודריקן זיין

התפעלות, האט זי זיך געטוליעט צו אים, אים געקוקט אין די אויגן און שטארק געוואָלט איבערבעטן.

— פאָטער! — האט זי געזאָגט — איסאַ זאָל היינט בא אונדז עסן אָוונטברויט. אזוי לאַנג שוין ניט גענעסן צוזאמען!...

און דער פּאָטער האט געשאָקלט מיטן קאָפּ, אוודאי, וואָס דען?

— ניט אמת, דאָן איסאַ, איר וועט זיין היינט אונדזער גאַסט צום אָוונטברויט?

דער עולם דערווייל האט זיך געגרייט צום פעריקאָן. צוויי מיידלעך זיינען געקומען בעטן דעם פּריץ ער זאָל דערלויבן לאָליטאַן, ווי אַלע יאָר, מיטטאַנצן. אַלע טענצער האָבן זיך אויסגעשטעלט א שורה קעגן א שורה, יעדער מיט זיין דאמע. אַלעמענס הערצער האָבן האַסטיק געקלאַפּט און אַלע האָבן געשליפן די סטראָפּן פאַרצוזאָגן זיין דאמע אָדער אָפּצוועגט-פערן דעם פרעטענדענט. אַלעמענס אויגן האָבן געגלאַנצט פון דערוואַר-טונג און באַגייסטערונג. פעריקאָן! ארגענטינער טאַנץ פעריקאָן! ער פאַרוואַנדלט אַלטע זיבעציק יאָריקע זקנים אין יונגע צוציקעס און מאַכט זייער בלוט זידן ווי צוריק מיט יאָרן. „א, ווי ער האָט דאָס געקלונגען אַמאָל, אַמאָל, מיט זיינע גאַוטשישע שפּאָרן און עלעגאַנט, עלאַסטיש גע-פירט זיין טשיניטאַ!“ ער פאַרוואַנדלט ערשט צעבליטע שפּראַצונגען, יונגינקע מיידעלעך מיט בריסטלעך ערשט אויסגעפורעמטע, אין רייפע פרויען פול מיט באַגער, פול מיט ציטער: פעריקאָן!

— „אהורא!“ — אָצינדערט, אָנהייבן, הייסט עס, — שרייט ארוים דער עלצטער טענצער מיט א באַפעל צו די רייען און ער, דער פּרעגאָנעראָ, דער אויסרופער, דעקלאַמירט דער ערשטע:

„יונגער ווין איז זיס,
אַלטער שטאַרק און געשמאַק.
א פעריקאָן טאַנצט מען
מיט דעם גאַנצן קאָאַק.

— אהורא!

און די מוזיק פון עטלעכע גיטארעס קלינגען מעלאַנכאָליש און צום טאַקט: טראַטאַראַמטאַם, טראַטאַראַמטאַם!

א פּאָרל טרעט ארויס. ער — זיכער אין זיך, זי — אביסל פאַר-

רויטלט. ווייזט אויס, דער ערשטער פעריקאַן בא איר. ער פירט זי גראַציעז, ווי רייטנדיק און קלאַפּט וואוויליונגעריש אונטער מיט די אַפּצאַסן צום טאַקט:

„דיין וועזן זאָל זיין אַ תפיסה,
דיין האַרץ אַן איינצל-קאַמער
פאַר מיר אַ פאַרשפאַרטן
אַ געפענגעניש אַ זיסע.

און זי פאַרדרייט דאָס פיסקל, גלייך זי וויל ניט, גיט זיך אַ דריי איבער אונטער זיין אויפגעהויבענער האַנט און מיט אַ ברוגזער מינע ענטפערט זי:

„ווען מיין האַרץ איז אַ טורמע
און דו דאָרט פאַרמאַכט,
וואָלט איך דיך אַרויסגעשליידערט
באַלד אומגעטראַכט.

ביידע פאַרנעמען צוריק זייער פּלאַץ און אַ צווייט פּאָרל טרעט אַרויס. דאָסמאָל איז עס כוואַן דער בלאָנדער מיט אַניטאַן. אַלע ווייסן, אַז דער בחור גייט ממש אויס נאָך איר און זי פאַרדרייט אים דעם קאָפּ, ניט אַהין און ניט אַהער. איז ער טרויעריק, דער בחור. ער באַלאַנסירט מיט אַניטאַן און אַלס גוטער טענצער, מאַכט ער אַלערליי פיגורן און פול מיט צער און פאַרדרוס, דעקלאַמירט ער:

„קרישטאָלענע אויגן,
גאָלדענע צעפּ;
דיין האַרץ איז ליידיק,
ווי דעם טעפּערס טעפּ.

און זי פאַרוואַרפט איר פאַרשיים קעפּל מיט אַ צווייידייטיק שמייכעלע. גראַציעז און גדלותדיק גייט זי צום טאַקט פון דער מוזיק. זי ווייסט איר ווערט: ווער איז נאָך אַזוי שיין ווי אַניטאַ!... גיט זי זיך אַ דריי איבער אונטער זיין אויפגעהויבענער האַנט און ענטפערט:

א ה ר ן   פ ײ ע ר מ אַ ן

„שײנער בחור,
דריי זיך אין רעדל
עס קען ניט אַלעס
דערציילן אַ מיידל.

פּאָרל נאָך פּאָרל טרעטן זיי אַרויס, דעקלאַמירן זייערע סטראָפן שפּאַסיקע און ערנסטע. ס׳איז דער פּעריקאַן! עס קומט די ריי צו איציען מיט לאַליטאַן. און ער וויגט זיין קערפּער אַהין און צוריק ווי אין אַ וואַלס, קלאַפּט מיט די אַפּצאַסן פון זיינע רויטע שטיוול, ווי באַ אַ וואָוויליוננגערי־שער „שער" און פול מיט ערנסט אין זיין קול:

„כיפרעג באַ דער בלום
פון די בלעטלעך אַרויס;
זי ליבט צי זי ליבט ניט,
אַן עק און אויס.
און די בלום זי ענטפערט
שטום און ניט זיכער;
ווי קען מען דאָס וויסן
באַ אַ מיידל אַ וויכער.

און לאַלא טוליעט זיך צו אים, ציטערט, כמעט ווי אין פיבער:
„כיליב דיך און שרעק זיך
פאַר דיר צוגלייך.
גיי צו מיין פאָטער
און רעד צו דער זאַך.

דאָס לעצטע פּאָרל איז געווען טשאַליטאַ, מאַריאַם שוועסטער, מיט דעם יונגסטן פון כאַסינטאַס בנים. זי האָט געוואָרפן אויגן אַף איציען און האָט כמעט ניט געהערט וואָס איר פּאַרטנער זאָגט. נאָר ווען ס׳איז געקומען איר ריי צו ענטפערן, האָט זי אַרויסגעשאָסן:

„בויג דעם קאָפּ!
קני צו דער ערד,
דו ביזט קעגן יענעם
ווי דאָס אייזל קעגן פערד.

דער אַלטער קאָמאַנדעוועט, מיט זיין נאָרדישן אַקצענט, וועלכע פי־גורן די פּאַרלעך זאָלן אויספירן. און יעדער ניט געלונגענער מאַנעווער פון אַ פּאָרל, רופט אַרויס געלעכטער און יובל. דעם העכסטן עקסטאַז דערגרייכט דער עולם בעת פאַרמירן די פאָן. צוקוקער און טענצער פאָכען מיט די טיכלעך, טייל מיט ווייסע, טייל מיט בלויע און אַלע שרייען: „דאָס איז אונדזער פאָן! די ווייס-בלויע פאָן!"

אין אָוונט איז איציע געזעסן באַם פריצס טיש. די רייכע געקליבענע מאכלים האָבן גערייצט דעם גומען און געשאַפן אַ געמיטלעכע שטימונג. לאַליטאַ איז געזעסן האַרט לעבן אים, ווי זי זאָל שוין זיין זיין כלה. ער האָט זיך אויפגעפירט מעשה היימישער און האָט געגעבן צו פאַרשטיין דעם אַלטן, אַז קיין שום קאָמפּאַניע וויל אים מיט זיין אונטערנעמונג ניט נעמען אין אַכט איבער דעם, וואָס ער האָט ניט קיין קאָנטראַקט, אַז סיי געהילץ און סיי קוילן מוז ער פאַרהאַנדלען צו קליינע געשעפטלעך, וואָס גיבן ניט קיין פּרייז. דער עיקר, דער אינזשעניער וואָס וויל בויען אַ פּאַב־ריק פון געהילץ-עקסטראַקטן, פאָדערט דורכוים אַ קאָנטראַקט אויף כמה יאָרן. אַזאַ פאַבריק, די איינציקע אין לאַנד, וואָלט געבראַכט גוואַלדאָוונע רווחים און וואָלט באַשעפטיקט הונדערטער אַרבעטער. און בכדי צו באַ־שטעטיקן זיינע רייד, האָט איציע אַרויסגעלייגט אַלערליי בריוו פון קאָמ־פּאַניעס און פון יענעם אינזשעניער.

דער אַלטער האָט געזוכט, געזוכט זיינע ברילן אין אַלע קעשענעס, ביז ער האָט אַ קרעכץ געטון:

— איי, איי, אַזאַ מוטשענינע, מען וועט מוזן פאָרן אין שטאָט האָבן צו טון מיט אַדוואָקאַטלעך דאָרט!

נאָר איציע האָט שוין געהאַט דאָס פּאַפּיר פאַרטיק, גרייט צום אונ־טערשרייבן. און דער אַלטער האָט סוף-כל-סוף געפונען די ברילן אין אַ זייטיקער קעשענע, האָט דאָס פּאַפּיר איבערגעלייענט און אונטערגע־שריבן.

ניט אַזוי גיך איז דערליידיקט געוואָרן דער צווייטער ענין, כאָטשע אַ פּיל וויכטיקערער. באַם נאָכשפּייז האָט איציע געבעטן באַם אַלטן די האַנט פון זיין טאָכטער:

— די זאַך איז אַזוי: מיר ליבן זיך, איך מיט לאַליטאַן. דאָס איז דער עיקר. די איבעריקע שטערונגען זיינען מינדערוויכטיס.

דער אַלטער האָט, ווײַזט אויס, שוין פֿון לאַנג געוואַרט דערויף; ער איז ניט איבעראַשט געוואָרן און ניט אויפֿגעהערט שווײַגנדיק לײגן די לעפֿעלעך קרעם אינעם ברײט צעעפֿנטן מויל.

איציע האָט זיך געריוועלט און האָט עקזאַלטירט פֿאָרגעזעצט:

— אמת, אונדזערע שטאַנדן זײַנען פֿאַרשידענע, מיט שטאַמען אויך פֿון פֿאַרשידענע ראַסן, מיר לעבן אָבער אין אײן לאַנד, אַ לאַנד אַ פֿרײַס, דאָ, אין אַרגענטינע, לײגט מען קנאַפּ אַכט דערויף. לאָליטאַ, מיט אַלע אירע בת-יחידישע קאַפּריזן, איז מיר ליב און זי וויל מיך אויך, וואַרטן מיר אַף אײַער צושטימונג און ברכה...

דער אַלטער האָט לאַנגזאַם דורכגעזונגען דורך די צײן:

— און אַף דער ברכה פֿונעם קלויסטער, ווי אַלע מײַנע אבות, וואַרט איר אויך?

ליכטיק איז אין פֿריצס הויף, ליכטיקער ווי אומעטום איז אינעם עס-זאַל און דאָך איז איציען פֿינצטער געוואָרן פֿאַר די אויגן. „אַף דער ברכה פֿונעם קלויסטער". דאָס וואָרט האָט אים אַ ברי געטון אינעם מוח און אַ ציטער איז אים אַריבער איבערן לײַב. ער האָט זיך באַהערשט און האָט רואיק געענטפֿערט:

— קלויסטערס זײַנען באַ אונדז בײדן אויך פֿאַרשידענע. איך בין אַ איד, איך באַזוך אָבער ניט קײן רעליגיעזע צערעמאָניעס און מיר, איך מיט לאָליטאַן, האָבן מיר באַשטימט אויסצומײַדן די רעליגיעזע פֿראַגע.

דער אַלטער איז, ווײַזט אויס, געוואָרן אויפֿגערעגט. דאָך האָט ער זיך אײַנגעהאַלטן און אַ זאָג געטון:

— ווילן מיר זען. כ'וועל טעלעגראַפֿירן נאָך מײַן זון אין דער הויפּטשטאָט און די פֿאַמיליע וועט באַשליסן.

פֿײַנלעכע טעג זײַנען געקומען פֿאַר איציען. טאָג-אײַן טאָג-אויס, נאָכן שמייען אַ גאַנצן טאָג אין וואַלד, מיד פֿון פֿילפּאַכיקע אָנשטרענגונגען, פֿלעגט לאָליטאַ צושטיין צו אים אַלע פֿאַרנאַכט ער זאָל דעם פֿאָטער צוליב טון און שטעלן אַ חופּה אין קלויסטער. זי האָט דאָ מיט טרערן, דאָ מיט ווײכע רייד אים געבעטן אַזאַ קלײניקײט, צוליב טון דעם אַלטן.

— זע, — האָט זי געטענהט — דער אַלטער האָט אַ דורות-לאַנגן משפּחה-פֿאַרבאַנט אַריבערגעטראָטן און דיך געלאָזט האָבן זײַנע משפּחה-וועלדער און דו אַף אַזאַ קלײניקײט, שפּאַרסטו דיך אײַן. האָסטו מיך ליב?

טײלמאָל איז זי געוואָרן אויפגערעגט און דאָס וועלאַזקעז-בלוט האָט איר אַ זעץ געטון אין קאָפּ. זי פלעגט זיך דעמאָלט צעבייזערן מיט דער גאַנצער רציחה:

— איך וויל אַזוי און דו וועסט מיט מיר גיין אין קלויסטער, אַז ניט, אַז ניט... איך וועל דיר און מיר די גאָרגלען איבערשניידן...

נאָך אַזאַ אויפברויז פלעגט זי דערשראָקן ווערן און האָט אים שטיל געקושט:

— איסאַ, טײערער איסאַ, פאַרזיס דאָס לעבן פון דיין געליבטער, טו צוליב דעם פאָטער, איך וועל דיר תמיד טריי זיין, איך וועל דיך היטן ווי אַ געטרייע מוטער, זע, איך קני פאַר דיר און בעט דיך, טו צוליב!...

און אַזוי איז דאָס אייניקל פון די וואָס האָבן פאַרשפּרייט דעם צלם דורך שווערד, געפאַלן צו די פיס פון דעם איד איציע, איציע, דער זון פון ירוחם טערניוווקער.

דער קלויסטער, אַן און פאַר זיך, האָט פאַר איציען ווייניק אויסגעמאַכט: אַ נאַרישע צערעמאָניע איבערקומען; נאָר דאָס וואָרט טויפן זיך, דער באַגריף שמד, האָט זיך איינגעגעסן אין זיין אידישן וועזן און געשניטן מיט מעסערס. ער האָט געזען זיין בייזן און דאָך ליבן פאָטער פאַר זיך, ווי ער שטייט איינגעבויגן פאַר שטוינען, אויסגעשטרעקט דעם ווייזפינגער, אויסגעשטאַרצט די אויגן און דונערט: „דו וועסט זיך שמדן? דו, מיין זון, וועסט טרעטן מיט די פיס דורות און דורות פון דיין שטאַם, וועלכע פלעגן זיך לאָזן אין וואַסער דערטרינקען, אין פייער פאַרברענען, אַבי נישט שמדן זיך? דו וועסט מיט דיין אייגענעם ווילן גיין קושן דעם צלם?" און דאָס איז געווען איבער זיינע כוחות אויסצוהאַלטן.

ערגער פון אַלץ איז געווען, וואָס לאַליטאַ האָט פון דעם אַלעם גאָרנישט פאַרשטאַנען און אומעגלעך איז געווען צו געפינען די שפּראַך דאָס איר געבן צו פאַרשטיין.

— לאַליטאַ ליבע — האָט ער געטענהט — וואָלט דיין פאָטער געפאָדערט איך זאָל מיר אָפּהאַקן אַ האַנט, נעם איך אַליין די האַק אין דער לינקער און האַק אָפּ די רעכטע אָן אַ קרעכץ, אָן אַ פינטל מיטן אויג, נאָר טויפן זיך, הייסט שפּייען אָף מיינע אבות ביז טויזנטער יאָר. דאָס קאָן איך נישט. איך פאַרמאָג נישט אַזויפיל קראַפט אין זיך.

לאַליטאַ האָט נישט פאַרשטאַנען און האָט געוויינט. און עס איז געוואָרן אַ גרויס צערודערונג אין דער עסטאַנסיאַ לאַ קרוז.

דער אַלטער איז אומגעגאַנגען אַ בייזער און געשריגן אַף די באַ-דינער, אַף דער אַלטער ניאַנקע פעטראָנאַ, זי געזידלט, גלייך זי וואָלט שולדיק געווען אינעם גאַנצן עסק. לאַלאַ האָט תמיד געהאַט פאַרוויינטע אויגן און איציע איז אַרומגעגאַנגען אין עולם התוהו, געענטפערט מאַריאָן נישט צו דער זאַך און געפּלאָנטערט די קאָרעספּאָנדענץ. ער האָט גע־האַלטן אַ בריוו אין די הענט, געלייענט און געלייענט, די אותיות האָבן זיך אַזוי קלאָר געשריבר און דאָך זיינען זיי אים געשפּרונגען אין די אויגן. אים געשריגן: „משומד" און אומעגלעך איז פאַר אים געווען צו כאַפּן זייער אינהאַלט.

סוף-כל-סוף האָט איציע באַשלאָסן: צופּיל רואינען וועט ברענגען דאָס שפּאָרן זיך זיינס. אַ רחמנות אַפּן אַלטן, לאַליטאַ ווערט אויסגע-דאַרט און קומט אום. ער אַליין גייט אויס נאָך איר און אַפילו די אונ-טערנעמונג וועט מוזן גיין לאיבוד, אויב ער וועט אָנהאַלטן דאָס עקשנות. צופּיל פּקוח נפש — האָט ער געטראַכט — צוליב אַ נאַרישער צערע-מאָניע... און אַזוי וואָלט איציע חתונה געהאַט אין קלויסטער, ווען נישט אַ נייער צופאַל.

פון בוענאָס איירעס איז געקומען דער אַרויסגערופענער זון דאָן סאַנטיאַגאָס, אין זיין כמו מיליטערישער אוניפאָרם אויסגעפּוצט, מיט גלאַנציקע קנעפּ און געפּאַסטע גאַליפע־הויזן. אַ לאַנגע שווערד האָט זיך אים געבאַמבלט באַ דער זייט און ער האָט געדרייט די וואָנצעס מיט חשיבות. אַ קאָמענדאַנט מיט קאָמענדאַנטן צוגלייך. אַן אָפּצייכענונג אַזאַ האָט ער געטראָגן אינעם לאַץ, וואָס האָט געזאָגט די עטלעכע אומשולדיקע ווער-טער: „לעביאָן סיוויקאַ אַרכענטינאַ — קאָמאַנדאַנטע". און געווען איז עס אַן אָרגאַניזאַציע אַף צו שלאָגן אַרבעטער און אונטערדריקן שטרייקן און ספּעציעל האָבן זיך די מיטגלידער אירע אָפּגעגעבן מיט טשעפּען אידן. „הרגע אַ אידן, ועסטו שאַפּן פּאַטערלאַנד". איז געווען זייער לאָ-זונג און זיי האָבן געבושעוועט אין דער הויפּטשטאָט.

ווען דער גאַסט איז געוואָר געוואָרן וואָר עס וויל ווערן זיין שוואָ־גער, איז ער אַריין אין רציחה און האָט געגוואַלדעוועט און געסטראַשעט, אַז ער וועט אים צעהאַקן אַף צווייען, דעם אידלאַס, אויב ער וועט אַרי-

בערשפּאַנען די שוועל פון דער עסטאַנסיאַ. דעם זעלבן טאָג איז לאַליטאַ געקומען צו פליען אין וואַלד אַף איר אָווערא און האָט איציען אַלעם מודיע געווען און אים געבעטן דערוויל, זהר והזהר, ער זאָל חלילה די טעג נישט קומען אין דער עסטאַנסיאַ, ביז די לאַגע וועט קלאָר ווערן.

און מורא האָבנדיק דער שטאָטישער גאַסט זאָל אים באַפאַלן אין וואַלד, אָדער גאָר אונטערשיקן אַ רוצח, האָט איציע גוט געהיט זיין באַגלייטער, דעם רעוואָלווער „קאָלט" פון גרויסן קאַליבער, וואָס אים איז אויסגעקומען צו טראָגן באַ זיך, אַלס באַשטימטער פון דער רעגירונג קאָמיסאַר פון דער וואַלד-אונטערנעמונג...

צווייטע טייל

מענטשן אין וואלד האָבן זיך געסודעט. וואו צוויי זיינען געשטאַנען איז אויסגעוואקסן נאָך אַ פּאָר. קליינע קינדער זיינען נאָכגעגאַנגען די עלטערן פּוסטריט און קוריעז, מיט די אייגעלעך, געפאַרשט וואָס זיי זאָגן. די הינט אפילו האָבן טרויעריק אַראָפּגעלאָזט די קעפּ נאָכלויפנדיק און געדאַכט האָט זיך, אַז זיי ליגן צו אַן אויער אונטערצוהערן אין וואָס דאָ גייט. פון ראַנטשאָ צו ראַנטשאָ איז מען געלאָפן איבערפרעגן נאָך אַמאָל ווי אַזוי די געשיכטע איז און וואָס וועט זיין דער סוף.

כואַן דער הינקענדיקער, אַ פעסטער עלטערער אַרבעטער, דער גרעסטער מומחה אין קוילן־ברענען, וואָס האָט באַם גיין געהונקען איבער זיינע פּלאַטשיקע פיס, האָט זיך געטומלט מער ווי אַלע:

— איז וואָס־זשע שווייגן מיר? וואָס שושקען מיר זיך? שרייען דאַרף מען, שרייען און בעטן! אפשר צום גלח גיין, ער זאָל פועלן דעם עסק אויספּלאָנטערן!...

וואָס מער דאָס אומגעריכטע נייס האָט זיך פאַרשפּרייט, מער אויפגעבראַכט איז געוואָרן דער עולם. אַ סך האָבן נישט געגלויבט:

— עט, וואָס מענטשן ריידן און רכילותן!... דאָן איסאַ וועט דאָס ניט טון. וועט איר זען מאָרגן, מאַנטיק, אַז אַלץ וועט זיין ווי געוועזן...

נאָר כואַן האָט זיי די מיילער פאַרמאַכט:

— מאַריאַ אַליין האָט דאָס דערציילט. פון איסאַס מויל געהערט. יענער האָט געוויינט ווי אַ קליין קינד. ער האָט זי, ווייזט אויס, רעכט ליב, די פּריצהטע, און אים, איר ברודער שטייט ניט אָן דער יחוס...

און קרעאָלן פונעם וואלד האָבן זיך געהיצט, אומבאַהאָלפן זיך גע־

זידלט און נישט געוואוסט צו וועמען דעם כעס אויסלאָזן און צו וועמען זיך ווענדן מען זאָל ווייטער האקן וואלד און ברענגען קוילן. האָבן זיי באַשלאָסן ווארטן און זען מיט וואָס דאָס וועט זיך ענדיקן.

איציע, אריינגעוואָרפן אין אַ הינערפלעט, האָט ערשט רעכט דער־פילט זיין צוגעבונדנקייט צו לאָליטאַן און האָט זי גערופן אין חלום און אין וואָר. ער האָט זיך נאָר געחידושט ווי הערט זי נישט, דאָרט אין דער עסטאַנסיאַ, דעם אנגסטלעכן רוף פון זיין נשמה. איז מעגלעך, אַז זי, אַזאַ אַנטשלאָסענע און געוואַגטע, זאָל זיך אונטערוואַרפן אַ קאַפּריז פון אַ כוליגאַן, מעג ער זיין אַפילו איר ברודער? און דער וואָרעם האָט גע־פּיקט און גענאָגט: זי האָט חרטה, די פּריצהטע, זי איז מסכים מיט איר ברודערוק דעם מענטשנפרעסער און וויל זיך אַרויסדרייען פון אירע גע־פילן און פון איר שבועה, דאָרט אינעם גאָרטן פון דער עסטאַנסיאַ... איין אויסוועג האָט ער!... אָ, ער איז אַ איד, מיט אידן צוגלייך, און דאָס איז זייער גורל... ער איז טאַקע אַ מענטש אַ באַוואוסטזיניקער, אַ פרייער, און דאָך אַ איד... ער וועט איבערלאָזן הכל בכל און אוועק... ער וועט דעם קאָנטראַקט, אַ צעריסענעם, אָפּשיקן דעם אַלטן און מיט די פּאָר טאָלער וואָס ער האָט באַוויזן אָפּשפּאָרן, וועט ער זיך לאָזן ווייטער און אַרויסרייסן פון זיך די פּריצישע טאָכטער, אָן אַ זכר... מיט די ערגסטע ווערטער האָט ער זיך געזידלט פאַר זיין גרייטקייט צו גיין אין קלויסטער און האָט זיך דאָס נישט געקאָנט מוחל זיין:

— וואָס פאַר אַ איד בין איך עס? איז עס מעגלעך, אַז איך, ירוחם טערניוויקערס זון, האָב געזאָלט ווערן אַ משומד, אַ פאַרעטער?...

נאָר זיין האַרץ איז צעריסן געוועזן פון בענקשאַפט און, ווי אַ וואַנ־זיניקער, האָט ער ציטנווייז גערופן אין זיין בלאָנדזען אינעם פוסטן וואַלד:

— לאָליטאַ, לאָליטאַ!...

אַ שטילער, באַשיידענער גרוס, האָט אים אַרויסגעפירט פון זיין וואַנזיניקייט. אַ פרוי און איר טאָכטער, ווי צוויי טראָפּנס וואַסער ענלעכע, האָבן זיך אים געגריסט. די עלטערע — פאַר די פּערציקער, די יונגינקע — אַ יאָר זיבעצן, אַכצן. די רויט-גאָלדענע האָר באַ ביידן, ווי צוזאַמען ער־געץ באַשטעלטע, האָבן זיך געקרויזט אין לאָקן, וואָס האָבן אין זייער אומאָרדענונג, זיך געשפּילט און זיך פאַרטשעפּעט איינע מיט די אַנדערע

און נאָר אַ גענים אויג האָט געקענט באַמערקן בײַ דער עלטערער גרוי דורכגעוואָרפן. זייערע גרויסע אידישע אויגן האָבן אויסגעדריקט באַשיי־דענע רואיקע חשיבות, דאָ זיך צעעפֿנט ווייבעריש קוריעז, דאָ זיך אַראָפּ־געלאָזט תמימותדיק מיט קוים אָפֿענע שפּאַלטן פֿון צניעות. ביידע מיט פּוכלינקע, לויטער דורכזיכטיקע פּנימער, איינס אַן עלטערס, שוין מיט קנייטשן אין די ווינקלען, דאָס צווייטע גלאַט יונג, פּול מיט זיידענעם גלאַנץ כאָטש נעם און גלעט...

ער האָט זיי געקענט, איציע. דאָס זיינען פֿרוי און טאָכטער באָגאַ־פּאָלסקי, די באַלעבאַטים פֿון דער נייער „טיענדראַ״ און ערשטע מאָדיסטקע אין וואַלד. זיי שאַרן גאָלד, די באָגאָפּאָלסקים. דער מאַן גייט אום אַ גאַנצן טאָג מיטן פּאַק צווישן וואַלד־ישובים און פֿאַרקויפֿט אַלערליי זאַכן אַף אויסצאָלן. ער בעט זיך: — נעמט באַלעבאָסטע, נעמט די סחורה, איך פֿאָדער דען געלט? זונטיק וועט איר מיר געבן אַ פּעזע, ניט מער ווי אַ פּעזע!... און די קרעאָלן נעמען סחורה און באָגאָפּאָלסקי שטעלט אַליין די פּרייזן און אַליין פֿירט ער די חשבונות. קיינער אין וואַלד קען נישט רעכענען, קיינער קען דאָס ניט שרייבן. און זונטיק קומט ער אַהיים מיט געשוואָלענע קעשענעס מיט פּעזעס און ליידיקט זיי אוים דעם ווייב אין פֿאַרטעך אַריין: — נאַ, חייהקעלע, צייל! און חייהקע ציילט און ציילט און ווערט מיד ציילנדיק. און זי מיט איר טאָכטער נייען די זעלבע סחורות נאָך דער נייער מאָדע, פֿון זשורנאַלן אַזוינע... וואַלד־טעכטער טראָגן ניט מער קיין שמאַטעס און פּוצן זיך ניט מער אין נאַרישער ביליקער צירונג... וואַלד־מיידלעך טראָגן שניידער־אָנצוגן, פֿאַרקויפֿטע און גענייטע פֿון סע־ניאָר באָגאָפּאָלסקי און פֿאַמיליע...

און דאָ, וועט חלילה טרעפֿן אַזאַ אומגליק: וואַלד־מענטשן ריידן, אַז אָט דער אידישער בחור, וואָס האָט אַזוי קלוג דורכגעפֿירט דאָס וואַלד האַקן און וואָס קען ווערן אַ מיליאָנער, וויל איבערלאָזן אַלעם און אַוועק...

האָבן מוטער און טאָכטער, פֿון צרות, דעם זונטיק אין וואַלד שפּאַ־צירט און זיך דאָס האַרץ אויסגערעדט, אַז אַ פֿאַרמעגן איז צעשטעלט אין וואַלד, דאָס גאַנצע רייכטום זייערס אַף באַרג אַוועקגעגעבן, אייגנס און פֿרעמדס. וואָס וועט זיין, חלילה, דער סוף?!... און זיינען אין כעס געווען אַף דעם אידישן יונגנמאַן.

נאָר אַז זיי האָבן איציען געטראָפֿן אַליין אין וואַלד, אַ פֿאַרטראַכטן

און מרה-שחורהדיקן, פול מיט צער און יאוש און רעדט צו זיך אליין, האָט זיי אַ גרויס רחמנות ארומגענומען צו אים: נעבעך, אַן עלנטער, אַריינגעפאַלן צווישן גויים! ווער ווייסט ווי ער ליידט פון זיי!... און די פרוי האָט שוין מוטערלעך אַ זאָג געטון אין אידישן לשון:

— וואָס ס׳זאָל נישט האָבן געשען מיט אייך דאָרט בא די פּריצים, דאַרפט איר ניט זיין אזוי פאַרצווייפלט!... איר זיינט יונג און איר ווייסט ניט: אַ איד מוז געוואוינט זיין צו זייערע שטיק!... גלויבט מיר — האָט זי אויפריכטיק אים דערציילט — אַז אונדז איז ערגער. מיר האָבן אָנגעליגן און אָנגעבאָרגט און דאָס צעשטעלט צווישן אָרימע קרעמלן און טאָמער, חלילה, אַרבעט מען ניט ווייטער, קומט אונדז אוים אומקומען. דאָך, גלויבן מיר אין גאָט...

חייהקעלעס גאָט איז טאָקע אַ גרויסער און שיצט זיין פאָלק ישראל פון אַלדאָס בייז און אַלדאָס גוטס, נאָר איציע האָט פון זיין כל ויבולדי־קייט גראָדע ניט אזוי געהאלטן. ווער קען וויסן, אפשר האָט ער גאָר אַן אַנדער גאָט, ניט אזא ווי חייהקע באַגאַפּאַלסקים, וואָס מישט זיך אומע־טום און פירט אָן מיט אַלעם, פון צעברעכן אַ ציינדל אין איר קאָם, ביז אויסראָטן דאָס פאָלק זיינס אין די טויזנטער... אפשר האָט ער גאָר אינ־גאַנצן קיין גאָט ניט?... אַלנפאַלס האָט איציע געוואוסט, אַז זי קוקט זייער ניט גוט אָף געמישטע חתונות צווישן אידן מיט גויים און ער האָט זיך ניט געקענט אויסריידן פאַר איר ווי אים האָט זיך געוואָלט. האָט ער אָנגענומען איר טרייסט און זיך פון טיפן הארצן פאַרקלאָגט:

— ניט אין פאַרמעג גייט עס, גנעדיקע פרוי, איך האָב פאַרמישט, ווי איר זעט, אַ גאַנצן עסק מיט אַן אונטערנעמונג, וואָס באַרירט הונדער־טער איינוואוינער און וואָס האלט ערשט אין וואקסן און דאָ שאַפט מען פאַר מיר אזא לאַגע איך זאָל רואינירן וואָס כ׳האָב מיט אנגסטן אויפ־געבויט פאַר מיר און פאַר יענעם און אוועק...

דאָס מיידל האָט אָנגעשטעלט אָף אים אירע גרויסע בלויע אויגן מיט נייגיר און שמייכל:

— ווייסעך וואָס, אַ שווארצע קאַץ איז אַדורך מסתמא צווישן אייך און דעם פּריצס טאָכטער, עס וועט באַלד אריבער, מען זאָגט, זי גייט ממש אוים נאָך אייך...

— רייד ניט אזוי, טאָכטער מיינע, — האָט די מוטער איר פאַר־

געוואָרפן, — פאַרגעסט, אַז זי איז אַ קריסטן און דער פאָטער איז אַ טיף-גלויביקער. ער וועט אוודאי וועלן אַ חתונה אין קלויסטער און אַ אידישער יונגערמאַן וועט זיך ניט שמדן אפילו צוליב אַ פּריצם אַ טאָכטער... איך קען דעם יונגנמאַנס עלטערן, איך ווייס ניט צי זיי לעבן צי ניין, דאָך וועט ער צוליב זיין מוטער אזא זאַך ניט טון...

און מוטער און טאָכטער האָבן ניט באַמערקט ווי איציע איז באַ די ווערטער רויט געוואָרן איבער די אויערן. זי, די אידישע פרוי, האָט די זאַכן באַנומען גלייך זי זאָל זיין דערביי. איציען, אָבער, האָט שטאַרק שאָקירט די זיכערקייט אירע און אין איר נעגאַטיווער שטעלונג האָט ער דערזען די פאַרבאָרגענע קראַפט פון דורותדיקן פאַנאַטיזם. און בכדי זי אַביסל צו רייצן, האָט ער אַ זאָג געטון:

— און וואָס וועט זיין אויב איך וועל מוזן אַנטרינען און אייער פאַרמעגן וועט גיין לאיבוד?

פרוי באָגאָפאָלסקי האָט אָנגעשטעלט אויף אים אירע גרויסע אויגן און זיך אָנגעברוגזט:

— ניט אונדז צוליב האָט איר אָנגעהויבן און ניט צוליב אונדז וועט איר ווייטער אָנגיין מיט דער אַרבעט אָדער איבערלאָזן אינמיטן. נאָר ווען ס'איז אין מיר געווענדט, איז זאָל זיין וואָס עס וויל, פון הונגער וועלן מיר ניט שטאַרבן און אַ אידיש קינד זאָל חלילה ניט פאַרפאַלן ווערן און פאַרשעמען טאַטע-מאַמע!... ווען איר זיינט מיין קינד, וואָלט איך אָנגענומען מיט מיינעביידע הענט אייער קאָפּ און וואָלט מיט טרערן אייך געבעטן: זון מיינער, פאַרשעם ניט דיינע אבות!

באַ אַלע דריי האָבן זיך ריכטיק געריסן טרערן פון די אויגן און אַלע דריי האָבן זיך געבריהט אויף כוח זיי ניט אַרויסצולאָזן אויף דער ליכטיקער וועלט.

די טאָכטער האָט פּראָטעסטירט:

— מאַמעלע, זיי האָבן זיך ליב! ווער דאַרף דעם קלויסטער? אַר-גענטינע איז אַ פריי לאַנד, ווער נעמט דאָ אין אכט רעליגיע? זיי קענען חתונה האָבן ציוויל...

איציע האָט אונטערגעכאַפּט:

— אָט דאָס איז געווען מיין מיין און דער אַלטער האָט זיך איינ-געשפּאַרט נאָר אין קלויסטער און דערצו איז אונטערגעקומען דער בולי-

גאַן, דער ברודער אירער. לאַליטאַ האָט מיר מודיע געווען, אַז יענער דראָט מיך הרגענען און שוין צען טעג, אַז כ׳האָב ניט קיין ידיעה פון איר. אפשר — האָט ער צוגעגעבן — האָט זי אויך חרטה און מיר איז שוין באַשערט וואַנדערן, וועל איך איבערלאָזן דעם פריץ זיין מאַכטער, די וועלדער זיינע און וועל מיך אַפּטראָגן צוריק פונוואַנען כ׳בין געקומען...

זיי זיינען צוגעקומען צו דער וואוינונג פון די באַגאַפּאַלסקיס און די מוטער האָט אים געבעטן אַריינגיין:

— וואוהין וועט איר גיין נאַכט-צו אין וואַלד אַריין? מיין שטוב איז טאַקע ניט קיין פּריצישע און ענג איז געווען, נאָר היימישקייט איז אָפּטמאָל טייערער פון רחבות...

בא די באַגאַפּאַלסקיס איז טאַקע געווען ענג. די קראָם סחורה און דער „טאַזשער” האָט אַזוי אָנגעפּילט דאָס פאָדערשטע צימער, אַז מען האָט קוים אָנגעזען דעם הער כאַקאַבאַ באַגאַפּאַלסקי זיצן באַם פּאַרקויף-טיש און מאַכן די חשבונות בא אַ נאַפט-לאָמפּ. דאָס צווייטע צימער, אי צום עסן און אי צום שלאָפן, און דער מקום מקלוט פונעם גאַנצן באַלע-באַטישקייט, איז געווען נישט גערוימער. דאָך האָט זיך געמערקט, אַז געניטע הענט האַלטן וואַך און אָרדענונג אין דעם יונגן ווינקל. יעדע זאַך אַף איר פּלאַץ, האָט געגלאַנצט פון ריינקייט און ציכטיקייט און איציע האָט זיך נאָר געחידושט, ווי איז מעגלעך בא אַזאַ באַגרענעצטן פּלאַץ אַנהאַלטן האַרמאָניע און אָרדענונג...

אַניטאַ, די טאָכטער, האָט געגרייט טיי און דאַן כאַקאַבאַ האָט צו-ליב דעם גאַסט איבערגעלאָזט זיינע רעכענונגען און איז אויך אַריין אין צימער.

דאָס איז ניט געווען יענער אַמבולאַנט באַגאַפּאַלסקי פונעם וואַלד, מיט דעם גרייטן שמייכעלע און גרייטער אונטערטעניקייט, וואָס יונגע קרעאַלן שלעפּן אים בא די פּאָלעס און מאַכן מיט אים שפּאַס. דאָ איז געזעסן דאַן כאַקאַבאַ באַגאַפּאַלסקי בא זיך אין הויז, אַ באַלעבאָס מיט באַלעבאַטים צוגלייך, און האָט גענומען אַנטייל אין אַ וויכטיקן שמועס וועגן וואַלד און דאָסגלייכן. זיין מיינונג איז קלאָר און זאַכלעך. מען קען זי מיט דער האַנט ניט אַוועקמאַכן.

ווען אַלע פיר זיינען געזעסן בא די פינקלענדיקע גלעזער טיי, אַזוי ווי אין טערניוווקע, האָט דאַן כאַקאַבאַ געלאָזט הערן זיין וואָגיקע מיינונג:

— זאָל דער פּריץ בלייבן באַ זיין טאָכטער און אַ איד דאַרף ניט אַזאַ שונא ישראל ווי איר ברודער פאַרשמירן די משפּחה. און וואַלד איז וואַלד און געשעפט בלייבט געשעפט. אַ קאָנטראַקט איז פאַראַן, דאַרף מען אים פּינקטלעך מקיים זיין, לטובת זיך, לטובת אַנדערע און לטובת דעם לאַנד. אַ מענטש, אַ באַישובטער, אַנטלויפט ניט הענדום פּענדום... און אַריינשמייכלענדיק זיך אין די וואָנצעס, האָט ער פאַרענדיקט: — און וואו איז עפּעס דער „עם קשי עורף״, וואָס מען זאָגט וועגן אונדז? אַ?

אַניטאַ האָט זיך אַריינגעמישט און מיט אַ נאָטקע פון מיטלייד אין קול, האָט זי באַמערקט:

— אָרימער דאָן איסאַ! זיין אין וואַלד און וויסן, אַז ניט ווייט איז זיין באַגערטע און פון איר קיין ידיעה ניט האָבן, איז אַ שווערער נסיון.

איציע האָט קיין באַשלוס ניט אָנגענומען און דער אומרו אין אים איז געוואַקסן און טראָגן אַלע זיינע באַמיונגען זיך צו פילן היימיש, האָט ער זיך אויפגעהויבן, זיך געזעגנט און איז אַוועק.

אַוועק איז ער אין וואַלד.

ווער זאָגט דאָס, אַז וואַלד איז פול מיט סודות? אדרבא, גאַנצע נעכט רעדט ער, דער זקן, טיילווייז שטיל, מיט פאַרכאַפּטן אָטעם, טיילווייז מיט רעש און געפּילדער, אַזש וועלטן, דאַכט זיך, טרייסלען זיך, נאָר ער רעדט, דער וואַלד און דערציילט. קיין סודות האָט ער ניט. מען דאַרף אים נאָר פאַרשטיין. מען דאַרף קענען דאָס וואַלדישע לשון. אים איז אַלציינס פאַר וועמען: פאַר מענטש, פאַר חיות. פאַר זיך אַליין, ער האַלט אין איין דערציילן. אין איציען, ווי אין אַ קינד פון וואַלד, צעשפּילן זיך אַלע חושים ווען ער בלייבט מיט אים אויג אויף אויג. ער הערט און זעט דעמאָלט ניט נאָר מיט די אויערן און מיט די אויגן, נאָר מיט דעם גאַנצן גוף, מיט אַלע זיינע אברים. דערום פאַרשטייט ער יאָ זיין לשון און הערט קלאָר זיינע מעשות.

און וואַלד האָט דערציילט:

איז אַנטלאָפן אַ מענטש פון יעגער און געקומען אין וואַלד. — אַ מענטש פון יעגער? — פרעגט איציע איבער און שאָקלט מיטן קאָפּ אויף חידושים. און דער וואַלד ענטפערט: — וו-וו-וואָ אַ, דו איד! — רעדט דער זקן נישט שאַרף אַרוים — וו-וו-וואָ-אָ—אָ!... פאַראַן אַ סך אַזוינע

יעגער פון מענטשן... בעט זיך דער מענטש בא וואַלד און נאַכט: — וואַלד, וואַלדעניו, באַהאַלט מיך! יעגער איז שלעכט, יעגער איז זאַט און וויל מיין לייב רייסן און וויל מיין בלוט גיסן! יעגער איז זאַט? — פרעגט איבער איציע און שאָקלט מיטן קאָפּ. — וו-וו-וואַ-אַ-אַ! — ענטפערט דער וואַלד: — אַזוי איז עס, זאַט און שיכור איז מענטשן־יעגער. און וואַלד האָט געזאָגט: — באַהאַלטן? ווי אַזוי? ששששטאַאַאַ. קיין באַהעלטעניש אין וואַלד! שטעל די פיס האַרט צו דער ערד, הויב די הענט און שאָקל, שאָקל מיטן קאָפּ און מיט די הענט, אָט ווי אַ בוים צווישןביימער, ווי אַ קינד צווישן קינדער. און מענטש האָט געשטעלט פעסט זיינע פיס אין דער ערד, אויפגעהויבן קאָפּ און הענט און געשאָקלט. אַ בוים צווישן ביימער. איז געקומען דער יעגער באַנאַכט מיט טענות צום וואַלד און מיט רוגזה: — וואַלד, איך פיל מענטשן ריח בא דיר! גיב אַרויס! — מענטשש? שטשטשטאַאַאַ! — ענטפערט דער וואַלד: — ביימער און ביימער, פעסטע צו דער ערד און שאָקלען מיט קעפּ און הענט! האָט בייזער יעגער געטאַפּט דאָרט און געזען גערעכט איז וואַלד. און אַוועק איז ער פול מיט כעס. — און מענטש? — פרעגט איבער איציע און שאָקלט מיטן קאָפּ, וואָס איז געוואָרן פון מענטש? מענטשששש? — ענטפערט לאַנגזאַם דער וואַלד — מענטש האָט געדונגען העקערס מיט העק, זעגערס מיט זעגן און אויסגעהאַקט און צעזעגט איז געוואָרן דער וואַלד פון מענטשנס הענט און מענטש איז היינט רייך. אַ, אַ, אַ, שטיין רייך! — איז וואַלד אַריין אין התלהבות און באַלד, שוין טרויעריק און מיט בושה איבערגעחזרט: — אַ, אַ, שטיין-רייך!

— מענטש באַצאָלט פאַר טובות! — האָט איציע אַ טראַכט געטון און אַ שטילער ציטער איז אַדורך זיין לייב.

אַ צווייט מעשהלע האָט וואַלד דערציילט און איציע האָט זיך צוגעהערט אין פינצטערער נאַכט שפּאַנענדיק אָן אַ ציל און אָן אַ ריכטונג, נאָר זיכער, אַז דער באַשלום מוז קומען אַ פעסטער וועגן זיין לאַליטאַ, וועגן איר ברודער דעם אידן-שונא און וועגן אַלץ מיטאַנאַנדער:

דער יאַגואַר האָט באַפוילן דעם פעלודאַ: שלום ושלווה זאָל הערשן צווישן ביידע! אַ בעל תשובה איז ער געוואָרן, דער פליישפרעסער, און רחמנות האָט ער געבעך, אַך; שוואַכערע. אדרבא ואדרבא, פאַרטיידיקן וועט ער דעם נייעם חבר מיט אַלע כוחות, זאָל וועלט זען וואָס יושר

הייסט. איין באַדינג נאָר פאָדערט ער פונעם פעלודאַ: בייטן די פעל! צו וואָס, אַז אמת, באַדאַרף ער איצט די שטעכיקע האָר וואָס מאַכן געשוואָלן די נאָז באַם קושן זיך? הײַנט דער אויסזען זיינער! באַוואַקסן מיט לאַנגע שטעכערס, מיאוס, נימאוס וניבזה!...

און דער פעלודאַ האָט געענטפערט קורץ און ריכטיק: אין מיין פעל בין איך געבוירן, אַן איר בין איך נאָר געשמאַק פלייש צום עסן און קושן קושט מען זיך מיט די פיסקלעך. מיין פיסקל איז ווי באַ אַלע חיות, גלאַט און פייכט!

אזוי האָט איציע געשפאַנט אין שיטערן וואַלד אַ גאַנצע נאַכט. ער איז געריסן געוואָרן פון שטעכיקע צווייגן, געביסן געוואָרן פון אַלערליי פליגעלעך, נאָר עפּעס האָט ער באַשלאָסן, אַז קיין פעל בייט מען נישט און אַז אַלע פיסקלעך זיינען גלאַט און פייכט, גרייט צום קושן. קעגן יאַגוארן זיינען פאַראַן שטעכיקע לאַנגע האָר, וואָס מאַכן געשוואָלן די נאָז.

אַפן צווייטן טאָג, האָבן עלטערע אַרבעטער אַרומגערינגלט איציען און אים נישט אָפּגעלאָזט, ער זאָל זיי נאָר זאָגן וואָס רעכנט ער מיט דער אַרבעט. אַלע האָבן זיי גערעדט מיט אַמאָל און מיט טענות: — סטייטש, ער, איסאַ, אַזאַ וואוילער און איינענער, זאָל אומגליקלעך מאַכן אַ וועלט! זיינע פערזענלעכע ענינים, זאָל ער זיך מיט זיי אַן עצה געבן, אָבער, די אַרבעט!... אָבער, די אַרבעט!... קרעאָלן עסן אַלע טאָג ברויט מיט פלייש און בויען זיך שטיבער; זאָל דאָס אַלץ אָפּגעשטעלט ווערן און ווידער זאָלן זיי לעבן אַף מאַטע מיט גאַליעטן?... די ווייבער, פולע אויגן מיט טרערן, האָבן געשנייצט די נעז אין די פאַרטעכער: האָב רחמנות, דאָן איסאַ! אפשר דאַרף מען גיין בעטן דעם פּריץ, וועלן מיר וויינען פאַר אים!... די קינדער האָבן זיי געצויגן באַ די קליידלעך און געהאָלפן וויינען.

באַלד האָבן אַלע אַרבעטער זיך פאַרזאַמלט. זיי האָבן געזען איציען אַ מידן און אַ פאַרלוירענעם און האָבן נישט געוואוסט, צי איז ער טאַקע שולדיק, צי לאָזט דער פּריץ נישט האַקן ווייטער. האָבן זיי זיך שוין פשוט געבעטן באַ אים: זאָל ער, איציע, זיך אַן עצה געבן... אפשר נאָר פּרואוון דורכן געריכט...

און דעמאָלט איז איציען אויפגעשוואומען דער צווייטער באַשלוס:

גערעכט איז כאַקאַבאַ באַגאָפּאָלסקי; געשעפט איז געשעפט. מען מוז דעם קאָנטראַקט פּינקטלעך אויספילן, לטובת װאַלד־מענטשן און לטובת דעם לאַנד. און איציע האָט געזאָגט צו די װאַלד־אַרבעטער:

— ס׳איז געװען אַ מאָמענט פון שװאַכקייט. צוליב פּערזענלעכע ענינים װאָלט איך געװען איבערגעלאָזט אַלץ און אװעק פונװאַנען איך ביז געקומען? איצט, ניין! אַ קאָנטראַקט צװישן מיר און דעם פּריץ איז פאַראַן, װעט מען װײטער האַקן האָלץ און ברענען קױלן. דאָס איבעריקע, זאָל זיין װאָס עס װיל זיך!

פאַר פרייד האָט מען אים אױף די הענט געטראָגן. געטאַנצט האָבן אַלע צוזאַמען, עלטערע און יונגע, פרויען און קינדער:

— היפּ, היפּ! דאָן איסאַ! מ׳װעט האַקן װאַלד און ברענען קױלן!

אַ גלח שפּאַנט אין װאַלד, אַליין, מיט דעם סידורל אין דער האַנט, אין דער לאַנגער יום־טובדיקער זשיפּעצע. ער דאַװנט זיך שטיל אונטער און באַװאונדערט גאָטס װעלט. ער שפּאַצירט לאַנגזאַם, מיושבדיק. ער קען, װײזט אויס, די תפילות אױף אױסנװייניק, װאָרפט ער דעריבער בלויז װען ניט װען אַ בליק אין ביכל און פאַרמאַכט דאָס װידער. פּלוצים האָט ער זיך אָפּגעשטעלט און גענומען שטעלן טריט מיט גרויס פאָרזיכטיקייט, װאָרום אַ מחנה רויטע מערעשקעס האָט געמאַכט איר מאַרשרוט איבערקרייצנדיק די סטעזשקע. ער האָט זיך געהיט חלילה ניט צעטרעטן גאָטס באַשעפעניש. דאָס גייט דער באַװוסטער פאָטער פראַנציסקאָ פון לאַ קרוז אױף באַזוך צו די אַרבעטער אין װאַלד.

ערגעץ, ניט װײט, שרייט דער „ביטשאָ פעאָ" זיין מאָדנעם אויסגעשריי, פון װעלכן ער האָט זיין נאָמען באַקומען: בי־אָאָ־פעאָ!!! און דער גלח שמייכלט אונטער: שקצים אין שטאָט שרייען דאָס אַמאָל נאָך אַ גייסטלעכן... אַ גריל האָט מאָנאָטאָן געצװיגן איר שװיפּטש און ס׳איז נאָרנישט צום פאַרשטיין געװען װי װערט זי ניט מיד אַזוי לאַנג מיט איר גרילצן...

אַ הויכער, אַ פעסטער, האָט פאָטער פראַנציסקאָ, כאָטשע שוין אין די טיפע פופציקער, נאָך געשטעלט שפּאַן װי אַ יונגערמאַן. זיינע שטרענגע, באַװוּנגלעכע אויגן, זיינען געװען אין שטאַרקן קאָנטראַסט צו דעם גוטמוטיקן שמייכל, װאָס איז שטענדיק אויסגעגאָסן געװען אױף זיין לענגלעכן פּנים. ער האָט געשמט מיט זיינע מעשים טובים איבער דער גאַנצער

געגנט. וואוהין גייט אַן אלמנה מיט קליינע קינדער אין אַ גויטפּאַל? צום פּאַטער פראַנציסקאַ. וואוהין ווענדט זיך אַ יתום, אַן עלנטער? צום פּאַ־טער פראַנציסקאַ. אַ סיכסוך צווישן שכנים, אַ שלעכטע באַהאַנדלונג פון מאַן צו ווייב. אַלע ווענדן זיך צום פּאַטער פראַנציסקאַ פון לאַ קרוז. און ער הערט אויס, שפּריצט פייער מיט זיינע טיפע אויגן און מיט זיין גוט־מוטיקן שמייכל טרייסט ער וואו מען דאַרף, העלפט וואו ער קען און פאַרגלייכט וואו עס לאָזט זיך. דערפאַר איז ער באַליבט אין דער געגנט, דערפאַר, ווען באַרג-מענטש אָדער באַרג-פּאַסטעך באַגעגנט אים, טרעט ער פאַרכטיק אָפּ אַן אַ זייט, בויגט אַן מיט יראת הכבוד דעם קאָפּ: — אַ ברכה, פּאַטער פראַנציסקאַ, אַ ברכה פאַר מיר! און ער, דער גלח, צלמט אים איבער פּאַטערלעך: — זיי געבענטשט, מיין זון!...

אויך איצט, מוז ער אַ וואַזשנע שליחות אויספירן. הייסן הייסט עס, ער גייט גלאַט אַזוי אַנקוקן ווי קריסטן האַקן וואַלד, נאָר אין דער אמתן — ער שמייכלט טיף אונטער, פּאַטער פראַנציסקאַ, באַם דערמאָנען זיך זיין שליחות און ער רייבט זיך אַ האַנט אַן אַ האַנט פאַר נחת: מיט גאָטס הילף, מיט גאָטס הילף! — אַ, אַ! — קרעכצט ער, דערמאָנענדיק זיך די אָנשטרענגונג וואָס אים האָט געקאָסט איבערצייגן דאָן סאַנטיאַ־גאָם בנאַק, אַז פאַר גאָט זיינען אַלע מענטשן-קינדער גלייך, אַז אַ איד איז פּונקט אַזאַ מיוחס ווי אַלע איבעריקע און, אַז, אדרבא, האָט זיך דען דער דערלייזער נישט באַוויזן צו אונדז אין דער געשטאַלט פון אַ אידן?...

דער גלח האָט שטיל אונטערגעלאַכט: אמת, מען זאָגט, שלעכטס מאַכט גאַריש... לויט דעם בעל־דבר קומט אויס, אַז אין אַלדאָס בייז זיינען שול־דיק נאָר די אידן: זיי זיינען געלט-באַזיצער, זיי זיינען קאָמוניסטן, זיי ווילן פאַרכאַפּן אַרגענטינע... אויסגעדראָשענע נאַרישקייטן, וואָס ביטרע מענטשן טראַכטן אויס און שוטים גלייבן באמונה שלמה... אינטערעסאַנט צו קענען אים, דעם איסאַ! ער האָט שוין לאַנג געהאַט ידיעות וועגן אים פון די וואַלד-אַרבעטער. אַלע לויבן אים, מען דערציילט נסים פון זיין גוטסקייט, פון זיין בראַווקייט און, גאָט מיינער, ווי פאַרליבט אין אים די קליינע לאַליטאַ איז, אַז ווען זי רעדט פון אים, שטראַלן אירע אויגן... נישט אומזיסט איז דער אַלטער דאָן סאַנטיאַגאָ מסכים... מען זעט בחוש, דאָס מיידל איז פאַרכישופט פון אים... — מיט גאָטס הילף! — האָט

פּאַטער פראַנציסקאָ איבערגעחזרט, דער בחור וועט זיך באַהעפטן צו אונ־דזער גלויבן און מיר וועלן פּראַווען די אמתע חתונה אין קלויסטער...

אַזוי האָט געטראַכט דער גלח פון לאַ קרוז, אָנקומענדיק צו די קאַדרען אַרבעטער אין וואַלד.

פון בינטל אַרבעטער צו בינטל אַרבעטער האָט פּאַטער פראַנציסקאָ געשפּאַנט מיט זײַנע פעסטע טריט. אומעטום האָט מען אים אויפגענומען מיט שמחה. אַן אַנגעלײגטער גאַסט איז ער געווען בײַ אַלע אַרבעטער. דער גלח האָט יעדן געקענט בײַם נאָמען און האָט אויסגעפרעגט זיך וועגן זײַן הויזגעזינד. ער האָט געוואוסט די אָנגעלעגנהײטן פון יעדער פאַמי־ליע. כואַן דער הינקענדיקער האָט זיך געקלאָגט פאַר אים:

— פּאַטערל, וואָס טוט מען מיט מײַן מכשפה? אפשר פירן זי אין שטאָט? ליגט אין בעט און דערגײט די יאָרן, רק זי שעלט און שרײַט. מײַן אײנציקע רו איז בײַ דער אַרבעט אָדער אין באַליטשע...

און דער גלח האָט זײַנע גרויסע אויגן אויסגעשאַרצט און אים גע־טאַדלט פּאַטערלעך:

— נאָט איז מיט דיר, כואַן! דײַן אײגענע פרוי, געלעבט מיט איר צענדליקער יאָרן, געהאַט מיט איר קינדער, זײַ חתונה געמאַכט און איצט, ווען זי איז, נעבעך, געלײמט, געשטראָפט צו ליגן אין בעט אירע לעצטע יאָרן, ווילסטו זי פאַרלירן ערגעץ אין שטאָט?! זי שעלט זיך? אוודאי דאַרף זי זיך שעלטן, אַביסל זאָל איר גרינגער ווערן אַפן האַרצן... ווען, חלילה פאַרקערט, וואָלסטו אויך געשאָלטן... גיב איבער פון מיר גאָטס ברכה דער קראַנקער, נעבעך!...

מאַריאַן האָט ער אָוועקגערופן אַן אַ זײַט און אים אָנגעזאָגט:

— זע, פיר דײַן שוועסטער וואָס גיכער צום אַלטאַר מיט עוזעביאָס יונגסטן זון, זאָלן זײַ חתונה האָבן און פאַרמאַכן מענטשן די מײַלער און דו וועסט אויך ווערן אַ פרײַער... מען טאָר ניט דערלאָזן צו בײזע צינגער, הערסט, מאַריאַ? חתונה געמאַכט און אַן עק!...

געהערט האָט איציע אַז ס'איז געקומען אין וואַלד צוגאַסט פּאַטער פראַנציסקאָ פון לאַ קרוז און באַטראַכט די אַרבעט, האָט ער איבערגעלאָזט דאָס בײדל זײַנס מיט אַלערלײ בריוו און חשבונות, אַפן טיש אָנגעוואָר־פענע און זיך געלאָזט גײן צו די אויוונס, און כאָטש איציע האָט ניט שטאַרק געהאַלטן פון גאָטס פאַרטרעטער אַף דער וועלט, האָט ער באַ־

שלאָסן זיך פירן ווי אַלע איינוואוינער דאָ פירן זיך, העפלעך און מיט כבוד, זאָל דער גלח ניט מיינען, אַז ער מינדערשעצט אים אַלס גייסטלעכן ניט פון זיין גלויבן. ער האָט אים דעריבער טאַקע צוגעטראָגן אַ ברייטן גוטמאָרגן און זיך געוואונדערט:

— אַזאַ גאַסט! אַזאַ גאַסט!

און אַלס קאָמפּלימענט צוגעגעבן:

— אייער שם שוועבט איבער אַלע ישובים אין וואַלד. ווי אַ ריכ־טיקער פּאַטער זיינט איר אין אייער פּאַראַפיע, גרויס איז דערום מיין פרייד מיט אייער באַזוך...

— מאַ, מאַ! — האָט דער גלח אָוועקגעמאַכט מיט דער האַנט.

— עס שטייט געשריבן אין די הייליקע שריפטן: לויב ניט צופיל יענעם אין פּנים. ביסטו טאַקע, מיין זון, פון ישראלס שטאַם?

— יאָ, פּאַטער, אַ איד בין איך, וואָס האָט פאַרבלאָנדזשעט אַזש אין די קאַנטן.

— זאָל זיין געבענטשט די השגחה, וואָס האָט דיך געבראַכט אין די מקומות, וואָרום מיט דיר איז אויך געקומען אהער מזל־ברכה. קריסטן אַרבעטן און פאַרדינען, וועט שוין ניט הערשן אַזאַ נויט אין דער געגנט. ס'איז מיר נאָר אַ חידוש ווי אַרום האָט דער אַלטער פריץ דיר דערלויבט האַקן וואַלד, ווען פריער פלעגט ער טרייבן פון זיך מענטשן, וועלכע פלעגן בעטן ענלעכעס, טופּען מיט די פיס און זיי זידלען...

— אַ סך צו פאַרדאַנקען, פּאַטערל, איז דער טאָכטער זיינער, פּריילן לאַלאַ. די בת־יחידה האָט געפּועלט מיט טרערן און צערטלעכקייטן, וואָס אַנדערע האָבן ניט געקענט פּועלן מיט בקשות.

—אַ, אַ! — האָט דער גלח וואווילעריש אונטערגעשמייכלט. — איך פאַרשטיי, איך פאַרשטיי! נאָר, — האָט ער ליבלעך צוגעגעבן, — ווי זשע קומט עס טאַקע וואָס דו ביסט געבליבן נאָר באַם וואַלד? ווייזט אויס, אַז דעם וואַלד האָט דאָן סאַנטיאַגאָ ווי עס איז מפקיר געווען, נאָר די טאָכטער האַלט ער שטאַרק לעבן זיך...

איציעס פּנים איז פאַרחושכט געוואָרן און ער האָט כמעט גע־שטאַמלט אין פאַרלעגנהייט:

— דעם אמת געזאָגט, פּאַטער, ווייס איך ניט וואָס דאָרט קומט פאָר. דער פּאַטער, דאַכט זיך, איז ניט געווען דאַקעגן...

און איציע האָט דערציילט דעם גלח ווי צוריק מיט צען טעג איז לאָליטאַ געקומען צו רייטן און אין איילעניש אים פאַרשוואוירן ער זאָל זיך אין עסטאַנסיאַ נישט ווייזן, מחמת דער ברודער אירער וועט אים אוועקהרגענען. מער האָט ער פון איר קיין ידיעה ניט און ער ווייסט בכלל ניט וואו ער האַלט.

— פאָטער, — האָט ער פאַרענדיקט, — איך האָב ליב לאָליטאַן און זי איז ווערט געליבט צו זיין. זי איז פון אַ באַזונדער טייג געקנאָטן, פון אַ באַזונדער געוועב באַשאַפן. אָפטמאָל פרעג איך מיך; ווי קומט זי צו דעם שטאַם, אין די געגנטן? פּריצישע טעכטער ווייסן נאָר אָרגיעס פּראַוועז, אַלערליי הוליאַנקעס, און זי, אַ הייליקע איז זי, אַ הייליקע און אַ ווילדע,ביידע זאַכן אינאיינעם. איז טאַקע שווער צו באַנעמען זי, שווער צו דערקענען, אָט כאַפּ דעם ווינט אין פעלד, פאָטער, און פרעג אים אָף קלאָר... איז גיי ווייס, ליבער פאָטער, צי איז דער ברודער שולדיק, צי גאָר די שוועסטער. אפשר האָט זי חרטה אָף דעם גאַנצן עסק, ווער ווייס?...

און איציע האָט אינמיטן וואַלד צעשפּרייט זיינע צוויי הענט מיט „ווער ווייס?" און איז אַנטשוויגן געוואָרן, אַ געריסענער אָף שטיקער פון ספקות און בענקעניש.

ביידע, איציע און דער גלח, האָבן אַ ווילע געשפּאַנט און געשוויגן. איציע ירוחם טערניוווקערס זון און פאָטער פראַנציסקאָ פון לאַ קרוז.

ענדלעך האָט דער גלח אַרויסגעצויגן זיין שאלה:

— האָסטו געטראַכט דערפון, מיין זון, אַז זי איז אַ גלויביקע קריסטין און דו ביזט אַ איד? צוויי קריגערישע צדדים פון דור-דורות? האָסטו אַ טראַכט געטון ווי אַזוי אויסצוגלייכן דעם תהום וואָס איז פאַראַן צווישן אייך ביידן? זאָג, איד, אפשר גאָר האָסטו געוואָלט אוועקרייבן אַ טויב פון אונדזער אמונה?

דער גאַלעך האָט דערפילט, אַז אין זיין אייפעריקייט, האָט ער זיך צופיל געהיצט און האָט מורא באַקומען קאַליע צו מאַכן זיין גאַנצן פּלאַן אַרונטערצוברענגען דעם בחור אונטער די פליגל פונעם קלויסטער. ער האָט זיך דעריבער צוריקגעכאַפּט:

— מיין נישט, זון מיינער, אַז אַ איד איז באַ אונדז גייסטלעכע, ווי באַ די פּראָפאַנען, אַ שימפּ-וואָרט. אַ, הונדערטער און הונדערטער יאָרן, אַז די קירכע וואַרט מיט אַנגסט און האָפענונג, אַז דאָס אויסדערוויילטע

פאָלק, וואָס פון זיין שוים און מיט זיין געשטאַלט איז געקומען דער דער־לייזער, זאָל אים דערקענען און אָנעמען זיין נאָמען. דער טאָג ווען דאָס וועט געשען, וועט זיין דער צווייטער גלאָר פון יעזוסן. דערוויל, אָבער, ווי איז עס ׳מעגלעך אַ בונד צווישן אַ גלויביקער קריסטן און אַ איד, אויב נישט דער לעצטער זאָל ווערן אַ קריסט? אַ צעריסן לעבן וועט איר האָבן תמיד. זון מיינער, די מאָמענטן פון עמאָציע גייען גיך פאַרביי אין רעאַ־לער פיזיאָלאָגישער פאַרבינדונג צווישן מאַן און ווייב, איז וואָס פאַר אַ קשר בלייבט, אויב זיי זיינען פון פאַרשיידענע גלויבנס? דעמאָלט קומט דער ריס, די טראַגעדיע! ניין, מיין זון, נאָר אַ קריסט קען חתונה האָבן פאַר אַ קריסטן!...

איציע האָט זיך דערמאָנט אָן דעם צווייטן מעשהלע פונעם וואַלד אין יענער נאַכט און געזען האָט ער, אַז דאָס מאָל איז דער יאַגואַר קיין יאַגואַר נישט, נאָר אַ מענטש אָן אויפריכטיקער און אָן ערלעכער, נישט מער מיט פאַרבונדענע אויגן. די פאַטשיילע פון גלויבן פאַרשטעלט אים די ראיה און ער הערט און ער זעט נאָר דאָס וואָס ער וויל הערן און זען, אָט ווי זיין פאָטער ירוחם עליו השלום, נאָר פון דער צווייטער זייט און עס זיינען נאָך ניט געבוירן געוואָרן די מענטשלעכע ווערטער מען זאָל אים מיט זיי קענען איבערציינן. ער האָט דעריבער פאַרשטאַנען, אַז דאָס בעסטע איז אָפּשווייגן און נישט אַנטקעגנריידן.

דער גלח, ווידער, האָט ניט געוואָלט מיט איין מאָל שאַרף אָפּהאַקן דעם ענין. אים האָט אויך באַנג געטון זיין היצן זיך פריער און ער האָט זיך אָנגעהויבן אונטעראײַלן:

— נו, נו, מיין זון, דער ענין איז אַ שווערער און מיר וועלן זיך נאָך דורכריידן. יעדנפאַלס, קום אריין צו מיר ווען ניט ווען מיט לאָליטאַן.

און שוין צוריקגייענדיק, האָט ער אונטערגעקרעכצט:

— איי, איי, אַ שווערער ביסן דער איד! ווי שטייט דאָרט אין די הייליקע שריפטן: אַ האַרטנעקיק פאָלק „טעסטאַ רודאַ", — האָט ער צו־געגעבן אין איטאַליעניש און געשטעלט זיינע גיכע אינגלשע שפּאַן.

ערשט ווען דעם גלחס סאָטאַנאַ האָט זיך שוין געבאַמבלט פונווייטנס צווישן דיביימער, האָט איציען באַהערשט אַ מרה־שחורה. אַ מרה־שחורה אַ צעשטערערישע, וואָס רייצט און טרייבט די בלוטן אין קאָפּ אַזוי, אַז ס׳וואָלט זיך וועלן די וועלט זאָל זיין אַ שטרויענע און דעמאָלט וואָלט ער,

איציע, פשוט אַנגעצונדן אַ שוועבעלע און צוגעטראָגן צו איר: נאַ, ווער פאַרברענט, צו אַלדי רוחות!...

אַ גאַנצן טאָג האָט ער זיך געדרייט און קיין אָרט פאַר זיך נים געפונען. ער איז אומגעגאַנגען און זיך געזידלט אין אידישן לשון. פאַר־נאַכט-צו ווען טונקלקייט האָט גענומען זיך אויסשפּרייטן און די אַרבע־טער זיינען גרופּעסווייז פאַרשוואונדן, יעדער אין זיין ריכטונג, און איציע איז געבליבן אַליין אין וואַלד פון גרויסע שטחים, האָט ער דאָס ערשטע מאָל אין אַרגענטינע, געוויינט.

דאָ און דאָרט זיינען אין וואַלד געווען בלויזן, וואָרצלען נאָר האָבן אַרויסגעשטאַרצט פון אָפּגעהאַקטע ביימער. ערטערווייז איז די ערד אפילו געווען צעגראָבן און די פּענקעס אויסגעוואָרצלט. נישט ווייט פון אים, האָבן אויוונס זיך געררייכערט, קיילעכיקע און הויכע ווי ספינקסן שטומע מיט רויכערנדיקע פּיסקעס. איינגעשלונגען אין פינצטערניש, איינער אַליין אין אוראַלטן וואַלד, איז אַ מענטש געגאַנגען מיט טרערן אין די אויגן.

צוקומענדיק צום ישוב, פאַרבייגייענדיק עוזעביאָס שטוב און געזען, אַז די טיר פון די באַנאַפּאַלסקים קראָם איז געשלאָסן, נאָר אין צימער באַ זיי לייכט זיך נאָך, האָט ער אָנגעקלאַפּט. געעפנט האָט אים אַניטאַ און ווען איציע זאָל דעמאָלט נישט געווען זיין צעטראָגן, וואָלט ער באַ־מערקט ווי אַ רויטע פאַרב האָט באַגאָסן איר יונג פּנים ווען זי האָט אים דערזען.

נאָך צוויי וואָכן זיין אין לאַ קרוז, האָט דער קאָמענדאַנט אָנגעהויבן שטאַרק אונטערגעניצן אין די נעכט. וואָלט כאָטש געווען מיט וועמען אַ קערטל כאַפּן! אַזאַ פאַרוואָרפעניש, אַז מ׳קען אויסגיין פון אומעט! ער האָט געפּרואווט טרינקען דעם „באַלם״, וואָס זיין פאָטער האָט אויס־געשריבן פון דער הויפּטשטאָט. נאָר אַליין זיצן און גיסן אין זיך, איז אויך קיין אַרבעט נישט. דאָרט, אין בוענאָס איירעס, זיינען דאָ חברים, זיינען פאַראַן אוואַנטורעס, פרויען... אָט אין די אָוונט-שעהן, ווען דאָ קריכן די הינער אַף די באַנטעס און די מענטשן אַף געלעגערס, הייבט זיך ערשט דאָרט אָן דאָס לעבן צווישן זיין חברותא, די וועטשערינקעס, וואו מען טרינקט אַ סך און מיט גוסט. ער האָט זיך דערמאָנט אַ סך פון

יענע פּאַסירונגען און שטאַרק געבענקט נאָך זיי. באַשלאָסן האָט ער מער דאָ נישט צעפּטרן די טעג, שיקן די שוועסטער מיט איר אידלאַק, אַלע צוזאַמען צום טיוול, האָט געכאַפּט באַם פאָטער אַ טשעק אַף אַ פּאָר טויזנטער און אַוועק.

ווען לאָליטאַ האָט געפּטרט איר ברודער דעם שלאַק, האָט זי אַנגעזאָלט איר געפּלעקטן און אַוועקגעגאַלאָפּירט אין וואַלד אָנזאָגן די גרויסע בשורה איר געליבטן, אַז זי איז ווידער פריי און אַז איר הויז איז ווידער פאַר אים אָפן און זי וואַרט גאָר אינגיכן זיך צו באַהעפטן מיט אים אַף תמיד.

בערגל אַרויף, בערגל אַראָפּ ציט זיך דער וועג פון דער עסטאַנסיע צום וואַלד. ווייזט אויס מיד איז געוואָרן דעם שאַפערס האַנט און אָנגעזעטקיט איז שוין געווען זיין אויג מיט די נאָנטע בערג, האָט ער שוין דאָ אַזוי נאַכלעסיק געקנאָטן און אַרויסגעקומען זיינען נעבעכדיקע בערגלעך. און אפשר האָט דער אַלטער אינדיאַנישער גאָט, גאָר אַמאָל, אַמאָל אין אַ מאָמענט פון שטאַרקן צאָרן, זיך צעבלאָזן מיט זיינע ברייטע נאָזלעכער און צעכוואַליעט די ערדישע אויבערפלאַך. צועשט פאַמעלעך, אין קליינע בערגלעך, און צום סוף, אינעם אַפּאָגיי פון צאָרן, אין הויכע ריזן-בערג?

בערגל אַרויף, בערגל אַראָפּ, האָט לאָליטאַ, פול פרייד, געטריבן איר פערד.

וואָס איז די סיבה, טאָכטער פון אַנטשאָרענאַ, וואָס דאָס טיאָכקען פון דיין האַרץ הערט זיך אַזוי הויך, העכער ווי דאָס קלאַפּן פון די פיס באַ דיין אָוועראָ? ניין, לאָליטאַ, ניט פאַרכישופט איז דער וואַלד און ניט ער רוקט זיך אַלץ ווייטער און ווייטער, פאַרכישופט ביזט דו אין דיין אומגעצוימטן גאייל צום איד איציע. אַ שאָד, אַשאָד, לאָליטאַ, וואָס דו האָסט קיין פליגל ניט ווי דער גאַווילאַן, זאָלסט זיי צעשפּרייטן אַף דעם פערד זיצנדיק און העלפן לויפן דעם אָוועראָ! וואָס קוויטשעסטו אַזוי ווילד און משוגע רייטנדיק, איינִיקל פון וועלאַזקאָ? אַזוי פלעגט יאָגן און קוויטשען דיין זיידע מיט דער שווערד אין דער האַנט, שלאָגנדיק דעם „מאַלאָן“! דאָס יאָגט לאָליטאַ זיך זען

מיט איציגן. שוין צוויי וואָכן, אַז זי האָט זיין געטאָקטע צורה נישט געקושט, צוויי וואָכן — צוויי יאָרצענדלינגער גאַנצע!

אַרויף, אַראָפּ, אַריין, אַרויס, ציט זיך דער וועג איבער בערגלעך און טאָלן, מיט אַלערליי ווילד־גראָזן באַוואַקסן. און דער וואַלד, אָט איז ער נאָענט שוין, באַ דער נאָז, אָט פאַרשווינדט ער אינגאַנצן פון די אויגן. און אין איר ברויזט און שפּאַרט די גבורה פון דעם בלוט און סירייסן זיך פון איר אירע אַכצן פרי־לינגס אין איין אויסגעשריי: איסאַ, איסאַ טייערער, איך פלי צו דיר, איך וויל דיך אָנכאַפּן באַ דיינע שיינע ליכטיקע האָר און מיט מיר וועסטו זיין און איך וועל דיך מער ניט אָפּלאָזן, מיינער ביזטו, מיינער!...

געקומען אין וואַלד, איז לאַלאַ געריטן אין דער ריכטונג וואו מען האָט געהאַקט, טראָט באַ טראָט, אי מחמת דער אָוועראַ איז באַדעקט גע־ווען מיט אַ ווייסן שוים, אי מחמת די סטעזשקע אין וואַלד איז נים ריין. דאָ און דאָרט שטעקן אַרוים פּעניקעס און די שטעכיקע צווייגן באַ די זייטן צערייסן די פעל פונעם פערד.

אויך איר געמיט איז שוין באַרואיקט און דאָס אָרט פון פריידיקן אויפבראויז האָט פאַרנומען אַ שטילער טרויער. אַ מעלאַנכאָלישן טאַנגאָ האָט לאַליטאַ פאַרצויגן, איינעם פון די פיל אַרגענטינער טאַנגאָס, וואָס דערציילן פון אַ געליבטער אָן אָפּגעגאַרטער, וואָס דער באַטריגער אירער וואַרפט זי אַוועק און זי קערט זיך אום צום ערשטן אמתן האַרץ־פּרינץ. איר קול איז מיט האַרץ און נשמה זיך צעגאַנגען איבערן וואַלד און דער עכאָ האָט איר געענטפערט, איבערכאַזערנדיק די ענדע־סטראָפן:

„וועסט זיין אַ ווירטן איבער שאָף און רינד
און אַ מוטער צו מיין קינד,
אָבער מיין פרוי קיינמאָל מער,
קיינמאָל מער!"

ערשט ווען זי האָט דערגרייכט די ערשטע קאַדרען אַרבעטער, איז לאַליטאַ געוואָר געוואָרן, אַז איסאַ איז אין וואַלד נישטאָ, אַז לעצטנס שמייעט ער אַרום מיט עפּעס אַ העך און מען מעסט און מען באַטראַכט

דעם וואַלד, אַז נעכטן אין אָוונט האָט ער שפּאַצירט מיט דער טיענדערעס, זיין פּאַיסאַנאַ, און איר טאָכטער.

פּאַרלאָזט האָט זי דעם אַרבעטער אינמיטן דערציילן. ס'איז איר ניט אָנגעשטאַנען, דעם פּריצס טאָכטער, צו שמועסן מיט זיי און אוודאי איז איר ניט אָנגעשטאַנען זיי זאָלן באַמערקן, ווי געביטן עס האָבן זיך די קאָלירן פון איר פּנים בײַ דער ידיעה. נאָר ווען זי איז צוריק אויף איר פערד געפאָרן און איז אַרויס פונעם וואַלד, איז זי דערשטיקט געוואָרן פון וויטיק און געוויין און מיט רציחה האָט זי געהאַקט איבערן קערפּער פונעם אָווערא מיט אַלע כוחות, גלייך דאָס פערד וואָלט געווען דער איינציקער שולדיקער אין אַלע אירע ליידן און דורכפאַלן.

אינזשעניער ענריקע שטיינבאַום, ערשטער שותף פון דער פאַבריק „טעבידאָס בענעראַלעס שטיינבאַום אי קאָמפּאַניאַ" און אייגנטימער פון אייזן-געשעפט, וואָס אימפּאָרטירט ריזיקע סכומים טאָנען סוב-פּראָדוקטן פון האָליץ, האָט נאָך אַלס סטודענט זיך אַרומגעטראָגן מיט דעם געדאַנק די אַלע אַרטיקלען פאַבריצירן אין לאַנד, ניט ברענגען פון אויסלאַנד. ער פלעגט תמיד איינטענהן מיט זיין פאָטער און זיך היצן: סטיימש, אַרגענטינע איז דאָס דריטע לאַנד פון וואַלד-רייכטימער אויף דער וועלט און מיר זאָלן מוזן אימפּאָרטירן אַרטיקלען פון אויסלאַנד? אָט די מיליאָנען פעזעס וואָלטן דאָ געבליבן לטובת די וואַלד-איינוואוינער, און נישט זיי אַרויסשיקן!...

זיין פאָטער, דוד שטיינבאַום, פלעג אים ענטפערן מיט אַ ביטול-שמייכל: ווילסט גלייכן אַרגענטינער ווילדערניש מיט דייטשלאַנד? הונדערטער יאָרן האָט יענע לאַנד זיך ספּעציאַליזירט אין דער אינדוסטריע, ועסטו קומען קאָנקורירן?... און מאַשינען? וואו האָסטו מאַשינען צו דער אויסאַרבעטונג? גלויב מיר, מיין זון, אַז יעדער ליטער מערפּענטין, הי אויסגעאַרבעט, וואָלט דיך געקאָסט טייערער ווי שאַמפּאַניער־ווײַן און וואָלט ערשט געטויגט אויף כפּרות. אַז קיין שום זאַך טויג דאָ נישט, דאָס פלייש איז לא יוצלח. ווייסעך וואָס, אַמעריקע! אַמעריקע! — פלעגט עם פאַרענדיקן מיט אַ בענקעניש נאָך זיין געבורטלאַנד, נאָך יענעם שטעטל, וואָס כאָטשע ער איז אַוועק פון דאָרט באָרוועס און איבערגעשראָקן, פלעג ער תמיד נאָך דעם בענקען.

דער זון, אָבער, ענריקע, אַ געבוירענער שוין אין אַרגענטינע, איז געווען מיט אַ גאַנץ אַנדערער מיינונג וועגן זיין געבורטלאַנד און איר עשירות. פאַר אים האָט גאָר קיין שענער לאַנד אויף דער גאָרער וועלט ניט עקזיסטירט. אירע העלדן זיינען בײַ אים געווען איינגעבאַקן אין האַרצן נאָך פון דער שול-באַנק. וואו נאָך זיינען פאַראַן אַזעלכע העלדן ווי סאַן מאַרטין און בעלגראַנאָ, וואָס האָבן פאַרייניקט אין זיך גבורה און יושר? וואָסער לאַנד האָט נאָך אַזאַ קאָנסטיטוציע פון גלייכהייט און פרייהייט פאַר אַלע איינוואוינער, געבוירענע און איינגעוואַנדערטע? אַרגענטינע, די גרויסע אַרגענטינע, איז פאַר אים געווען דאָס לאַנד פון שיינער צו־קונפט, ווען ס'וועט באַזעצט ווערן פון צענדליקער מיליאָנען מענטשן און באַאַרבעט ווערן ווי עס באַדאַרף צו זיין, ווען אירע רייכטימער וועלן ווערן עקספּלואַטירט מיט די נייסטע מעטאָדן פון טעכניק, ניט פון פרעמ־דע, וואָס וועלן אַרויספירן די פאַרדינסטן, נאָר פון שטענדיקע איינוואוי־נער. דעמאָלט וועט אַרגענטינע זיין איינע פון די ערשטראַנגיקע מלוכות אין דער וועלט.

נאָכן באַקומען דעם דיפּלאָם פון אינדוסטריעלן אינזשעניער, האָט ער מיט זיין גאַנצער יוגנטלעכער ענערגיע זיך געווידמעט פאַרזעגלעך, לויט זיינע כוחות, דערפילן זיין יוגנט־חלום: פאַרבייטן אימפּאָרטירטע אַרטיק־לען אויף אויסגעאַרבעטע אינעם אייגענעם לאַנד. כאָטש לויט זיין פאָטערס פאַרבינדונגען אין אויסלענדישע מסחר־קרייזן, האָט מען אים פאָרגע־שלאָגן די שענסטע שטעלעס, מיט גרויסע הכנסות, האָט ער, קעגן פאָ־טערס ווילן און נאָך פיל קריגערייען מיט זיין פאַמיליע, צוזאַמען מיט זיין בעסטן שטודיום־חבר, לואיז פּיאַמאַנטע, אויסגעשריבן פון ענגלאַנד אויף אויסצאָלן, וועב־מאַשינען און האָט פאַרלייגט אַ פאַבריק פון וואָל־שטאָף, נאָכמאַכנדיק דעם געוועב פון ענגלישע קאַסימירן.

דאָס ערגסטע איז געווען מיט די פאַרב־קאָמבינאַציעס, וואָס יענע האָבן, געוויינלעך, געהאַלטן בסוד. טעג און נעכט, גאַנצע וואָכן, פלעגן ביידע חברים פאַרברענגען און עקספּערימענטירן אין דעם קליינעם פאַב־ריק־לאָקאַל, וואו זיי האָבן געאַרבעט אין ענגשאַפט און אומבאַקוועמלעכ־קייטן. נישט דערשלאָפן נאָך פאַרוויילונגען, פלעגן זיי יעדע פרייע מינוט לויפן אין פאַבריק זיך פאַרמאַכן אין לאַבאָראַטאָריע־צימער. האָט זיך זיי איינגעגעבן אַן עקספּערימענט און זיי האָט זיך געדאַכט, אַז זיי האָבן

געפונען די פּינקטלעכע פאָרמולע, פלעגן ביידע חברים זיך ארומכאַפּן פאַר פרייד און מיט פאַרקאַשערטע אַרבל און פאַרשמירטע פּנימער און הענט טאַנצן און זינגען פאַר פרייד.

דער סוף פלעגט זיין, אַז תמיד איז דאָך דער שטאָף ארויסגעקומען מיט געביטענע קאָלירן. עפּעס האָט געפעלט וואָס זיי האָבן נישט געקענט דערגיין. זיי פלעגן דאָך פאַרדינען געלט, וואָרום אידישע פירמעס פון וואָל-שטאָף האָבן זייערע אויסאַרבעטונגען געקויפט פיל ביליקער ווי די ענגלישע און ארויסגעשיקט מיט אמבולאַנטן אינעם אינערן פונעם לאַנד, וואו די געברויכער זיינען קנאַפּע מבינים און ווייניקע אויסקלייבער. שטופנווייז האָט זיך אַנטוויקלט די וועבעריי שטיינבאַום אי פּיאַמאַנטע אין אַ גאָר גרויסער אונטערנעמונג. זייער סחורה האָט זיך איינגעפאַנירט אפן מארק. דערצו איז אונטערגעקומען די מלחמה פון 1914. די ענגלישע פירמעס האָבן נישט געקענט פּינקטלעך אויספילן זייערע באַשטעלונגען. חוצדעם פלעגן זיי מוזן צאָלן די פאַרזיכערונגס-געזעלשאַפטן פופציק פּראָצענט פון דעם ווערט פון די סחורות. און ערשט דעמאָלט האָט זיך די פאַבריק צעוואַקסן און אירע סחורות האָבן זיך פאַרשפּרייט ניט נאָר אין ארגענטינע, נאָר אויך אין די ארומיקע רעפּובליקן און האָבן באַקומען אַ שם.

אין אַ שיינעם טאָג ברענגט אריין דער אָרדענאַנץ אַ וויזיט-קאַרטל: דייוויד מעק קעללי גאָרדאָן. — דירעקטאָר און באַפולמעכטיקטער פון „דהי וואול מענופעקטשור קאָמפּאַני”. דער גרעסטער טרעסט פון וואָל-אויסאַרבעטונגען אין ענגלאַנד. שטיינבאַום האָט זיך געחידושט: וואָס קען וועלן אַזאַ פּערזענלעכקייט פון אים און איז אליין ארוים אויפנעמען דעם וויכטיקן גאַסט.

דער ענגלענדער האָט גערעדט אין אַ שווערן אַקצענטירטן שפּאַניש, אויסציענדיק די ווערטער. ער האָט זיך באַקוועם צעזעצט אינעם שטול, ווי באַם טאַטן אין וויינהויז, אַלע מאָל צוגעבנדיק זיין „יעס, יעס”... און פּאַוואָליע איז ער ארוים מיט לשון: די באַלעבאַטים שטיינבאַום און פּיאַמאַנטע זאָלן איבערגעבן זייער פאַבריק צו „דהי וואול מענופעקטשור” און זיי וועלן דערפאַר באַקומען כך וכך אַקציעס פון דער קאָמפּאַניע. ס'וועט זיין פאַר זיי אי אַ כבוד, אי רייכטום. איין קלייניקייט: ווערן אַקטיווע אַקציאָנערן פון אַזאַ וועלט-טרעסט! ער האָט פאַרוויכערט זיין ליולקע און

מיט חשיבות צוגעגעבן: „א, יעס, די מלחמה האבן מיר במעט געוואונען, וועט יעדע אקציע אונדזערע ווערט האבן טאפלט און וועט געבן טאפלטע רווחים"...

אינזשעניער שטיינבאום איז געווארן ווי צעטומלט, געפרייט זיך וואס אזא געלט-מאכט וויל מאכן שותפות מיט זיין פאבריקל און דאס פארוואנדלען אין א וועלט-אונטערנעמונג. ער האט ארויסגערופן זיין שותף פון דער פארב־אפטיילונג און אים איבערגעגעבן דעם פארשלאג פון דעם חשובן גאסט. דער ענגלענדער האט זיך גראד געוויזן נישט קארג און מיט גוטן ווילן האט ער נאכגעגעבן אלע פינאנציעלע פאדערונגען. נאר דא איז ענריקע שטיינבאום עפעס קשה געווארן און מיט אנגעכמורעטע ברעמען האט ער א פרעג געטון:

— און וואס וועט די קאמפאניע טון מיט אונדזער פאבריק? וויפל קאפיטאל וועט זי פארטון אף צו פארגרעסערן זי אלס אפטיילונג?...

דער גראבער ענגלענדער האט געפיפקעט און געפיפקעט זיין ליולקע, וועלבע האט זיך הפנים אביסל פארשטאפט און א ביטרע שמייכל האט זיך פארלוירן צווישן געקרייזלטן רויך. אין זיין צעצוויגענעם שפאניש האט ער געקאליעטשעט ווערטער:

— אייער פאבריק? צו וואס דארפט איר אייער פאבריק? מען וועט אייך באצאלן געלט, מזומן געלט אין פונטן, אדער אקציעס... יעס, יעס! — האט ער שוין געלאכט אפן קול. — מירן שיקן קיין ארגענטינע גרייטע סחורה, כי־כי, מיר האבן גענוג שטאפן...

די צוויי שותפים זיינען געבליבן דערשטוינט פון דעם פארשוינס עזות. און ווען נישט שטיינבאום, וואלט אים דער היציקער פיאמאנטע פשוט ארויסגעווארפן פונעם קאנטאר.

— אזא עזות! — האט לואיז פיאמאנטע וואכנלאנג נישט געקענט פארגעסן יענעם אינצידענט. — אונדזער פאבריק, וואס יעדער שרייפל אירס קאסט אונדז שלאפלאזע נעכט, האבן זיי געוואלט צעשטערן!...

די ערשטע פאר יאר נאך דער מלחמה, האט די פאבריק געמוזט עפענען נייע אפטיילונגען און ארבעטן אין דריי טורנעס. מחמת ערשט אנגעקומענע אידישע יונגעלייט האבן אף זייערע פלייצעס צעטראגן אירע „קארטלעך" איבער אלע ווינקלען פון דער רעפובליק, פון דער הייסער טשאקא ביז דער קאלטער פאטאגאניע. דעמאלט איז זיך דאס געשעפט

צעוואקסן מיט אייגענע פאשע-פעלדער אין פאטאגאניע, וואו מען האט מיליאנען שאף געפאשעט און געשוירן, מיט אייגענע וואש־פאבריקן, וואו מען האט די וואל געוואשן און גערייניקט. אלץ פאר „שטיינבאום אי פיאמאנטע".

נאכן פאטערס טויט איז די פירמע און די סחורה-לאגערס פון „פעררעטעריא שטיינבאום אימפארטאדארא" אריבער צום איינציקן זון, אינזשעניער ענריקע שטיינבאום. און אט האט ער באשלאסן מער נישט צו אימפארטירן קיין האלץ-זאפטן פון אויסלאנד און האט זיך פארינטע־רעסירט מיט איציעס קאנטראקט צו עקספלואטירן די וועלדער בא די אנדן־בערג, די וועלדער וואס געהערן צו דאן סאנטיאגא אנטשארענא אי וועלאזקעס.

געוואזינט זיך צו פארלאזן נאר אף אייגענער באאבאכטונג, איז ער אליין אראפגעפארן אין וואלד זען וואס פאר א מאטעריאל דארט איז פאראן און צי איז טאקע דער וואלד פון אזא גרויס ווי דער יונגערמאן שרייבט. דריי טעג איז ער ארומגעריטן מיט איציען און געזען, אז יא, פול איז די געגנט מיט אלערליי געהילצן פון גוטע זאפטן, ווי קעבראטשא בלאנקא, אלגאראבא (באקסער בוים), פאלא באראטשא און אנדערע. און באשלאסן איז געווארן בא זיי צוטרעטן צו דער ארבעט גיך און שוין, אפן אידישן שטייגער.

צוריקקומענדיק אין דער הויפטשטאט, האט ער געפועלט בא דער באן-קאמפאניע ציען אן אפצוויג פון איר ליניע ביז דער פאבריק, בכדי צו קענען ווי ווייט די העקערס וועלן זיך דערווייטערן, צופירן דאס געהילץ מיט דער באן. אחוצדעם וועלן די פראדוקטן אויפגעלאדן ווערן פון דער פאבריק גלייך אף דער באן.

פארשפרייט האט זיך צווישן די וואלד-ישובים די ידיעה, אז עס פאדערן זיך הענט. הענט צו בויען די פאבריק, הענט צו האקן האלץ און אויסלייגן צום טריקענען און צו כל-ערליי אנדערע ארבעטן. און וואלד־מענטשן האבן פארלאזט זייערע ראנטשאס און זיך געצויגן מחנותווייז מיט דעם גאנצן הויזגעזינד צו איציעס קאנטאר. א הילצערנע געביידע אין אכטן ישוב.

ס'איז שוין ווייט נישט געווען דער אכטער ישוב פון אמאל. די שמאלע לאנגע סטעזשקע, וועלכע פלעגט פירן פון ראנטשא צו ראנטשא,

האָט זיך פאַרוואַנדלט אין אַ ברייטער גלייכער גאַס, באַבויט פון ביידע זייטן מיט הילצערנע שטיבער. לעבן יעדן ראַנטשאָ איז געלעגן געהילץ און אומעטום האָט געהערשט דער טעמפּ פון בויען. מענער האָבן געשמייעט אַרום סלופּעס זיי אַריינצוגראָבן פעסט אין דער ערד און ווייבער האָבן צוגעהאָלפן, דאָ אונטערהאַלטן אַ ברעטל, דאָ אַריינקלאַפּן אַ צוועקל. קינדער אַפילו האָבן מיטגעהאָרעוועט לויט זייערע כוחות.

יאָ, עס האָבן זיך באַוויזן אַ סך קינדער אינעם אַכטן ישוב. דאָרט און קווארע, פון יאָרן שלעכטער דערנערונג, האָבן זיי איצט אויפגעלעבט. זייערע פאַמיליעס האָבן געאַרבעט אין וואַלד און עסן איז געווען לרוב. אַ גאַנצן טאָג פלעגן זייערע קולעכלעך הילכן און אומעטום זיינען זיי פול געווען מיט זייערע שפּילערייען.

אָט שטעלן זיך אָפּ דריי אינגלעך קוקן ווי צוויי אַרבעטער מאַטערן זיך אַרום אַ שטיין אַרויסרייסן. קען זיין דער שטיין איז געוואַקסן, וואָס ער רירט זיך נישט. פון ששת ימי בראשית אָז זיין אָרט איז דאָ אָף דעם פּלאַץ, באַפאַלן אים גאָר מענטשן מיט אייזנס און מען רייסט אים און מען שטופּט אים. אפשר גאָר קלאַפּט זיין שטיינערן האַרץ מיט מורא, ווער ווייסט וואָס די גזלנים מענטשן גייען מיט אים טון... און די צוויי אַרבעטער שוויצן און רייסן אים מיט אַלע כוחות: דאָ מוז דער אויוון פון דער פאַבריק געבויט ווערן און ער שטערט זיי, דער שטיין. די דריי קליינע וועוויריקעס שטשירען די ציין, שטאַרצן זייערע באַלעכעס און גאַפן אָף דעם איינגעשפּאַרטן קאַמף צווישן די צוויי צדדים, דרייען זיך אַרום די אַרבעטער און אַז די סטרעמפּלעך רינען זיי פון די נעזער, גיבן זיי אַ וויש מיט דעם אַרבל און מען שטופּט ווידער די קעפּלעך. פאַרטשעפּעט זיך אַן אַרבעטער אַן איינעם פון זיי און שרייט אָן אָף זיי און זידלט זיך, צעלויפן זיי זיך און וואַקסן אויס ערגעץ אַנדערש...

ווי אַ צייטווייליקער אינטענדענט האָט איציע געפּועלט בא דער פּראָווינצער רעגירונג זי זאָל אויסבויען אַ שול פאַר די קינדער צום לערנען.

דער כיטרער דאָן פּעפּע האָט אויך דאָ נישט פאַרשפּעטיקט. תמיד איז ער אַמפּלאַץ און ווייסט ווי אויסנוצן די לאַגע, ווי אַרום פאַרגרעסערן זיינע רווחים. ער האָט געזען דעם הו-האַ, פרעמדע מענטשן קומען: מו־ליערעס אַלערליי, קאָנסטרוקטאָרן, טעכניקער מיט מאַשינען פון דער

הויפּטשטאָט, און וואו איבערנעכטיקן איז נישטאָ, פּשוט אַ בושה, ער מוז זיי לייגן אין שטאָל פון די פּי אָדער גאָר אײַנדרויסן, האָט ער איבערגע־רעדט מיט די זעלבע קאָנסטרוקטאָרן און מוליערעס און זיי האָבן אויס־געבויט אַ האָטעל פאַר געסט, מיט צימערן צום שלאָפן, מיט בעדער, מיט אַ קאָמעדאָר צום עסן, ווי בא לײַטן. אַ קיבער אַפילו האָט דאָן פּעפּע גע־בראַכט, מיט אַ קעלנער פון דער הויפּטשטאָט.

ער אַליין שמייעט שוין נישט אַרום ווי אַמאָל אַרום די טרינקער באַם שפּילן. ער שטייט באַם שײַנעם דערלאַנג־טיש און גיט אַרויס יעדן קעל־נער וואָס ער פאָדערט און יענער צאָלט אים מיט בלעכלעך אַזוינע, וואָס ער קויפט בא אים אָף פריער. דאָן פּעפּע רעדט שוין נישט קיין גראָבע רייד און דערציילט מער נישט קיין פעטע מעשות פאַר שפּילער. ער האָט זײַן דיאַלעקט מיט דער גראָבער „שין" און שטאַרקער „או" אויסגע־איידלט. ער רעדט ווי פאַר אַזאַ מענטשן פּאַסט. איין קלייניקייט! באַ אים שטייען אַיין דאָן איסאַ, דער אינטענדענט און דער אינזשעניער, וואָס בויט די פאַבריק און נאָך חשובע לײַט.

לעבן דער נײַער באַן־סטאַנציע, וואָס ווערט אַרויסגעענדיקט, בויט זיך די נאַציאָנאַלע פּאָסט־געביידע. איז פאַראַן אַ באַן־סטאַנציע, מוז מען האָט אַ פּאָסט־אָפּטיילונג. די באַן וועט ברענגען אַלערליי קאָרעספּאָנדענץ, סיי פאַר דער פאַבריק, סיי פאַר פּאַרטיקולאַרע. ס'איז דאָך ניט ווי אַמאָל, ווען בריוו פלעגן קומען נאָר שניט־צייט פון די מענער אין דרום.

די וואַלד־אײַנוואוינער זײַנען בכלל היי־יאָר ווייניק געפאָרן נאָך דרום. נאָר די יונגע זײַנען אַוועק. זיי האָט געלאָקט די צען־צוועלף פּעזעס אַ טאָג וואָס מען קריגט שניט־צייט. די באַוויבטע, אָבער, זײַנען געבליבן אין דער היים, זיי האָבן מורא געהאַט צו פאַרלירן די אַרבעטס־פּלעצער. זיי האָבן געאַרבעט אַלע טאָג און גוט פאַרדינט. פלעגן זיי זיך פאַרגינען באַם קויפן און באַנאַפּאָלסקים קראָם איז טאַקע פול געווען תּמיד מיט קונים.

דאָן כאַקאָבאָ אַליין איז שוין מער ניט אומגעפאָרן צווישן ראַנ־טשאָס און ישובים בעטן בא ווייבער זיי זאָלן קויפן. ער איז געזעסן אין זײַן געשעפט, אין דער אייגענער געביידע, וואָס ער האָט אָפּגעקויפט בא עוזעביאָ ראָדריגעז און זײַנע בנים. אַרבעטער־פרויען זײַנען געקומען, גע־נומען וואָס זייער האַרץ גלוסט און געצאָלט קוואָטעס. וואָרום געוואוסט

האָט ער צו ברענגען אין זיין קלייט פון פויגל-מילך, פון די נייסטע מאָ-דעס. אזוי פלעג ער פארזיכערן זיינע קונדן.

ס'איז נאָר א חידוש אַף דאָן כאַקאַבאַ: באַ אזא שטיין-רייכטום, איז ער אזוי פארדאגהט. פארוואָס הערט מען פון אים ניט מער זיינע קלוגע ווערטלעך באַם פארקויפן? און פארחושכט איז זיין באַברילטע צורה.

פאראַן איז, נאַטירלעך, דערצו א וויכטיקע סיבה. איציע איז אַן אַפּטער אריינגייער צו אים אין שטוב און אניטאַ, זיין איינציקע טאָכטער, זיין איינציק אויג אין קאָפּ, שלינגט יעדע באַוועגונג זיינע. אינטואיטיוו מאַכט זי נאָך אפילו זיינע מאַנירן. קומט ער ניט א פּאָר טעג, גייט די קליינע ארום שטיל און מעלאַנכאָליש, פארטראַכט און ענטפערט גאָר ווען מען פרעגט באַ איר. מען זעט — א בלום ווערט פארוויאַנעט. קומט ער, צעלייכטן זיך ווידער אירע גרויסע אויגן, דער מאַמעס, באַזעצט זיך ווי-דער דער צניעותדיקער שמייכל ארום אירע ליפּן: דאָן איסאַ און דאָן איסאַ! א נשמה יתרה גייט אריין אין דעם מיידל. איז ווי זאָל א פּאָטער, א געטרייער פאָטער, זיין פריילעך, אז דער בחור האָט גאָר א מאַנקאָליע אין קאָפּ, ער האָט ליב די שיקסע דאָרט, דעם פּריצס טאָכטער...

דאָן כאַקאַבאַ און חייהקעלע האָבן זיך געהאַט זייער אויסרעכענונג: זאָל דער בחור אריינקומען! — אניטאַ איז שיין און געלערנט, האָט גאָל-דענע הענט, אַף איין וואַגשאָל גאָלד, אַף דער צווייטער מעג מען זי וועגן — וועט ער פארגעסן אָן דער שיקסע. בפרט, אז עפּעס גייט צווישן זיי ניט אזוי גלאַטיק. זיי צעקריגן זיך אַלעמאָל אָן א פארוואָס און בעטן זיך איבער און ווערן ווידער ברוגז. איז דען ניט גלייכער מיט זיין אניטאַן? זי וואָלט ווי אַלע אידישע ווייבער אים געווען געטריי און אָפּגעהיט ווי דאָס אויג אין קאָפּ. און א בחור איז ער ווי א ליכט, מיט אַלע מעלות, תורה און חכמה צוזאַמען, קיין בעסערן איידעם ווינטשט ער זיך גאָר ניט, כאַקאַבאַ באַנגאָפּאָלסקי...

עס קרעכצט דאָן כאַקאַבאַ באַם ציילן דעם פּדיון אַלע נאַכט און רעדט זיך איבער מיט חייהקעלען:

— דער בחור איז ווייזט אויס א פארפאַלענער; אָדער ער וועט מיט דער פּריצה חתונה האָבן אָדער גאָר פארזיצן; נאָר אניטאַ, וואָס טוט מען מיט אניטאַן? דאָס קינד וועט חלילה אומקומען. אפשר זי אוועק-

שיקן פון דאַנען אין קרייז-שטאָט? זאָל זי אַף „באַילעס" גיין און פאַר־ברענגען, זאָל זי מיט בחורים אין קלובן זיך באַקענען און אַן איציען פאַרגעסן כל-זמן ס'איז ניט שפּעט!...

איציע האָט זיך גאָר צעטיילט אַף צווייען; איינער פלעג ווי אַן אוי־טאָמאַט אַ גאַנצן טאָג זיך יאָגן פון וואַלד צו דער פאַבריק, פון דער פאַב־ריק צו די טאַרטאַקעס, אומעטום אַכטונג געבן, אומעטום באַפעלן, אויס־בעסערן. די חשבונות האָט טאַקע געפירט איצט אַ בוכהאַלטער, אָבער אויך יענער האָט אַלע ווײַלע געפאָדערט אָנווייזונגען. דער צווייטער איציע איז געווען עמיצנס אַ שאָטן, אפשר זיין אייגענער און אפשר לאַליטאַס, דער שאָטן פון דער קאַפּריזנער פּריצישער טאָכטער.

זי, די פּריצישע לאַליטאַ, איז ווי פון סטרונעס באַשאַפן, יעדע סטרונע אַ באַזונדער אָפּרוף, יעדע סטרונע אַ באַזונדער אָפּקלאַנג, איז ווי וועלכע סטרונע עס צעשפּילט זיך בײַ איר. טרעפט, ער קומט צו איר פאַרנאַכט און זי וואַרט שוין מיט איר שמייכל אַף איר מאַטעווע קריאָזשע פּנים. זי קוקט אים אין די אויגן און טוליעט זיך ווייבעריש נאַכגיביק:

— איסאַ מיינער, איסאַ מיין ליד פון בלוט און פלייש!

און זי פּיעשטשעט זיך און הענגט זיך אָן אַף זיין האַלדז:

— טראָג מיך ליבער, טראָג מיך אין דיינע שטאַרקע אָרעמס וואו־הין דו ווילסט!...

טרעפט אָבער ער קומט מיד פון אַרבעט און אָנשטרענגונג און לאַ־ליטאַ דרייט זיך אַרום אין הויף אין איר אַמאַזאָנקע־אַנצוג, מיט אַראַפּ־ניק אין דער האַנט, אַ נערוועזע. אירע אויגן שיסן פונקען, דאָס פּנים איז אָנגעגאָסן מיט רציחה. און וואָס ער פּרואווט זיך זי צו באַרואיקן, זיינען אַלע זיינע רייד זי אייַנצונעמען, אומזיסט. פון כעס זעצט זי מיט דעם אַראַפּניק איבער וואָס עס לאָזט זיך. ער זעט בחוש, אַז זי וואָלט אים מיט פאַרגעניגן געקאַטעוועט. דעמאָלט לאָזט ער זי איבער אַן אויפ־געערגטע און אַנטלויפט פון דאָרט אַף זיין אָגער און רייט גאַנצע שעהן אַליין. ער רעדט צום פערינט זיינעם, צום וואַלד, מיט טענות אַף זיין גורל, מיט טענות צו זיך זעלבסט: — וואוהין קריכסטו, איציע, ירוחם טער־ניוווקערס זון? ניט פאַר דיר די וועלאַזקאָס מיט די אַנטשאַרענאָס, ניט פאַר דיין שטאָם דער יחוס פון קאָנקיסטאַדאָרן!... אָט, אַניטאַ, וויפל גוטסקייט אין אירע אויגן! וויפל מוטערלעכקייט אין איר גאַנצן וועזן!

נאָר א אידישער טאָכטער קאָן מען זינגען דעם אידישן דיכטערס ווער־טער: „זיי א שוועסטער מיר, א מוטער...” זיצט ער שוין דעם צווייטן אָוונט בא זיי, בא די באַגאַפּאַלסקים און חידושט זיך:

— זאָגט מיר, אניטא, ווי נעמט זיך אזא שלל געטריישאַפט אין איין פּאָר גרויסע אויגן?

אים איז אָנגענעם די מנוחה בא זיי. ער מיינט, חלילה, גאָרנישט מיט זיינע באזוכן, נאָר ווען עס געשעט און ער כאַפּט זיך אויף אַף א שיף אינמיטן ים, אַף דער שיף זאָלן מער ניט זיין ווי ער מיט אַניטאַן, וואָלט ער צוריק אפּירגעקראָגן דעם פאַרוואָרפענעם גאָט פון זיינע אבות און וואָלט געזאָגט מיט דער שפּראַך פון זיין באָבען, די גבאימטע: דאַנקען גאָט, דאַנקען גאָט! מיין אניטא, מיין אידישע טאָכטער אניטא! זיי א שוועסטער מיר, א מוטער!... אָדער, ווען עס געשעט און זי קומט אים אַקעגן באַנאַכט אינמיטן וואַלד, ווען ער רייט אליין, פול מיט צער און פאַרדרוס, וואָלט ער אַראָפּ פונעם פערד, וואָלט געקניט פאַר איר און זיך געבעטן: מאמע, שוועסטער, שלעפּ מיך אַרויס פון דעם פאַרכישופטן קרייז, אין וועלכן איך דריי מיך און ווער ניט פאַרדרייט, אַט ווי יענער דאָרן פאַר משהן, וואָס האָט געברענט און געברענט און ניט געוואָרן פאַרברענט!...

נאָך דעם דריטן פאַרנאַכט ציט עס אים שוין צו יענער, צו לאָליטאַן, ווי א ניט גוטער וואָלט זיך אין אים באַזעצט און אים רוען ניט געלאָזט. ער פליט אַף זיין ווילדן אַגער, וועלכן ער האָט געצוימט אין יענעם יום־טוב און וועלכער לאָזט קיינעם צו זיך ניט צו א חוץ איציען. ער פליט אין דער עסטאַנסיאַ, צו זיין לאָליטאַן. זאָל זיין וואָס עס וויל, אבי הערן איר קול, פילן איר אָטעם.

— לאָליטאַ, מיין ווילדע הייליקע לאָליטאַ!

און זי לייגט שוין אַקעגן מיט איר שמייכל און בעט זיך בא אים:

— איסאַ, מיין טייערער, איסאַ, מיין מלאך! ווייסט וואָס? שלאָג מיך! ווען ס׳קומט מיר אָן דאָס משוגעת, שלאָג מיך, ווי א מאַן באַדאַרף צו שלאָגן, מיט דעם פויסט, שטאַרק, און איך וועל ווערן גוט צו דיר מיין ליבער איסאַ!

אזוי ביז א צווייטן אויפברויז. און איציע שפּאַנט שוין ווידער אליין אין וואַלד.

איציע האָט איינמאָל באַנאַכט דערציילט דעם וואַלד:

„פאַראַן אַ פאָלק אַף דער וועלט, האָט דאָס אַ ספּעציעלן נאָמען: „אתה קי מי בחרתנו קוינטעם". אַזוי הייסט דאָס פאָלק און זיינע זין זיי־נען די בעסטע און די ערגסטע אַף דער גאַרער וועלט.

— „די בעסטע און די ערגסטע"? — חידושט זיך דער וואַלד און שאָקל מיט זיין קודלעוואַטן קאָפּ.

— „יאָ, וואַלד, די בעסטע און די ערגסטע! סיי דאָס בעסטע און סיי דאָס ערגסטע פילט זיך פון זיי אַף מיילן ווייט און מענטשן ניוכען און דערשמעקן זיי פונוויטנס: — אַ, אַ, דאָס זיינען זיי!... און מען דער־ווייטערט זיך פון זיי און מען האָט זיי פיינט. זיינען אָבער די זין פון „אתה קי מי בחרתנו קוינטעם" גרויסע גאַסט-גייער און לעבן דערפון. טרעפט אין אַ פינצטערער נאַכט, אינדרויסן איז קאַלט און חושכדיק, בייזע ווינטן בלאָזן מיט רעש, קערן איבער האַריניען קאַריניען און זיי, די גאַסט-גייער קלאַפּן אָן אין אַ מענטשלעכער טיר, אין אַ געמיטלעכער מענטשלע־כער טיר: — דערבאַרעמט זיך, לאָזט אַריין! און דער מענטש לאָזט אַריין גאַסטפריינטלעך, בהרחבותדיק, גיט אָפּצועסן, אָנצוואַרעמען זיך, איז ליבלעך און ניט חושד גאַרנישט. זיינען זיי אים שטאַרק דאַנקבאַר, די זין פון יענעם פאָלק, און אויס דאַנקבאַרקייט, צעלייגט זיך די חברה מיט איר פאַרמעג, מיט די צוויי מעלות זייערע מיט דעם „בעסטן" און מיט דעם „ערגסטן" און די צוויי מעלות צעטרחהן זיך איבער דער וואוי־גונג. דער באַלעבאָס גייט אַרום און ניוכעט מיט דער נאָז: — נוף, נוף, אַ ריח, און ער ווייסט ניט ווי אַרום די געסט צו פּטרן...

דער אַלטער צוהערער איציעס האָט סקעפּטיש, געשאָקלט מיטן קאָפּ:

— טע, טע, טע, ווייסעך וואָס!...

און איציע האָט ווייטער דערציילט:

„מאַנכע ווערן צוגעוואוינט. שטורכען ווען ניט ווען די זין די בעס־טע און די ערגסטע און לאָזן דערנאָך צורו. מאַנכע טרייבן און טרייבן: מיר דאַרפן נישט די בעסטע, מיר דאַרפן נישט די ערגסטע... און שלאָגן זיי און רייסן פון זיי שטיקער. קוויטשען זיי, די גאַסט-גייער און זייערע קולות גרייכן עד לב השמים...

„טעכטער האָט דאָס פאָלק, זיינען זיי די בעסטע און די ערגסטע. שטייט אַמאָל אַ פרוי אַזאַ איבער אירס אַ קינד, איר מאַן אָדער איר חתן,

זעט מען בחוש ווי זי לייזט זיך אויף אין זיין וועזן, פליגל באַקומט זי דעמאָלט און באַדעקט מיט זיי דעם אייגענעם טייערן אוצר און פאַר־וואַנדלט זיך אין גאַנץ מוטער... זעט מען אָבער אַמאָל איינע פון זיי מיט איר נירישער צורה, אַלץ אַריינצוכאַפּן, דאָס גאַנצע עשירות איז איר ווייניק, אַלץ אין איר, אַלץ פאַר איריקע, ווילט זיך דעמאָלט פאַרמאַכן די אויגן פון עקל... אַז ניט געדאַכט זאָלט איר ווערן...

„אַט איינער אַ זון פון דעם פאָלק שטייט פאַר דיר, וואָלד. שמעק, אַלטער וואָלד, ניוכע מיט דער נאָז, פילסטו דאָס בעסטע און דאָס ערגסטע?

האָט דער אַלטער וואָלד צעעפנט זיינע באַוואַקסענע נאָזלעכער, גענייוכעט און לאַנג געצויגן דעם אָטעם: — ננננף! ננננף! — האָט ער גע־שאָקלט מיטן קאָפּ און זיך געחידושט: גאָרנישט פילט דער וואָלד, אַ מענטש ווי אַלע מענטשן, ניטאָ קיין שום ריח: האָסטו אַמאָל ניט אָפּגע־נאַרט דעם אַלטן וואָלד?...

און איציע האָט ווייטער דערציילט זיין מעשה אין פינצטערער נאַכט:

„איז האָט דער דאָזיקער זון פון די ערגסטע און די בעסטע מורד געווען אין זיין גורל. ער וויל ניט טראָגן אויף זיך ניט דאָס ערגסטע, ניט דאָס בעסטע און וויל אויף קינדס קינדער, אויף אַלע דורות מער צו גאַסט ניט גיין. און איז אַוועק פון זיינע און זייניקע און זיך פאַרליבט אין דיינער אַ טאָכטער, וואָלד. פעלט אָבער דער טאָכטער פונעם וואָלד פליגל איבערצושפּרייטן איבער איר חתן און איך — בענק נאָך די פליגל פון כלה און קען אָן זיי ניט זיין...

דער וואָלד האָט גאָרנישט געענטפערט און נאָר געשאָקלט מיטן קאָפּ אויף ס׳חידוש, געשמעקט און געצויגן טיף דעם אָטעם און איבערגעחזרט די פריערדיקע פראַזע: ניטאָ קיין ריח!... האָסטו ניט אַמאָל גענאַרט דעם אַלטן וואָלד?...

דער קלוגער באַגאַפּאָלסקי איז געפאַלן אויף אַ המצאה און זיך דורכ־געטערעדט מיט זיין בת־יחידה, אַט ווי צוויי חברים ריידן זיך דורך, אָן באַ־פעלן, אָן פּאַטערלעכן טאָן:

— יאָ, מיין טאָכטער, איצט קענען מיר זיך פאַרגינען פאָרן אין קרייז־שטאָט, שטיי איין אין שענסטן האָטעל אָדער פּענסיאָן־הויז און גיי ווייטער אָן מיט דיין שטודיום. דאָרט זיינען פאַראַן אַלערליי פאַקולטעטן, קלייב דיר אויס לויט דיין גוסט. וועסט קומען אין געזעלשאַפט פון אידי־

שע סטודענטן, וואָס דאָרט איז פאַראַן לרוב און וועסט פאַרברענגען אין קלובן. מיט איין וואָרט, צאָל דיר אָפּ פאַר אַלע יאָרן דלות און געצוימטקייט וואָס מיר האָבן פריער געליטן...

אַניטאַ האָט געקוקט איר קלוגן פאָטער אין די אויגן, האָט פאַרשטאַנען זיין מיין און זיך באַמיט, אַז די גרויסע טרערן, וואָס האָבן זיך געריסן אין אירע אויגן, דער טיפער ווײ־געשריי פון איר נשמה, זאָל ניט אַרויס פון איר מיטאַמאָל און האָט געענטפערט:

— אַזוי וועט זיין, ליבער פאָטער!

אַ בריוו פון אַניטאַ באַגאָפּאָלסקי צו איציע שולמאַן

זייט נישט ברוגז, דאָן איסאַ, וואָס איך בין אוועק פון וואַלד ניט געזעגנטערהייט מיט אייך! נישט כ'האָב דאָס באַדאַרפט טאָן און ניט איך האָב דאָס געקענט. צו וואָס?!

צו וואָס איז געווען נויטיק דאָס פאַרמעלע אָפּשיידן זיך און די סקאַרבאָווע ווינטשעוואַניעס פון אַלדאָס גוטס, אַז איר זיינט געפאָרן מיט מיר... נישט געצאָלט קיין בילעט, נישט געמאַטערט זיך פערצן שעה אין באַן און דאָך געפאָרן מיט מיר. יעדנפאַלס, איך האָב אייך געזען אין פאַרשידענע פּאָזעס: אָט זיצנדיק באַם הייטישן גלעזל טיי אין אַ געמיטלעכן שמועס באַ אונדז אין שטוב, אָט שמייענדיק אין אייער פילפּאַכער טעטיקייט איבערן וואַלד און זיינע איינריכטונגען. אָט האָט זיך מיר געדאַכט הער איך דעם גאַלאָפּ פון אייער „סאַינאַ" און איר אַף אים, ווי איין שטיק מיט אים אויסגעגאָסן, יאָגט זיך נאָך מיין צוג... פערד און רייטער רייסן זיך צוזאַמען, אָט וועט איר אונדז דערגרייכן, אָט אָט וועל איך הערן אייער קול וואָס וועט מיך רופן באַ מיין נאָמען: אַניטאַ, אַניטאַ!...

„אַך, ווי נאַריש איך בין! גאָר אַן אַנדער נאָמען שעפּטשען תמיד אייערע ליפּן, גאָר אין אַן אַנדער ריכטונג גאַלאָפּירט אייער סאַינאַ!... ווער איז זי וואָס איינער פון די שענסטע און הערלעכסטע זין פון מיין פאָלק זאָל נאָכגיין אירע טריט? איר יחוס איז גרויס,

זי שטאַמט פון די וועלאָזקעס און אַנטשאָרענאָס. איך קען מיך מיט אַזאַ יחוס ניט באַרימען. מיינע עלטערן, פונקט ווי אייערע האָבן קיין פעלקער נישט באַזיגט, האָבן נישט אויסגעראָטן קיין פריד־לעכע ישובים אין די אינדיאַס, האָבן ניט געשטאָכן קיין קינדער און זקנים און נישט געשלעפּט קיין בתולות און פרויען זיך פאַר מעטרעסעס... איך בין אַ פּשוטע אידישע טאָכטער, מיינע עלטערן, פאַרקערט, פונקט ווי אייערע, זיינען אויסגעשטאַנען אַלע פורעניותן פון אַזוינע גרויסע לייט, אונדזערע ביידנס עבר איז געשריבן מיט דעם בלוט פון אונדזערע אָבות און אויף אייער פערזענלעכן קערבער האָבן נאָך די פלעקן פון אָט דעם בלוט ניט באַוויזן פאַרטריקנט צו ווערן. יאָ, איך האָב פיל מער רעכט אויף אייך ווי די פריצישע טאָכ־טער...

ווי נאַריש איך בין! כ'האָב פאַרגעסן, אַז ליבע איז שטאַר־קער פון רעכט. די אַלמעכטיקע געטן אָנערקענט ניט קיין שום טענות און דעם וועמען זיך פאַרבינדט די אויגן, גייט איר נאָך מיט אויס־געשטרעקטע הענט אין דער לופט...

אין מיינע ניט לאַנגסטיקע שול־יאָרן, פלעג איך אָפטמאָל אויף מיין געלעגער מיר פאָרשטעלן די ערשטע באַגעגעניש מיט אַ מאַן, אַ אידישן קרעפטיקן מאַן, אָט־אָט ווי די וואָס מען טרעפט בא די טאַנץ־אָוונטן, באַשמירטע און באַגלאַנצטע מיט גומי־פעטס די קעפ, וואָס ליגנערן און באַרימען זיך אויף שריט און טריט און שפאַרן זיך איבער פוטבאָל־פאַרטיעס. יאָ, דער מאַן פאַר וועמען מיין האַרץ וויברירט איז שיין און קרעפטיק, פול אָנגעגאָסן מיט ענערגיע איז זיין געזיכט. מיר דאַכט זיך, אין אים האָבן זיך קאָנצענטרירט אַלע מעלות פון מיין פאָלקס וויטאַליטעט. מיט זיין אָטעם פאַרוואַנדלט ער וויסטע געגנטן אין בליענדע ישובים, מיט זיין אימפּעט רייסט ער נאָך זיך פוילע אָפּגעלאָזטע איינוואוינער און אַרבעטזאַמע טע־טיקע מענטשן. ער איז אַ פּרינץ, מיין געליבטער, אַן אמתער פּרינץ, ניט פון די וואָס יאָגן זיך נאָך אָרגיעס און דעגענערירטע פאַרגע־ניגנס, ניט פון די מיט דעם בלויען, פאַרפוילטן בלוט, נאָר אַ פּרינץ פון שאַפן, אַ פּרינץ מיט רויט בלוט פון לעבן און אַרבעט. ער איז ערלעך און יושרדיק, ער איז גייסטרייך און דערפינדעריש, ער איז...

אָך ווי נאַריש איך בין! דער פּרינץ איז דאָך גאָרניט מיינער, דער פּרינץ איז אַ פאַרנומענער פון אַ פרעמדער!...

איך זע ווי איר לייענט מיין בריוו און אַ ליכטער שמייכל, מעגלעך, פון חוזק, באַווייזט זיך אַף אייערע ליפּן: וואָס האָט זי זיך אַזוי צעלאָזט דאָס מיידל אין לירישע באַפּוצונגען? כ׳האָב אָבער ניט געקאָנט, מיר איז אומעגלעך געווען אַף תמיד פאַרשווייגן מיינע איבערלעבונגען, אַז איר, דער שולדיקער אין מיינע געפילן, זאָלט ניט וויסן פון זיי! און איר זיינט דער שולדיקער, ווען אפילו איר האָט דערפון קיין אַנונג ניט!

פאַרוואָס? פאַרוואָס, ווען איר זיינט מיד געוואָרן פון דער פריצהטעס קאַפּריזן, זיינט איר תמיד געקומען זוכן מנוחה בא אונדז, לעבן מיר? פאַרוואָס פלעגט איר זוכן און פאָדערן מיין מיט-לייד ווען איר פלעגט זיך וואַרפן אין אַנגסטן פון יענער ווילדער שטיק? פאַרוואָס? בין איך ניט קיין פרוי? האָט איר געמיינט, אַז מיין האַרץ קלאַפּט ניט אַזוי ווי יענערס און איז פעאיק מיטגע-ריסן צו ווערן אין באַגער צו אַ מאַן? אפשר גאָר האָט זיך אייך פאַרגלוסט אַ שפּיל טאָן, אָפּצאָלן מיר מיט אַ פלירט דאָס וואָס זי האָט אייך געמאַכט ליידן?

איצט ווען מיין בריוו צו אייך איז שוין אָנגעשריבן און דאָס וואָס כ׳האָב אייך געמוזט זאָגן איז שוין געזאָגט, איז מעגלעך איך זאָל אינעם לערנען, אין באַגעגענישן מיט אַלערליי סביבות, אָן דעם אַלעמען פאַרגעסן, באַרואיקן מיין צעשטורעמט לעבן און אפּסניי זוכן, אפּסניי באַגעגענען דעם פּריץ פון מיינע חלומות...

אַניטאַ.

אַ בריוו פון איציע שולמאַן צו אַניטאַ באַגאָפּאָלסקי

אַניטאַ, מיין קליינע שוועסטער, אַניטאַ! איך נעם מיר דאָס רעכט אייך אַזוי טיטולירן, צי איר ווילט דאָס און אפילו קענן אייער ווילן. ווארום איר זיינט דאָס! אייער ענלעכקייט צו מיין געהרגע-טער שוועסטער אין דעם פאָלעסיער שטעטל, סיי מיט אייערע פּי-

זיאַנאַמישע שטריכן און סײ מיט דעם ברויזנדן כאַראַקטער וואָס איר ווײזט אַרויס, גיט אַלע רעכט דערויף.

גײ ריכט זיך! גײ ווײס, אַז אין אַניטאַס גרויסע רואיקע אויגן, אַנגעגאָסענע מיט גוטסקײט און שמײכל, ברויזט אַזאַ פּילבאַרע, קאַ־לירפולע נשמה און זי ווערט זיך צעצינדן אין אַ העלישן פײער און שעמערירן אין אַלע פאַרבן! גײ ריכט זיך, גײ ווײס, אַז אונטער אַזאַ באַשײדנקײט און געמיטלעכקײט קוואַלט אַזאַ באַעטישע קראַפט, שטאַרק סײ אין איר ווײזע און סײ אין איר אויסדרוק! וואו איז ער געווען, מײן בלינדער גורל? פאַרוואָס האָט ער פאַרזען און גע־בראַכט צו מיר אַזאַ פּערל פון מײן פאָלק צו שפּעט? אין אײער אויסגעזונגענעם ברױו פילט מען אַ טאָן פון שנאה, אפשר נאָר פון שטאַרקער קנאה צו לאַליטאַן. וואָס איז זי שולדיק? איז זי מיך געקומען זוכן אין די פאָלעסיער וועלדער, צי אפשר אפן שײדוועג געשטאַנען און אָפּגעוואַרט? די אומשטענדן באַ וועלכע מיר האָבן זיך באַגעגנט, זײנען אײך גוט באַקאַנט. מיר האָבן זיך באַגעגנט און צווישן אונדז איז אויסגערונען די דיפערענץ פון פאָלק און שטאַם און מיר האָבן נישט געפרעגט אײנער אַף דעם צווײטנס יחוס. אונדזערע הערצער האָבן צוזאַמענגעקלונגען אָן פראַגעס, אָן חקירות. וואָס איז זי שולדיק? אמת, לאַליטאַ איז פול מיט קאַפּ־ריזן, ווי אַן אָדלער וואָס צײכנט זיגזאַגן אין זײן פליען, אָט לאָזט ער זיך אַרונטער און רירט אָן מיט זײנע פליגל דעם שטויב פון דער ערד, אָט הײבט ער זיך העכער און העכער, פליט אַריבער די כמאַרעס און רײצט זיך מיט דונערן און בליצן. וואָס איז זי שול־דיק? זי האָט געצוואונגען איר פאָטער איבערגעבן אין מײן רשות די פאַר־אַנדישע וועלדער צום האַקן נאָך אונדזער ערשטן צוזאַמענ־טרעף און בלינדערהײט מיר אָנפאַרטרויט אַלץ וואָס איך זאָל נאָר פאָדערן. האָבן מיר באַשלאָסן צוזאַמענגיסן אונדזערע גורלות. און מיר זײנען פון די וואָס זײנען מקיים הבטחות וואָס ס'זאָל נישט זײן.

איך בין מודה. אין די ערגסטע מאָמענטן פון מײנע ספקות, ווען איך האָב שיר פאַרלאָזט דעם וואַלד און אַנטלאָפן, שיר פאַראַטן די אַלע אָרימע אײנוואױנער און זײערע האָפענונגען, שיר געפעלשט

אין אונדזער שבועה און אַוועק, איז אייער פאַמיליע, מיט אייער קלוגן פאָטער בראש, געוועזן די וואָס האָט מיך באַרואיקט און אָפּ־געהאַלטן פון דעם שריט. דעמאָלט זיינט איר מיר אַלע טייער גע־וואָרן מיט אייער אידישער אינטימיטעט און געטריישאַפט. וואוהין האָב איך מיך געזאָלט ווענדן אין מאָמענטן פון צער, אַז נישט צו אייגענע און איז עס מיין שולד אויב איר האָט געווענדט אייערע מיידלשע באַגערן אין מיין ריכטונג? איז מיין שולד, אויב כ׳האָב נישט געוואוסט, אַז אַט די שטילע חלום פאַרמאָגט אין זיך פערפו־מען פון אַ גאַנצן גאָרטן און וואַרט אַף דעם ערשטן אָנריר זיך צו צעעפענען און זיך פארשיכורן מיט אַזאַ קראַפט? איז אויב איך בין געוועזן דער, וואָס האָב נישט וויסנדיק צעעפנט דעם קראַטער, אַרויסגערופן אין אייך אַזוינע פאַרבאָרגענע קרעפטן, ווי איר דער־ווייזט אין אייער בריוו, נעם איך אָן מיט צופרידנקייט, מיט פרייד אפילו, מיין שולד און זאָלט איר דערגרייכן די מדרגה וואָס איך וואַרט פון אייך!

א י צ י ע.

און געקומען איז דאָס יאָר 1929. דאָס ערשטע יאָר פון גרויסן קריזיס איבער דער גאָרער וועלט. די וועלט פון הונדערטער מיליאָנען עסערס האָבן מער נישט באַדאַרפט אַרגענטינער ברויט. האָבן מער נישט באַדאַרפט? האָבן זיי דען אויפגעהערט דאַרפן עסן, צי האָט זיך פאַר זיי געגומען שיטן ווי פאַר די אידן אין דער מדבר, מן פונעם הימל, קיילע־כיקע ברייטלעך מן יעדן טאָג? עסן האָבן זיי טאַקע באַדאַרפט און קיין מן איז פונעם הימל נישט געפאַלן, מער נישט, זיי האָבן נישט געאַרבעט און האָבן נישט געהאַט מיט וואָס צו צאָלן פאַר ברויט און ניט דרייפוס און נישט בונכע אי באָרן פירן ווייץ איבער ימים אויב מען צאָלט זיי נישט גרויסע רווחים. די שפייכלער, מיט פאַראַיאָריקן ווייץ אָנגעפילטע, זיינען געשטאַנען אבלדיקע, מיט פאַרקלאַפּטע טירן. עס איז מער נישט געווען אָרום זיי דאָס יאָגעניש פון די טרעגער באַם אָנלאָדן און אויס־לאָדן די פאַרטיעס זעק מיט תבואה. די האַפנס האָבן געגומען פוסטעווען. וואָס וועלן זיי קומען, די שיפן, אַז קיין תבואה אויפלאָדן דאַרף מען נישט און קיין סחורה ברענגען אויך נישט. ס׳איז נישט געווען ווער עס זאָל

קויפן די סחורות. שטום און גולמדיק זיינען געשטאַנען אין רייען די הויכע באַוועגלעכע הייב־מאַשינען, ווי אום יום-טוב. א יום-טוב פון הונ-גער אף אַלע פּאָרט-געגנטן.

ס'איז געווען צום לאַכן, צום לאַכן מיט ביטערע טרערן: אין די גרויסע געמויערטע עלעוואַטאָרס האָבן געפוילט אַלערליי תבואות און מענטשן אין די שטעט, אין די באַפעלקערטע דרום שטעט, האָבן געהונ-גערט און ארומגעגאַנגען אָפּגעריסן, אָן וועש, אָן שיך, ווען גרויסע פולע קראָמען זיינען געשטאַנען אָנגעפּיקעוועט מיט אַלערליי סחורות, שיף-גע-שעפטן מיט פולע פּאַליצעס און קיינער האָט זיי ניט גענוצט און באַלע-באַטים האָבן געגעניצט אַלע טאָג אָן פדיון און זיך געשראָקן פאַר דעם דירה-געלט די ערשטע טעג פון חודש...

די צייט פון שניט איז געקומען און די פּויערים האָבן זיך נישט געאיילט ווי אַלע יאָר אַראָפּכאַפּן וואָס גיכער די תבואה פון פעלד. זיי האָבן קיין ארבעטער ניט באַדאַרפט. ניט זיי האָבן מיט וואָס צו צאָלן און ניט עס האָט זיך געלוינט. 3.90 א קינטאַל ווייץ, צוגעשטעלט ביז צום האַפן, איז געווען דער אָפּיציעלער פּרייז. א סך מער האָט באַדאַרפט קאָסטן ארבעטס-הענט און דאָס צופירן. עס האָבן מער ניט געפּייפט די שנייד-מאַשינען אף די אַרגענטינער פעלדער און האָבן געזשאַווערט פאַרלאָזטע, פאַרוואָרפענע אין די הייפן.

איז אַ שונא דורכגעאַנגען דאָס לאַנד? פאַרוואָס ברענען די פולע באַגאָלדעטע זאַנגען אַף די פעלדער? דאָס האָבן פּויע-רים פאַר ווייטיק זייער אַרבעט פון אַ גאַנץ יאָר מקריב געווען צום גאָט מולך און מיט די אייגענע הענט פון פּאַרדרוס געצונדן די אויפגעגאַנגענע צייטיקע תבואות. און דער צווייטער גאָט, דער גראָב־בייכיקער מיט דעם גאָלדענעם קאָפּ, ער האָט תמע-וואַטע צוגעזוגן די שייטערהויפנס און געמורמלט זיין שטענדיק קלוג וואָרט מיינס איז מיינס, רווח, איבער אַלץ, רווח, רווח איבער אַלץ, מיינס איז מיינס!...

איבער דער פּרוכטבאַרער אַרגענטינע האָבן מחנותווייז איינוואַוינער געוואַנדערט איבער פעלדער און דערפער, אָפּפאַל געקליבן צו זייער דערנערונג. אין דער צייט פון דעם גרויסן

קריזיס באַדאַרפן ניט די פאַבריקן זייערע אַרבעטער, קיינער דאַרף ניט זייערע הענט און דער גראַב-בייכיקער גאָט, ער ווייסט ניט קיין חכמות און מורמלט זיין קלוג וואָרט: רווח איבער אַלץ, מיינס איז מיינס, מיינס איז מיינס, רווח איבער אַלץ!...

איז די ידיעה פאַרשפּרייט געוואָרן איבער די צפון-פּראָווינצן: ני-טאָ צוליב וואָס פאָרן אַפן דרום היי־יאָר. די פּויערים פונעם דרום דאַרפן ניט היי-יאָר קיין שניט-אַרבעטער און די שרפות פאַרשפּרייטן זיך איבער די דרום פעלדער ווי עפּעס אַ מגפה און אַ פּחד איז באַפאַלן די שיטערע איינוואוינער: — וואָס וועט זיין? וואָס וועט זיין? די באַליטשערעס האָבן אויפגעהערט באָרגן. אפילו זשערבע אַף מאַטע און צוקער אַ שטיקל איז ניט געווען וואו צו קריגן. גאַנצע פאַמיליעס האָבן גענישטערט צווישן בערג אין די וועלדער, געזוכט אַלערליי ווילד-גראָזן צו פאַרבייטן מיט זיי די זשערבאַ און שטילן דעם הונגער.

אין איין ווינקל פונעם צפון, נאָנט צו די אַנדן-בערג, האָבן די וואַלד־ישובים נישט געוואוסט פון הונגער. דאָרט האָבן זיי נישט גע-וואוסט פון נויט. מען האָט געהאַקט וואַלד און די פאַבריק פון שטיינבאַום אי קאָמפּאַניע האָט פאַרוואַנדלט דאָס געהילץ אין קוילן, קוילן פאַר די גרויסע שטעט און אין זאַפטן, אַלערליי האָלץ-זאַפטן, וואָס מען פלעגט פריער באַציען פון אויסלאַנד און היינט שטעלט דאָס צו די פאַבריק פיל ביליקער. לאַנגע צוגן מיט וואַגאָנעם גייען אָפּ פון דער באַן-סטאַנציע, אָנגעפּולטע מיט האָלץ-קוילן, מיט פעסלעך טערפּענטין, האָלץ-אַלקאָהאָל און אַלקיטראַן. זיי פירן דאָס אַלץ אין דער הויפּטשטאָט בוענאָס איירעס אין די סקלאַדן פון „פּעררעטעריאַ שטיינבאַום אימפּאָרטאַדאָראַ".

מאַריאָ, דער הויפּט־פּאַרוואַלטער פון דער וואַלד-אַרבעט, איציעס רעכטע האַנט, שטייט צווישן אַ גרופּע אַרבעטער און באַרימט זיך: ווען ער זאָל דעמאָלט ניט געווען טרעפן דאָן איסאַ אין וואַלד, אַ הונגעריקן און אים ניט ברענגען אין אַכטן ישוב, וואָלטן אַלע איצט געשטאָרבן פאַר הונגער... מען פאָרט ניט צום דרום אַף שניט... און אַן אַלטער פרומער אַרבעטער חוזקט:

— מיינסט ביזט אַ קלוגער, דאָס האָט אים גאָט געשיקט צו אונדז באַצייטנס צו ראַטעווען אונדזער נעגנט, ווי יוספן אינעם לאַנד מצרים...

דאָן סאַנטיאַגאָ, דער אַלטער פריץ, האָט געזען דער שידוך צווישן זיין טאָכטער און דעם פרעמדן בחור ציט זיך און פאַרציט זיך, איינגע־שפּאַרט איז ער און וויל אין קלויסטער ניט חתונה האָבן, האָט ער אַ טראַכט געטון: דאָס געזונט פון דער טאָכטער איז בילכער און איסאַ איז אַ וואוילער בחור, אַ טיכטיקער, ממש וואונדער האָט ער באַוויזן אויפטון אין דער געגנט, פון וואַלד־ישוב איז געוואָרן אַ שטעטל מיט אַ פאַבריק און מיט אַ באַן־סטאַנציע, אויך זיינע געשעפטן, די פּריצישע, גייען ווי קיינמאָל ניט, געלט אַף געלט שטראָמט אַף זיין קאָנטאָ אין די בענק, פּראָצענטער פון דער פאַבריק, פונעם געהילץ... און האָט באַשלאָסן נאָכגעבן און זיי חתונה מאַכן צוויויל.

איינגיכן האָט געזאָלט פּאָרקומען אַ יום־טוב אין שטעטל: אַ פּאַ־מיליע איטאַליענער האָט גענומען אין אַרענדע דעם ערשטן שטח אויס־געוואָרצלטן וואַלד צום באַאַרבעטן און איסאַ האָט דעם ערשטן טאָג, ווען דער ערשטער אַקער וועט איבערגיין אַף וואַלד־ערד, פאַרוואַנדלט אין אַן אָפיציעלן יום־טוב און איינגעלאַדן דעם גובערנאַטאָר פון דער פּראָווינץ. אַף אָט דעם דאַטום האָט דאָן סאַנטיאַגאָ באַשלאָסן פּראַוון די חתונה פון זיין לאַליטאַ מיט איסאַ.

דאָס שטעטל איסאַקווילע האָט זיך געגרייט צום יום־טוב פון זיין גרינדער. די אַרבעטער האָבן אויפגעצויגן פאַפּירענע טענגעס איבער די שטיבער, פון איין עק גאַס צום אַנדערן און אַרויסגעהאַנגען פאָנען אין די פענצטער. פאַרנאַכט־צו האָט מען אין אַלע זייטן געשאָסן מיט פּע־טאַרדעס אין דער לופט, אַפן דרום־אַמעריקאַנישן שטייגער, די פרייד זאָל זיין מיט רעש און געפילדער. קינדער זיינען אַרומגעלאָפן און געצונדן בענגאַלישע פייערן פון אַלערליי קאָלירן.

דער איינציקער, אַף וועמענס פּנים ס'האָט ניט געשיינט דער יום־טוב, איז געווען איציע, דער בעל־שמחה. און לאַליטאַ האָט זיך געבעטן בא אים:

— זאָג מיר, איסאַ, פינקטלעך, לויט די זילבן, ווי פלעג דיין מאַמע דיך רופן:

— איציע!

— איסיע! — האָט לאַליטאַ זיך געמאַטערט און אַרויסגערעדט מיט אַ שטומפּיקער „סעטאַ". — איסיע, טייערער, האָסט מיך ניט ליב?

דריי טעג פאַר אונדזער חתונה און דיין פּנים איז פאַרמרה-שחורהט. זע, אַלע איינוואוינער אין וואַלד, ווען זיי באַגעגענען זיך מיט דיר, צעגיסט זיך אַ שמייכל פון פרייד אף זייערע פּנימער און אַ ברכה שעפּטשען זייערע ליפּן. זע, דיין פאַרמעג פאַרגרעסערט זיך פון טאָג צו טאָג און טויזנט מאָל מער וועל איך דיר ברענגען... זע, אף דיין נאָמען וועט מען דאָס שטעטל רופן אויס דאַנקבאַרקייט פאַר דיינע אויפטוען, פאַרוואָס זיינען דיינע אויגן אָנגעגאָסן מיט טרויער?

איציע אַליין האָט אויך ניט געוואוסט די סיבה. ער האָט נאָר געוואוסט, אַז ער איז אַ איד, האָט ליב זיין פאָלק, און איז שטאָלץ אף זיין אָפּשטאַם. איצט ווערט ער אינגאַנצן דערוויטערט פון אים, און דאָס האַרץ זיינס, ניט דאָס וואָס קלאַפּט אויס אין די רגעות דעם טיקטאַק, נאָר דאָס אַנדערע, דאָס אומזעבאַרע, זאָגט אים עפּעס פאַרוים וואָס, ווייסט ער ניט. איז ער טרויעריק, אָט פּונקט ווי אַ איד אַ קולטורעלער מענטש אַ באַוואוסטזיניקער, אַן אידעאַליסט, מיט פּראָגרעסיווע געדאַנקען, פאַרטראַכט זיך און ווערט טרויעריק אין דער נאַכט פון כל נדרי, אָן אַ פאַרוואָס, אָן שום סיבה. דאָס גיט ער אָפּ דעם עבר דאָס זייניקע. און איציע האָט מיט זיין טרויער ערב זיין חתונה מיט לאָליטאַ וועלאַסקעס דע אַנטשאַרענאַ אָפּגעצאָלט אי דעם עבר און אי דעם עתיד...

אַ בריוו פון לאָלאַ אַנטשאָרענאַ דע שולמאַן צו אַניטאַ באָגאָפּאָלסקי

אומבאַקאַנטע ליבע אַניטאַ! אייער פּרעכטיקער עקזעמפּלאַר לידער איז באמת געווען די שענסטע מתנה צו אונדזער חתונה. אין אונדזער קאַסטעליאַנישן גאָרטן זינגט אַ נייער נאַכטיגאַל זיינע עקזאָטישע לידער און מענטשן שטייען און גאַפן מיט אָפענע מיילער.

נים אומזיסט איז צעקלונגען געוואָרן אייער נאָמען פון איין עק לאַנד ביז דעם צווייטן אין אַלע צייטונגען און זשורנאַלן.

איך בין אַ פּשוטע לייענערן און מיינע באַמערקונגען קענען אוודאי ניט גענומען ווערן אין אַכט בײַ גרויסע קענער. דאָך:

אַניטאַ, טייערע געליטערטע אַניטאַ! איך מיט אייך זיינען מיר ביידע אַרגענטינערנס, ביידע פון איין מוטער, וואָס אַלע קינדער, וואָס קומען פון איר טראַכט זיינען איר גלייך ליב, זי איז גלייך צערטלעך צו זיי, פאַרוואָס שטרייכט איר אַזוי פיל מאָל אונטער אין אייערע לידער דעם אידישן אָפּשטאַם. פאַרוואָס באַקומט זיך מיר אַ געפיל גלייך איר וואָלט זיך וועקשטעלן אין אַ פּאָזע אינמיטן אַלע גאַסן און אויסשרייען אַביסל מיט כעס און צו להכעיס: איך בין אַ אידישקע!

בײַ אונדז, אין אונדזער ביידנס אַרגענטינע, פרעגט אייך קיינער ניט פון וואָסער אָפּשטאַם איר זיינט. אונדזער באַגער איז די פּרעמדלענדישע אָדער פרעמדשטאַמיקע, וועלכע קומען צו אונדז, זאָלן זיך איינלעבן אין לאַנד און ווערן אַ טייל פון אונדז. מיר ווילן איר זאָלט זיך מאַכן מישן מיט אונדז ווי וואַסער מיט וואַסער און ניט ווי בוימל מיט וואַסער וואָס מען מישט און מען מישט און זיי טיילן זיך נאָכדעם אָפּ טראָפּן נאָך טראָפּן איינס פון דעם צווייטן. אַלע וואָלטן באַדאַרפט נאָכטון דעם ביישפּיל פון אונדזער ליבן איסאַ. הלוואי זאָל פון אונדזער געמישט בלוט אַרויס אַ דור מיט די גרויסע מעלות פון אונדזערע ביידנס פעלקער: אייער ענערגיע און דערפינדערישקייט און אונדזער שטאָלץ און זיכערקייט אין אונדז מיט דער ליבע צום אייגענעם לאַנד.

צו ביסלעך וועל איך אַריינגעפירט פון אונדזער ליבן איסאַ אין די געשעעניש לעגנגוים די פאָר טויזנט יאָר פון אידישן קיום. גאָט מיינער, וואָס פאַר אַ מענטשן זיינען דאָס געווען וועלכע זיינען באַפּאַלן זיין שטעטל און אויסגעקוילעט אָנהויבנדיק פון מענטשן מיט גרויע בערד ביז וויג־קינדער! און אָט בבדי אין מיין פאָטערלאַנד זאָל קיינמאָל ניט פאָרקומען קיין צווישנשייד צווישן אירע איינוואוינער, איז דען ניט דאָס בעסטע זיי זאָלן זיך אויסמישן און

זיך איבערגיסן אין איין פֿאָלק? איר, אָבער, אַניטאַ, איר זינגט אין אונדזער קאַסטעליאַנישער שפּראַך פאַר צוהערער ווי איר, אַר־געגטינער, און אַליין שטעלט איר זיך אָן אַ זייט און פֿאָזירט עט־וואָס ברוג: זייט וויסן איך בין אַ אידישקע! איך מיין דאָס איז שטאָם־קאָקעטעריי. איך וויל אַף ווייטער אייך הערן אַלס עכטע אַרגענטינערן.

ל אָ ל אַ.

ד ר י ט ע   ט י י ל

א דייטשל האָט זיך באַזעצט אין איסאַקווילע. אַ דאַרם, אַ נידער־יקס, אַ הינקענדיקס אויף זיין קירצערן פיסל. ער האָט אָפּגעדונגען אַ שטיבל אויף דער הויפּט־גאַס סאַנטיאַגאָ בא מאַריאַן און געעפנט אַ פריזירעריי פאַר מענער און פרויען. ווי קליין און הינקענדיק דאָס דייטשל איז געווען, אַזוי פלעג דאָס אַרומשמייען אַרום אַ קליענט און אים ראַזירן גלייך ער וואָלט געהאַט ניט אַ בריטווע אין די הענט, נאָר מיט אַ שטיקל זייד אָדער פּליוש אים געגלעט זיינע באַקן, ממש אַ קינסטלער אין זיין פאַך. ווי אַלע פון זיין פאַך, האָט ער תמיד געשיט מיט מעשות און רייד, מיט וויצן און חניפות — אַ שטיק ווייך טייג. די ווייבער פלעגן נאָר באַדויערן:

— אַ דימענט פון אַ מענטש, מיט גאָלדענע הענט און, אַ בעל־מום! אין קעגנזאַץ פון זיין ראַסע, האָט ער געהאַט טונקעלע שאַטענע האָר כמעט ווי געקרייזלטע, אַ דאַרע אַרויסשטאַרצנדיקע נאָז, וועלכע האָט זיך צע־לייגט איבערן גאַנצן פּנים און פאַלשע דורדרינגלעכע אויגן.

אין אַ קורצער צייט איז דאָס דייטשל חבר געוואָרן מיט יעדן, מיט אַרבעטער און אָנגעשטעלטע, מיט אָרטיקע איינוואוינער און צוגעפאָרענע, יעדן געקלאַפּט אין פּלייצע און געווען אויף דו. גערעדט האָט ער אַ ריכ־טיקן, נאָר אַ שטאַרק אַקצענטירטן שפּאַניש, מיט דער גאָרגל־רייש.

מאַריאַס שוועסטער טשאַליטאַ, פלעגט אַלע טאָג אויפרוימען בא אים אין דער פריזירעריי און ברענגען אין אָרדענונג אַלעס לויט איר שטייגער, אַביסל פאַרנאַכלעסיקט. דאָס דייטשל פלעגט פאַרקוקן און אַליין אַרויס־ענדיקן דאָס איבעריקע. דערפאַר איז טשאַליטאַ צו אים געווען צוגעלאָזט און אירע קוילן־אויגן האָבן געגלאַנצט מיט שמייכל און מיט רייץ צו אים. זיין צו לאַנגן און שווערן נאָמען — הענדזועלשוואַן — האָט זי בשום

אופן ניט געקענט נאָכזאָגן, וויפל ער האָט זי ניט געלערנט. און זייערע געלעכטערם דערביי פלעגן אָפּקלינגען ווייט אין גאַס. זי פלעגט אים שוין רופן בלויז אַף זיין ערשטן נאָמען: פראַנס, פאַרבייטנדיק די צדיק אַף אַ סמך, לויטן קרעאָלישן שטייגער. צווישן קליענטן און קליענטן, האָט פראַנס זיך געשפּילט מיט טשאָלאָס צוויי-יעריק אינגעלע, אים אָפּט גע-שאָנקען קאָנפיטור, מיט וואָס ער האָט נאָך מער אויסגענומען בא זיין מוטער און אפילו נושא חן געווען בא זיין באָבען, דאָניא כואַנאַ, טשאָ-לאָס מוטער. יענע האָט שוין אויסגעקוקט אפשר וועט ער, דער קרומער, כאָטש חתונה האָבן מיט איר טאָכטער און זי וועט באַקומען אַ סטאַבילן מאַן, ווי בא לייטן. טשאָליטאַ, האָט זי געטראַכט, האָט נעבעך קיין מזל ניט צו מענער. איסאַ פלעגט זיך ניט אומקוקן אַף איר, עוזעביאָס בנאָק האָט זי אויסגענוצט און איבערגעלאָזט, אוועק אין שטאָט, ניט געוואָלט גיין מיט איר צום אַלטאַר. אפשר וועט דער!... — האָבן אירע מאַמישע ליפּן געשעפּטשעט און האָט באַהאַנדלט דעם קרומען ווי אַן אייגן קינד, דערצו האָט דער קרומער דייטש זיך ממש געבאָדן אין געלט. ס'איז גאָר-ניט צום פאַרשטיין געווען ווי אַרום מאַכט מען פון אַזאַ אָרימען פּאַך אַזוי פיל געלט, אַזאַ עשירות!...

די איינציקע איינוואוינער וועלכע מ'האָט אין דער פּריזירעריי קיינ-מאָל ניט געזען, זיינען געווען די פּאָר אידן אין שטעטל. ניט די באַלע-באַטים פון גרויסן געשעפט באָגאָפּאָלסקי, ניט די צוויי אַנדערע קרע-מער און אויך ניט די אָנגעשטעלטע אין פאַבריק. ניט זיי האָבן זיך בא אים ראַזירט, ניט זייערע ווייבער האָבן זיך בא אים שיין געמאַכט. אויך ניט דאָן איסאַ און דעם גאַנצן עסטאַנסיאַ-שטאַב האָט מען דאָרט געזען און ניט מ'האָט אים גערופן אַהין. געווען איז עס דערפאַר וואָס אין זיין לאַנד, אינעם לאַנד פונעם דייטשל, האָט דעמאָלט אָנגעהויבן הערשן דער שד מיט די קליינע וואָנצעלעך און ער האָט געמיינט אָנכאַפּן די וועלט באַם פּופּיק און דרייען איר לויט זיין סאַטאַנישן איינזען. און זיין ערשטער ווילן איז געווען אויסראָטן דאָס אידישע פאָלק...

פאַרוואָס? ווער ווייסט? אפשר אַ מאַניע פון אַ דעגענע-רירטן סאַדיסט, אפשר גלאַט אָנווייזן זיינע פאַרבלענדטע מחנות רוצחים: די אידן זיינען שולדיק אין אַלץ! פאָלק ישראל, צע-שפּרייטס און צעשיטס, פּילסטו נישט ווי אַ משחית-האַנט האָט

זיך אויסגעשטרעקט איבער דײַן קאָפּ און וואַקסט שטאַרק און מעכטיק? קבצנישע אידן, צעשפּרייטע איבער פּוילישע שטעט און שטעטלעך, אידן פון די קאַרפּאַטן־בערג און די פון אונגאַרישע רומענישע פליינען, לויפט איבער אַלע גאַסן, שרייט ביז אַלע הימלען, דער קוילער שטייט רואיק און שאַרפט דעם חלף פאַר אייך און פאַר אייערע פרויען און קינדער, פאַר יונג און אַלט!

לויפט ניט, שרייט ניט. ס'איז אומזיסט! די כשרה דעמאָקראַטישע וועלט מיט דעם הייליקן טשעמבערלען בראש, האָט פרום פאַרמאַכט אַלע טויערן, פאַרשפּאַרט אַלע אַרויסגענג, אייער גורל איז פאַרחתמעט — צום קוילער וואָס שאַרפט דעם חלף! אָ, איר גבירישע אידן פון דער שיינער פראַנקרייך, יאַהודים פון בעלגיע און האָלאַנד, שלעפּט אַרויס אייערע גראָבע טשעק־ביכלעך, נעמט אַרויס אַלע אייערע באַנקנאָטן, אייערע פיינע דימענטענע פינגערלעך, אײַלט אײַך, קויפט אייך ערגעץ איבער גאָרער וועלט אַ מקום-מקלט! וואַרט ניט אַף ערשטקלאַסיקע עראָפּלאַנען, זוכט ניט קיין לוקסוס-פּלעצער אַף שיפן! פּילט איר ניט דאָס פייער נאָענט! בריט אייך ניט די ערד אונטער די פיס?

און דער שד מיט די וואָנצעלעך אינעם גערמאַנישן לאַנד האָט אַלץ געשאַרפט סאַטאַניש זיין חלף אויסצוקוילען דאָס אידישע פאָלק און אידן איבער גאָרער וועלט האָבן אין יעדן דייטש געזען אַ שונא און דערפאַר אויך האָבן די פאָר אידן אין איסאַקווילליע ניט געהאַט קיין משא-מתן מיט דעם דייטשן פריזירער.

גייט זיך אַזוי דאָס דייטשל אין אַ שיינעם זונטיקידקן טאָג שפּאַצירן אומשולדיק איבערן שטעטל, אונטערזינגענדיק זיך אַ לידל, דאָס לידל פון דעם רופיאַן האָרסט וועסעל, וואָס איז געוואָרן דער הימן פון דעם דייטשלאַנד, אַז דייטשלאַנד איז גוט כל-זמן עס רינט איבערן מעסער אידיש בלוט. און אַזוי זינגענדיק און הינקענדיק אַרויסגעהונקען ווייט הינטערן שטעטל, ביז צום שטיבל, וואו עס וואוינט דער מעכאַניקער היינץ קופער.

אָט דער קופער האָט געאַרבעט אין דער פאַבריק פון דער ערשטער מינוט אָן. ער האָט איינגעשטעלט די מאַשינען, איינגעאָרדנט אַלעם פּינקטלעך און געבליבן אַרבעטן אַלס ערשטער מעכאַניקער. אַ מענטש אַ רואי-

קער איז ער געווען, מיט א ריזיקן קערפּער, מיט א ריזיקער ליולקע, וועלכע פלעג פון זיין מויל זיך ניט אָפּטון, גלייך זי זאָל זיין דאָרט איינגעוואקסן. ווייניק האָט ער גערעדט און ווייניק געטראַכט. פינף אַזייגער פרי, פלעגט דער מענטש בלייבן שטיין אַף זיינע פיס און נעמען א באָד. טאָג איין, טאָג אויס. דאָס ערשטע וואָרט זיינס נאָך דער באָד, איז געווען:

— גרעטכען!

דעמאָלט פלעג זיין ווייב אים אריינברענגען אין באָד-צימער די אָנ-געצונדענע ליולקע און אים אַרומטריקענען דעם גרויסן גוף מיט א האַנט-טוך פון קאָפּ ביז די פיס. דאָס איז געווען א פּראָצעדור וואָס האָט אים פאַרשאַפט פאַרגעניגן און דעם פאַרגעניגן פלעגט ער אויסדריקן מיט א לייכטן מרוקען: מררר, מררר...

אָפּגעפרישטיקט פלעגט ער אַוועק אין פאַבריק און דאָרט שווייגנ-דיק אכטונג געבן פון טראַנסמיסיע צו טראַנסמיסיע, פון אָפּטיילונג צו אָפּטיילונג, אַלץ זאָל זיין אַף זיין אָרט. נאָכמיטיק דאָס אייגענע ביז פאַר-נאַכט.

איציע פלעגט אים אַמאָל אָפּשטעלן און א פרעג טון וועגן דער אָדער יענער טעכנישער אַנגעלעגנהייט און דער דייטש פלעגט מיט דער ליולקע פּיפּקענדיק אויסהערן און ענטפערן יאָ אָדער ניין, אָדער נאָך ארויסזייען א „יאַוואָל" און ווייטער שפּאַנען מנושמדיק פון איין אָפּטיי-לונג צו דער צווייטער.

אריינגעקומען צום מעכאַניקער, האָט דער קרומער פראַנץ הענדזעל-שוואַן, אַף קופּערס אויסגעשטאַרצטע אויגן פון חידוש און שטוינען, אים געוויזן א געהיים פּאַפּירל, אין וועלכן ער, פראַנץ הענדזעלשוואַן איז באַ-פולמעכטיקט צו אָרגאַניזירן אין איסאַקווילליע און אומגעגנט א קעמערל פון דער נאַצי־פּאַרטיי און אַלע דייטשן דאָרט מוזן אים אין די ענינים פאָלגן.

היינץ קופּער האָט נאָך ניט געוואוסט וואָס דער קרומער פריזידער וויל פון אים און האָט צופרידן ארויסגעברומט זיין „יאַוואָל". דערויף האָט אים דער קרומער געוויזן נאָך א פּאַפּירל, וואו היינץ קופּער שטייט פאָטאָגראַפירט מיט פּינקטלעכע דאַטעס פון זיין לעבן, מיט נעמען פון אַלע זיינע קרובים און זייער וואוינפּלאַץ אין דייטשלאַנד, אָנהויבנדיק פון דעם אַלטן פאָטער און ענדיקנדיק מיט ווייטע געשוועסטערקינדער. זיי

אַלע זיינען פּאַראַנטוואָרטלעך, אַז היינץ קופּער זאָל אויספּילן די געהיימע אינסטרוקציעס פון דעם פּאַרטיי-לייטער הענדזועלשוואָן.

דער מעכאַניקער האָט פון שטוינען און איבעראַשונג אַזש אַרויס-געשריגן: גרעטכען! גלייך ער זאָל זיין אין באָד. זיין ווייב איז באַלד געקומען צולויפן מיט דעם האַנטוך אין דער האַנט. אָפּן וואונק פון דעם קרומען גאַסט, האָט ער זי צוריק אַרויסגעשיקט און יענער האָט אים באַ-פעלעריש אָנגעוויזן זיינע אויפגאַבן: ער מוז זען, אַז די אַלע פּראָדוקטן, וועלכע די פאַבריק אַרבעט אויס, זאָלן אַרויסקומען נישט עכטע און שלעכט ראַפינירט, בכדי מען זאָל זיי ווידער קויפן אין דייטשלאַנד, וואָרום איבער די צוויי פאַרפלוכטע אידן שטיינבאום און שולמאַן, האָט דייטשלאַנד אָנ-געוואוירן אַזאַ גוטן קונה ווי אַרגענטינע. ער מוז שטופנווייז שעדיקן די מאַשינען אומבאַמערקבאַר, צוליב דעם זעלבן צוועק. היינץ קופּער צוזאַ-מען מיט פראַנץ הענדזועלשוואָן און די פּאָר דייטשן אין שטעטל מוזן אויפקלערן די איינגעבוירענע ווער די אידן זיינען, זייער פאַרשווערונג און מאַכטגייציקיים, זייער שעדלעכן כאַראַקטער און אויסנוצעריי, נעמענ-דיק פאַר אַ ביישפּיל דעם יודע איציע שולמאַן, וואָס האָט פאַרכאַפּט אַלעס.

אָפּגעזאָגט דאָס, האָט ער געהייסן דעם מעכאַניקער זיך חתמנען, אַז ער וועט פּינקטלעך אויספּילן די באַפעלן פון דעם אַמבאַסאַדאָר און האָט צוריקגעהונקען אין שטעטל, אונטערזינגענדיק דאָס לידל פון דעם בערלינער אַלפּאַנס.

אין וואַלד האָט פון דעמאָלט אָן אָנגעהויבן קלינגען אַ ניי וואָרט: „ע ל כ ו ד י אָ", וואָס איז ביז דעמאָלט נישט געהערט געוואָרן.

דער ערשטער פון צווישן די קרעאָלן, וואָס איז געוואָרן אַ גאַנצער שמעלקע מיט דעם דייטשל און האָט צעטראָגן דאָס דאָזיקע וואָרט, באַ-גלייט מיט שנאַהדיקע עפּיטעטן, איז געווען דער קאַסאָקער לאַפּעז. ער איז צוזאַמען מיט אַלע איינוואוינער פונעם אַכצנטן ישוב געוואָרן אַ תושב אין איסאַקווילע, נאָר געאַרבעט האָט ער נישט, נישט אין פאַבריק און נישט אין וואַלד. אַ מעסער-העלד פון תמיד אָן, אַ „גאַוטשאָ מאַלאָ", וואָס יעדער האָט אויסגעמיטן מיט אים זיך צו פאַרטשעפּען, האָט ער זיך געהאַט זיין באַליבט ווערטל: דער קלוגער לעבט פונעם נאַר און דער נאַר — פון זיין אַרבעט.

נאָך דעם ערשטן אינצידענט זיינעם מיט איציען באַם אָנהייבן האַקן

דעם וואַלד, ווען יענער האָט אים נישט געלאָזט פאַרקויפן קאַניאַ צו די אַרבעטער בעת דער אַרבעט, פלעגט ער איציען אויסמיידן און אים זיך נישט וואַרפן אַזוי אין די אויגן, נאָר לעצטנס, ווען אַלע אַרבעטער האָבן זיך קאָנצענטרירט און באַזעצט אין איסאַקווילע, פלעגט ער בשתיקה זיך אָפּגעבן מיט שרייבן קיניעלעס, פאַרקויפן לאָטעריי צעטלען פאַרבאָטענע און, ווייזט אויס, געמאַכט גאַנץ פיינע געשעפטן. געטראָגן האָט ער איצט שיינע אָנצוגן, אַ וואָוויליונגעריש קאַפּעלושל און געריטן אַף אַ ראַסאָוון אָגער.

געוואָרן איז ער אַן אָפּטער אַריינגייער אין דער פּעלוקעריע און זיך רק געשושקעט מיט דעם קרומען באַלעבעסל. צו זיי זיינען צוגעשטאַנען די פּאָר אַלפאָנסן פון שטעטל, וועלכע פלעגן זיך מוזן באַהאַלטן אין די לעכער, מחמת צווישן זייערע חברה איז איסאַקווילע פאַררעכנט געווען ווי דאָס ערגסטע שטעטל אין דער פּראָווינץ. אין אַלע זייערע קרייזן האָט מען געוואוסט, אַז דער אינטענדענט, דער רוסאָ, נעמט נישט קיין כאַבאַר און ווייַ צו דעם וואָס וועט וואַגן אַ פּיפּס טאָן וועגן ענלעכס. די אַלע זיינען געווען דעם דייטשס מיטאַרבעטער און אַזוי האָט זיך אין איסאַקווילע אויסגעבילדעט אַ גאַנץ היפּשער קרייז תלמידים פונעם אַלטבחורישן בלוטדורשטיקן שטן, וועלכער האָט פאַרוואַנדלט דעם עק אין קליינע שמאָלע וואָנצעלעך, זאָל זיין נאָמען באַשפּיגן ווערן אין אַלע דורות.

אויך טשאַליטאַ, מאַריאַס שוועסטער איז אַריינגעצויגן געוואָרן אין דער חברותא. זי האָט איצט געלעבט מיט פראַנץ הענדזעלשוואַן ווי מאַן און ווייב און האָט נאָך אַלץ נישט געקענט מוחל זיין איציען זיין גלייכגילטיקייט צו אירע געפילן.

און ס'איז אַוועק אַ סדרה העצעריי, רחילותן און אַלערליי קלאַנגען. פון דער הויפּטשטאָט האָט די פּאָסט געבראַכט גאַנצע קאַסטנס ליטעראַטור, געדרוקט ווער ווייסט וואו און פאַר וועמעס געלט. פאַר די אַרבעטער פון פאַבריק און וואַלד, איז די ליטעראַטור פאַרגעלייענט געוואָרן מיט פיל פּירושים, אַז די אידן זיינען שולדיק אין אַלע פּורעניותן, אַז מיט זייער געהיימען פאַרבאַנד „זקני ציון" מאַכן זיי אַלערליי פּלענער צו פאַרכאַפּן לאַנד נאָך לאַנד דורך זייערע גוואַלדאָוונע קאַפּיטאַלן ווי דורך קאָמוניסטישער טעטיקייט... אָט האָבן זיי, צוריק מיט אַ פּאָר יאָר, אַרויסגערופן אַ קריזיס אַף דער וועלט און אומגליקלעך געמאַכט מיליאָנען מענטשן...

אַט רייצן זיי דעם קעניג פון אַביסיניע קעגן איטאַליע. אַרגענטינע ליגט באַ די אידן אונטער די פיס... זיי האָבן פאַרכאַפּט דאָס ברויט, פאַרכאַפּט אַלע בענק... פון אויער צו אויער, בסוד סודות, איז אַפילו איבערגעגעבן געוואָרן, אַז דער איד איציע שולמאַן, איז דער פירער פון „זקני ציון" אין אַרגענטינע...

טייל איינוואוינער פונעם שטעטל האָבן בוכשטעבלעך פאַרשטאַנען דאָס אויפגעקלערטע און אַ שנאה האָט אָנגעהויבן טליען באַ זיי: או, או, די אויסוואורפן, די כודיאָס! שוואַרץ אַף ווייס דערציילט זיך וועגן זיי שוידערלעכע זאַכן!... טייל האָבן לחלוטין ניט פאַרשטאַנען אין וואָס דאָ גייט און ווער זיינען עס די כודיאָס. זיי האָבן געשאָקלט לייטיש מיט די קעפּ צו זייערע איינטיינער און לפנים זיך געחידושט: קאַראַמבאַ, קאַראַמבאַ, אַזוינע אויסוואורפן!... עפּעס האָט זיך זיי נישט געלייגט אַפן זינען איסאָ זאָל זיין פאַרבונדן מיט אַזאַ כנופיה. נאָר, אַז מענטשן ריידן!...

די פּאָר אידישע קלענערע קרעמלעך, וואו דער קונה פילט זיך היימיש און דערלויבט זיך אַריינזאָגן באַ יעדער געלעגנהייט, האָבן באַלד דערפילט דעם סם. קרעאָלישע פרויען און יונגע חברה האָבן געשריגן די קרעמער כודיאָ. זיי געסטראַשעט און געטון צו להכעיס און פשוט זיי פאַרומערט דאָס לעבן. נאָר גיך האָט אויך די פירמע באָנאַפּאַלסקי מיט אירע אָנגעשטעלטע, אַלע קרעאָלן, דערפילט דעם נייעם גייסט. זיי פלעגן טרעפן אויפגעהאנגען טויטע קעץ און שטשורעס אַף די טירן און אַנדערע מיאוסקייטן באַם אַריינגאַנג...

מען האָט געפּרואווט זיך קלאָגן אין קאָמיסאַריע פונעם שטעטל. דער נייער קאָמיסאַר האָט פאַרשטאַנען זיין חוב. ער האָט אָנגעשריבן אַ פּראָטאָקאָל, פּינקטלעך אויסגעפרעגט. פּופּצן מאָל אין טאָג געשיקט רופן די אָנקלאָגער און געשיקט וויזישלאַנטן אין די קראָמען אַלע ווילע, נאָכאַמאָל און נאָכאַמאָל איבערפרעגן: די לענג און די גרויס פון דער קאַץ אָדער פונעם שטשור... ביז די פּאָר אידן איז נימאס געוואָרן דער גאַנצער עסק און זיי האָבן געדאַנקט גאָט, ווען דער קאָמיסאַר האָט זיי געגעבן צו וויסן: היות ווער דער שולדיקער איז, ווייסט מען נישט, איז בכן דער ענין געבליבן פאַרפּראָטאָקאָלירט.

איציע האָט אויפגעהערט דערקענען די אַרבעטער און וואַלד-איינוואוינער: דאַכט זיך, די זעלבע קרעאָלן, די זעלבע פּנימער, און דאָך אַנ-

דערש. ערשט נישט לאנג באַם באַגעגענען אים אַזוי היימיש שמייכלען, זיך גריסן חבריש: בוענאָס דיאַס, דאָן איסאַ! היינט דרייען זיי אַוועק די פּנימער ווען זיי זעען אים אָדער סטאַרטשען גאָר אויס די קוקערס אַף אים פול מיט שנאה. קאָלאָס, דער שוסטער, טראָגט אים שוין נישט אַקעגן דעם גוטמאָרגן, נאָר ער שמייכלט שעלמיש אַרויסרופעריש אים גלייך אין די אויגן און וואַרט, איציע זאָל אים גריסן, ווי ער וואָלט אים זאָגן: נישקשה, ביזט אַ כודיאָ, און אפילו ווען דו גריסט מיך, איז עס אַ גרויסער כבוד פאַר דיר ווען איך ענטפער... כואַן, דער פעלדשער, האָט אַנומלט פשוט אויסגעשפּיגן נאָך איציען צווײדייטיק און איציע איז געבליבן גע-פּלעפט, נישט געוואוסט צי זאָל ער רעאַגירן צי נישט, צי יענער האָט אים געמיינט, צי נישט...

איציע האָט איצט געהאַט אַ סך זאָרגן. פון דער הויפּטשטאָט האָט אינזשעניער שטיינבאום זיך געקלאָגט, אַז די אויסאַרבעטונגען פון דער פאַבריק זיינען עפּעס ניט פּערפעקט און די קליענטן קלאָגן זיך. אויך איז די פּראָדוקציע אין די לעצטע עטלעכע חדשים שטאַרק געפאַלן.

אין ערשטן מאָמענט האָט איציע באַלד אַ טראַכט געטון וועגן דעם דייטש קופּער און האָט געבראַוועט אַ רייד טאָן מיט אים. יענער איז מיט-אַמאָל, נישט ווי זיין שטייגער, געוואָרן שטאַרק באַריידעוודיק, האָט גע-שאָלטן די מאַשינען, וועלכע זיינען נישט אין אָרדענונג, באַ יעדן וואָרט זיך געזידלט מיט „דאָנערוועטער" און קיין טאָלק איז ניט געווען אין זיינע רייד.

געוואוינט צו האַנדלען גיך באַ יעדער פּאַרלעגנהייט, האָט איציע באַלד אָפּגעשטעלט די פאַבריק און אָפּגעזאָגט די פּאָר דייטשן פון זייערע שטעלעס, באַצאָלנדיק זיי פּינקטלעך וואָס זיי איז געקומען לויטן געזעץ. און דעמאָלט ערשט האָט דאָס בינטל העצער געפונען אַ גוט פעלד צו פּראַווען זייערע שטיק.

— האָט איר געזען? — האָט דאָס דייטשל געטענהט שבת באַ-טאָג, ווען זיין לאָקאַל איז געווען פול מיט אַרבעטער — דער כודיאָ פאַר-מאַכט די פאַבריק... אים אַרט עפּעס וואָס קריסטן וועלן שטאַרבן פון הונ-גער?... אַז איך זאָג אייך, איז עס שוין טאַקע אַזוי!... דער כודיאָ שול-מאַן האָט באַקומען אַ באַפעל פון זיינע „זקני ציון" ער זאָל פאַרמאַכן די פאַבריק, מסתמא האָבן זיי געקראָגן ערגעץ סחורה ביליקער... מיר, קרע-

אַלן, וועלן ליידן הונגער!... איך זאָג מען דאַרף אים אָנלערנען, דעם כו־דיאַ!... איך וואָלט פון דער פאַבריק געמאַכט אַש און שטויב! ניט מיר, ניט דיר!...

טשאַלאַ, וועלכע האָט אים דערלאַנגט וואַרים וואַסער, האָט אַ גלאַנץ געטון מיט אירע קוילן־אויגן און פול מיט נקמה, האָט זי צוגעגעבן:

— אים אַליין, דעם כודיאַ, וואָלט איך געשלאָגן, געהרגעט ביז צום טויט! — האָט זי געוויזן מיט די פויסטן, ווי זי וואָלט אים געשלאָגן, — ביז צום טויט!

איז געוואָרן אַ גערודער אין שטעטל איסאַקווילע: מען האָט פאַר־מאַכט די פאַבריק און ווער ווייסט אויב מ׳וועט זי עפענען!...

גערודערט האָט זיך טאָג ווי נאַכט. בינטלעך איינוואוינער האָבן זיך געהיצט אויפגערעגטע. די לופט איז פול געווען מיט אויפברויז און גע־דאַכט האָט זיך: אַט, אַט, וועט עס אויפרייסן מיט אַ בהלה, מיט אַ מהומה.

נאָר געפונען האָבן זיך אויך אַזעלכע, וואָס זיינען נישט געווען פאַרבלענדט מיט דער שנאה און זיי האָבן עטוואָס געשטילט די געמיטער. מאַריאָ, עוזעביאָס בנים און אַ גרופּע אַרבעטער זיינען כמעט אומגעלאָפן פון גרופּע צו גרופּע און האָבן געגעבן צו פאַרשטיין:

— וואָס ווילט איר, דער דייטש קופּער האָט סאַבאָטירט, ער האָט אַרויסגעגעבן ניט ריינע פּראָדוקטן, ער האָט קאַליע געמאַכט די מאַשינען, געשאָטן זאַמד אינעם שמיר־אויל. ס׳איז די זעלבע כנופיה, זיי האָבן דאַרט אָנגעטון שאָדן און אייך העצן זיי צעשטערן די פאַבריק!... שוטים! — האָבן זיי געטענהט, — איסאַ וועט יאַקאָס האָבן וואָס צו עסן, אָבער איר וועט פּעכגען פון הונגער, אויב איר וועט צעשטערן די פאַבריק, ווי דער דייטשל העצט אייך!

האָבן אַרבעטער פאַרוקט די רונדע טשאַמבערגאָס און געטראַכט: ס׳איז דאָך טאַקע אַזוי! און מען האָט באַשלאָסן שיקן אַ קאָמיסיע אין דער עסטאַנסיאַ און פרעגן אים אַליין, דאָן איסאַ, ווען ער רעכנט עפענען די פאַבריק.

פול מיט מנוחה איז די עסטאַנסיאַ לאַ קרוז. די בערג־ווענט אַרום זיינען אייביק רואיק, דרעמלענדיק פון ששית ימי בראשית. נישטאָ דאָ קיין שטאַרקע ווינטן, בערג דערלאָזן נישט, זיי צעפּיצלען זיי אויף פּיצ־

פּיצלעך. זומער ווי ווינטער בלאָזן דאָ ווינטעלעך גלעטנדיקע, קוים וואָס א גרעזל שאָרכעט, דאָס וואַסערל אונטן רינט, כמעט טראָפּנדל נאָך טראָפּנדל, גלייך די ציגן און די קי אין מויל אריין.

רואיק פּאַשען זיך די ציגן אויף די בערג און פאַרנאַכט בילדן זיי א קרייז באַבערדלטע שלאָפערס. טאַקע מיט בערד, נאָר דאָך ציגן, ניט קיין כודיאָס, און זיי מעגן רואיק שלאָפן. באַטאָג, ווען די זון גרייכט דעם זעניט, דעקט צו די בערג א מין נעפּל ניט קיין נעפּל, א מין בלוי דורכזיכטיק געדריכטעניש, כדי די ריזן זאָלן געשמאַקער שלאָפן זייער סיעסטאַ. אויך דאָס קליינע ווינטעלע ווערט דעמאָלט מיד און רוט. רוט, אז נישט א בלעטעלע פון א בוים רירט זיך. נישט קיין שאָרך, נישט קיין פּישטשען פון א חיה אָדער פויגל. שאַ, שטיל זאָל זיין! די אַלטע באָבע נאַטור שלאָפט!

אויך אין דער עסטאַנסיאַ איז תמיד רואיק. ווייט פון שטעט, ווייט פון שטאַרק באַפעלקערטע ישובים, צווישן בערג און וועלדער, ווייסט ניט די עסטאַנסיאַ פון טומל. פון אַלטע צייטן גייט דאָרט אַלץ מיט איין סדר. יעדער דינער האָט זיך זיין אַרבעט און ער טוט זי לאַנגזאַם, אָן געאייל. גייט זיי אָן וואָס אין דער גרויסער וועלט גומט פאָר? בערג צעברעכן די וועלט געשעענישן אויף פּיצפּיצלעך...

איצט איז דאָרט פאַראַן איינער א מענטש, וואָס איז נישט רואיק, וואָס איז יאָ באַצערט איבער די געשעענישן וואָס קומען פאָר אויף דער וועלט און האָט קיין מנוחה נישט. דאָס איז דער איד איציע פון טערניוווקע, דער זון פון ירוחם טערניוווקער.

דאָרט ווייט, מעבר לים, אין דייטשלאַנד, איז אויפגעשטאַנען א מחבל פון אַלע מחבלים און דער רוח ווייס אים פאַרוואָס ער האָט זיך פאַרגומען אויסצוראָטן דאָס אידישע פאָלק, אומעטום אין אַלע לענדער און ערטער, וואו זיי געפינען זיך.

זיינע ווערטער זיינען א ים מיט גיפט געווענדט קעגן זיי.

זיינע רעדעס ווערן איבערגעגעבן דורך מעכטיקע ראַדיאָ-כוואַליעס איבער גאָרער וועלט.

אין זיין שנאה, קלייבט ער נישט איבער קיין בילבולים. אין זיין רשעות קלייבט ער נישט איבער קיין מיטלען שלעכטס צו טאָן זיי.

און די וועלט הערט און שווייגט.

די ערלעכע פון די וועלט-פירער ביכיקען אין די אַרבל צופרידן:
בע-כע, נשקשא, מען מעג זיי אַביסל אָנלערנען, די אידן!

די רשעים העלפן מיט דעם המן שרייען און זיי לויבן אים פאַר אַן אויבער-מענטש.

פון עק וועלט ביז עק וועלט גרייכט זיין האַנט צום פּאַרטיליקן און זיינע שליחים און תלמידים פאַרשפּרייטן זיין תורה און זיינע מעשים און ווי אַ פּעסט, דורך באַצילן, ווערט די תורה פאַרשפּרייט איבער לענדער און פעלקער.

און עס דערציילט אַ טעלעגראַמע, אַז אין יענעם לאַנד האָט די פּאָליציי אינמיטן ווינטער נאַכט אַרויסגעשלעפּט פון די בעטן אידן, קליין און גרויס, קראַנקע און אַלטע, פרויען און קינדער, זיי אַלע אַריינגע־וואָרפן אין לאַסט וואַגאָנעס, אָט ווי זיי זיינען געשטאַנען, טייל אין אונ־טער-וועש, טייל מיט שנעל אַרויפגעוואָרפענע אַף זיך לייכטע מלבושים, זיי אָפּגעפירט צו דער גרעניץ, דאָרט זיי אָפּגעלאָדן און מיט באַגנעטן גע־שטאָכן זיי זאָלן אַריבערלויפן אַף דער צווייטער זייט גרעניץ. די וועכטער פון יענער זייט, האָבן זיי אויפגענומען מיט נאַהייקעס און מיט די קאָל־בעס פון די ביקסן איבער זייערע לייבער, זיי צוריקגעטריבן אַהין פונוואַ־נען זיי זיינען געקומען...

וואַלגערן זיי זיך, זיינע ברידער, אין קיינעמס לאַנד, עטלעכע מעטער ברייט לענגווים דער גרעניץ, אין שניי און אין בלאָטע, קרעכצן און וויי־נען אין דער וועלט אַריין, אין דער וויסטער וועלט אַריין און לאָזן דאָרט די נשמות אויס. אַזעלכע הימלגעשרייען, אַזעלכע רשעות, טראָגן זיך אַריבער אין ברודער-הערצער פון וועלט צו וועלט און שוואַך זיינען אפילו ריזיקע בערג-ווענט זיי צו פאַרהאַלטן.

איז, ווי קען מען זיין רואיק, אפילו הינטער די אַנדן-בערג? ווי קען אַ אידיש האַץ ניט ציטערן אפילו אין דער עסטאַנסיא לאַ קרוז?

אויך דאָ, אין דעם וואַלד-ישוב, אינעם שטעטל וואָס איז אַ דאַנק אים, איציען, אויסגעבויט געוואָרן און הייסט אַף זיין נאָמען, וואָס אַ דאַנק אים האָבן וואַלד-מענטשן געקראָגן אַרבעט און מעגלעכקייטן צו מאַכן אַ לעבן, האָט די פּעסט זיך אַריינגעכאַפּט און די האַנט פון יענעם משחית האָט דערגרייכט אַזש אַהין.

אָט ליגן פאַר אים העץ-בלעטלעך, צעטיילטע אין איסאַקווילע, מיט

ניט געשטויגענע מעשים וועגן עפּעס „אַלטע לייט פון ציון", מיט בילבולים אַלערלײ אַף אידן און אַף אים פּערזענלעך.

שפּאַנט איציע אַרום איבער די רחבותדיקע צימערן פון די אַנטשאַ־רענאַס, ווי אַ לייב אין אַ ברייטער שטייג, הין און צוריק, רעדט צו זיך אַליין אין אידישן לשון: פאָלק מיינס, וואָס ווילן די רשעים פון דיר האָבן!...

ווייטיק און צער איז אויסגעגאָסן אַף זיין פּנים. אין אַזאַ צייט איז גוט כאָטשע זיין צוזאַמען מיט אידן, אין אייגענעם קיבוץ, ווי די שעפּע־לעך זיך צו טוליען, איינס אין צווייטן, איינער אין אַנדערן, ווען זיי דער־פילן אַ סכנה. און ער? זיינע קינדער, די צוויי אינגעלעך, טראָגן צלמלעך אַף זייערע העלדזער. אַזוי האָט געוואָלט זיין פרוי, אַזוי וויל זיין שווער. און וויפל ער האָט זיך ניט קעגנגעשטעלט און וויפל סקאַנדאַלן עס זיינען שוין פאָרגעקומען, איז די מוטער פאָרט די דעה־זאָגערן איבער די קינדער. אַזוי איז דאָס געזעץ אין אַרגענטינע. צוגעבונדן איז ער צו דער גרויסער שטייג, נישט דאָרט צו זיין, נישט צום אַנטלויפן...

און אָט דעמאָלט איז געקומען די דעלעגאַציע פון די אַרבעטער אים פרעגן ווען ער וועט עפענען די טויערן פון דער פאַבריק און פאַרוואָס האָט מען זי פאַרמאַכט.

געטראָפן האָבן אים די אַרבעטער אין קאַבינעט אַ דערשלאָגענעם, זיין פּנים איין שטיק צער, זיינע אויגן אָנגעגאָסן: ווער ווייס צי האָט דער מענטש שוין געוויינט אָדער באַלד וועט ער אויסברעכן אין געוויין. זיינען די דעלעגאַטן שטיין געבליבן אָפּהענטיק, מיט אַראָפּגעלאָזטע קעפּ און האָבן פאַרלוירן דאָס לשון. און איציע האָט פאַרביטערט אָפּירגענומען די העזי־בלעטלעך און זיי דערלאַנגט:

— וואָס־זשע איר זענט געקומען מיר מודיע זיין, אַז איר ווילט ניט קיין אַרבעטס־געבער אַ כודיאָ?

די אַרבעטער האָבן באַליידיקט געענטפערט:

— וואָס גייט אונדז אָן כודיאָ, נישט כודיאָ, מיר פאַרשטייען ווי־ניק אין די־ענינים, וואָס מיר ווילן ווייסן, איז די סיבה פון פאַרמאַכן די פאַבריק, אָט וואָס.

איציע האָט זיי אוועקגעלייגט אַ צעטל אויספירלעך; ווי אַזוי דער מעכאַניקער האָט געשיט זאַמד אינעם מאַשין־אייל; ווי אַזוי דער דייטש

קופּער פּלעג אומישנע העכערן די טעמפּעראַטור, כּדי די זאַפּטן פונעם האָלץ זאָלן אויסגעטריקנט ווערן און די פּראָדוקציע איז געפאַלן; אַז דער זעלבער מעכאַניקער איז איין כּנופיה מיט דעם לאָמען דייטש, וואָס אַלע זיינען זיי אַף געהאַלט באַ דער דייטשער רעגירונג... פון איין זייט האָבן זיי געוואָלט ברענגען די פאַבריק צו באַנקראָט און פון דער צווייטער זייט געהעצט די אַרבעטער קעגן אים און געריצט זיי צו אומרוען... דייטשלאַנד וויל אַרגענטינע זאָל די פּראָדוקטן קויפן באַ איר און נישט אַליין פאַבריצירן, האָט איציע זיי געגעבן צו פאַרשטיין.

האָבן די אַרבעטער לייטיש אויסגעהערט, זיך ווידער געחידושט, „קאַראַמבאַ!" צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ און געגעבן גערעכט אַף אַלץ וואָס ער האָט געזאָגט, נאָר אַהיימגייענדיק, האָבן זיי זיך געזידלט, געמאַכט דריי-גאָרנדיקע מי שברכים זייערע מאַמעס און ווידער נים פאַרשטאַנען ווער פון זיי איז גערעכט און וואָס דאָ קומט פאָר.

אינגיכן איז אָנגעקומען פון בוענאָס איירעס אַ נייער מעכאַניקער. דאָס מאָל אַ דייטשער איד, אַ פּליט, און די פאַבריק און די וואַלד-אַרבעט איז אַוועק מיט דעם געוויינלעכן ריטם.

דאָס דייטשל האָט ווידער גענומען איינטענהן מיט זיינע קרעאָלישע קליענטן:

— נו, ווער איז גערעכט? ער האָט אַרויסגעוואָרפן קריסטן, בכדי אַריינצונעמען זיינע כּודיאָס אין פאַבריק...

דעם דייטשלס מיטהעלפער, די אַלפאָנסן, זיינען נישט מיד געוואָרן העצן דאָס שטעטל אַף שריט און טריט קעגן אידן און איציען. און איציע האָט באַמערקט, ווי איינציקווייז, זיינען די אידישע קרעמער זיך צעלאָפן פונעם שטעטל און אַפילו די גרויסע פירמע באַגאָפּאָלסקי גוססט. דער באַלעבאָס אירער, דאָן כּאַקאַבאַ, איז אַוועק אין קרייז-שטאָט און פון דאָרטן ליקווידירט זיין געשעפט. געבליבן איז ער איצט איין איד אין וואַלד און אויגן בייזע, אויגן וועלפישע לויערן אין אַלע ווינקעלעך אַף זיין לעבן. און ער האָט געשאָלטן זיין גורל, וואָס האָט אים פאַרוואָרפן אין אַזאַ אויסרייסעניש, ווייט פון זיינע ברידער, ווייט פון אידישע ישובים...

צוגעבונדן איז ער צו זיין פרוי לאָלאַ. זיי האָבן זיך ליב. און דאָך איז קיין שלום בית נישטאָ באַ זיי. אַלץ איבער דער דערציאונג פון די קינדער. דער גלח, פאָטער פראַנציסקאָ, דאָן סאַנטיאַגאָ און לאָליטאַ, האָבן

געבילדעט איין בלאָק און האָבן די קינדער געשטאָפּט מיט אַלערליי מעשות וועגן הייליקע בתולות און מלאכים, וואָס אים איז געווען דערווידער.

אין אַ געוויסער מאָס האָט דאָס אפילו גורם געווען צו אַ דערוויי־טערונג פון די קינדער צו אים. דער עלטערער, נאַטאַליאַ, איז געווען אַ געמיש פוןביידע ראַסן. ער האָט געהאַט דעם פאָטערס שטריכן, זיין ענערגיש קלאָר פּנים און די באַקן מוסקלען אביסל אידישלעך אַרויסגע־שטאַרצט. די נאָז — אַ גלייכע פונעם שטערן און לויט דעם קלאַסישן קרעאָלישן מוסטער, ער האָט באַנומען פלינק איעדן ענין, ווי קאָמפּליצירט ער זאָל נישט געווען זיין פאַר דעם קינדערשן מוח. ער פלעגט דווקא קלעפּן אין פאָטער, ליב געהאַט שלאָפן מיט אים און זיי פלעגן זיך שפּילן ווי צוויי גלייכע חברים. נאָר דער גלח, די מוטער און ניאַ פּעראַנאַ האָבן אים אַזוי אָנגעשראָקן מיט דעם גיהנום, מיט יענער וועלט און מיט גאָטס כעס, אים געוואָרנט, אַז דער פאָטער זיינער איז נישט קיין קריסט און וועט נישט האָבן יענע וועלט, אַזש דאָס קינד האָט געציטערט, רחמנות גע־קראָגן אפן פאָטער און זיך געבעטן בא אים, אפן קינדערשן שטייגער:

— פּאַפּיטאָ, פאַרוואָס בעטסטו נישט צו גאָט און גייסט נישט אין קלויסטער? גאָט כעסום איז אַ גוטער און וועט מיט דיר חבר ווערן, וועט דיך נעמען גלייך אין גן־עדן נאָכן טויט.

איציע פלעגט דעמאָלט שווייגן און בלייבן דערשלאָגן. ער האָט ניט געוואוסט וואָס דעם קינד צו ענטפערן און זיך געפילט אומעכטיק. פאָטער פראַנציסקאָ פון לאַ קרוז האָט גובר געווען ירוחם טערניוועקערס זון איציע. פלעגט ער אַרומגיין ווי אפן עולם התוהו. טאַקע אַן אייגן ווייב, אַ ליב ווייב און, דאָך אַ פרעמדע! טאַקע ליבע טייערע קינדער אייגענע און, דאָך דערווייטערטע! כאַ־כאַ־כאַ — פלעגט ער לאַכן צו זיך אַליין, ווי משוגע: צוויי שולמאַנס — קריסטן, צוויי אייניקלעך רב ירוחמס, דעם גרעסטן למדן פון טערניקווע — מיט צלמלעך און קניען פאַר יעזוסן!...

און איציע האָט שטאַרק מקנא געווען יענע אידישע קרעמער, וואָס האָבן זייער בידנע ביסל סחורה באַלד פאַרנומען און אַנטלאָפן אין שטאָט. ער איז טאַקע שטיין־רייך, איציע, ער איז אַ גלייכער שותף צו אַ גרויסער פאַבריק פון האָלץ־פּראָדוקטן, די איינציקע אין אַרגענטינע, שווערע טויזנ־טער ברענגט אים אַריין דער קאָנטראַקט אף צוואַנציק יאָר צו האַקן דעם וואַלד פאַר די אַנדן, הונדערטער לעגוואַס בערג און טאָלן, אַ ירושה פון

די וואָלאָזקעזעס, פאַרמאָגט זיין פּרוי, נאָר איין קליינקייט פעלט אים: אינערלעכע רו און גלייכגעוויכט.

אין זיין מוח איז געבוירן געוואָרן אַ געדאַנק, וואָס האָט אים תחילת אויסגעזען אומעגלעך, נאָר וואָס ווייטער האָט ער זיך אַלץ מער אויסגעקריסטאַליזירט פאַר אים, איציען, ווי אַ גויטוועגדיקייט: ער וועט זיך אַרויסיצען מיט זיין פאַמיליע קיין בוענאָס איירעס... דאָרט, אינעם אידישן בוענאָס איירעס, וועט ער זיך געפינען צווישן זייניקע, צווישן קרובים און באַקאַנטע און, אפשר וועלן זיינע קינדער, דערוויטערטע פון קלויסטער, צוריק ווערן שולמאַנס? און זיין ווייב, אין אַ אידישער סביבה, וועט אויך ווערן באַאיינפלוסט?

ער האָט געוואוסט, אַז גרינג וועט דאָס אים נישט אָנקומען, אַז לאַלאַ איז צוגעבונדן צו איר פאָטער און זי וועט זיך נישט וועלן שיידן מיט אים. איר וועט זיין שווער צו פאַרלאָזן די עסטאַנסיאַ, די געגנט, וואו יעדעס שטיינדל איז איר באַקאַנט און טייער. דאָך האָט ער באַשלאָסן דאָס צו דערגרייכן און טאָג ווי נאַכט האָט ער געטראַכט נאָר דערפון. ס'איז באַ אים געוואָרן אַן איינרעדעניש, אַז דאָס איז זיין איינציקע רעטונג און ער האָט געוואַרט אויף אַ געלעגנהייט אַרויסצוקריגן לאַלאַס הסכמה.

די ווייטערדיקע געשעענישן האָבן אַליין צוגעאיילט, אַז זיין האָפענונג זאָל רעאַליזירט ווערן.

רייטנדיק אין אַ שיינעם מיטוואָכדיקן טאָג פון דער עסטאַנסיאַ צו ער פאַבריק אויף זיין סאַינאַ-פערד, פאַרטראַכט וועגן דער נייער ידיעה אין די צייטונגען וועגן דעם אידישן אינגל, וואָס האָט דערשאָסן אַ נאַצישן אָנגעשטעלטן אין דער דייטשער אַמבאַסאַדע פון פאַריז. ער איז געריטן און פאַר זיינע אויגן איז געשטאַנען יענץ בלייבע אינגל, כמעט נאָך אַ קינד...

אין די בלעטער איז געווען באַשריבן זיין לעבן ביז דעם מאָמענט פונעם שאָס: דער גאַנצער פיין-וועג, וואָס דאָס אידישע קינד איז אויסגעשטאַנען ביז ער איז געקומען צו דעם באַשלוס, ווי מען האָט זיין אַלטן פאָטער, דעם שניידער אַרויסגעשלעפּט פון וואַרימען בעט ווינטער אינמיטן דער קאַלטער נאַכט, ווי זיין מוטער איז פון שרעק געשטאָרבן און זיין פאָטער וואַלגערט נאָך דאָרט ערגיץ אין קיינעמס לאַנד, אין שניי און אין

בלאָטע, אַף דער גרעניץ צווישן דײטשלאַנד און פּױלן. עטלעכע מאָל האָט דער בחור געשמוגלט די גרעניץ קײן פראַנקרײך און אַז מען האָט אים געפּאַקט, פלעגט ער אָפּזיצן אַ פּאָר מאָנאַט אין תּפיסה און צוריקגעשיקט ווערן קײן דײטשלאַנד. ביז סוף־כּל־סוף האָט זיך אים אײנגעגעבן גנבענען די גרעניץ און קומען קײן פּאַריז...

פּאַריז, פּאַריז, יעדער וואָס קען דיך, זינגט צו דיר אַ הימן, צו דײן אײגנאַרטיקן לעבן, צו דײן פראַנצויזישער זהבותדי־קער באַהעמישקײט, צו סאָרבאָנע און צו דײן לאַטײנישן קוואַר־טאַל! נאָר דאָס דאָרע בלײכע אידישע אינגל, דער פּליט הערשל גרינשפּאַן, ער האָט דיר קײן הימן נישט געזונגען, זיך וואַל־גערנדיק אינעם מיסט אונטער דער בריק בײַ דער סענאַ! אינגל, קינד, פאַרוואָס קומסטו אָוונט־צײַט זיך באַהאַלטן דאָ אונטער דער שטאָלענער בריק? פאַרוואָס גײסטו בעסער נישט אַהײם צו דײן פאָטער און מוטער, צו דײַנע קרובים? ביזט אַראָפּ, מסתּמא, פונעם גלײכן וועג, שלעכטע חברים האָבן דיך אָנגע־רעדט און פאַרדאָרבן, ביזטו אַ פאַרברעכער געוואָרן... אַזוי יונג, אַזוי קינדיש!...

נײן, וועלט מיט רוצחים!

דער בחור איז יונג און נאַיוו, ערלעך איז ער געבליבן און הײליק איז זײן דרך, דער דרך הישר! ער וואַלגערט זיך אונטער דער סענאַ אינעם רײכן פּאַריז, ווײל דײנע עלטערן האָבן ווילדע נאַציס אָוועקגעטריבן און זײן פעטער דאָ טאָר אים בײַ זיך נישט האַלטן, ער איז אַ פּליט און די פּאָליצײ האָט שטרענג פאַרבאָטן אידן־פּליטים קומען קײן פראַנקרײך. דערפאַר וואַל־גערט ער זיך בײַם ברעג פון טײַך, דערפאַר קומט ער נאַכט־צו אונטער דער בריק זיך באַהאַלטן...

איז איציע אַזוי פאַרטראַכט אַרײנגעריטן אין וואַלד. ערשט, פון הינטער אַ בױם האָט זיך דערהערט אַ שאָס און אַ קויל איז פאַרבײַ, קוים אָנרירנדיק דעם פערדס אויער. איציע איז אַראָפּ פונעם פערד, האָט אַרויס־געכאַפּט דעם רעוואָלווער, וואָס ער האָט לעצטנס תמיד געהאַלטן בײַ זיך

און געלאָפן אין יענער ריכטונג. אַ מענטש האָט זיך אַפּירגעשלייכט פון הינטער אַ גראָבן בוים און זיך געלאָזט לויפן.

איציע האָט אים דערקענט. ס׳איז געווען דער קאַסאָקער לאַפּעז, פונעם אַבצענער ישוב. עטלעכע מאָל האָט ער שוין געהאַט מיט אים צוזאַמענשטויסן פאַר זיינע שיינע מעשים, נאָך ווען ער, איציע, איז געווען קאָמיסאַר אין שטעטל. איצט איז ער אַ גאַנצער שמעלקע מיט דעם לאַמען דייטש און זיין בינטל. איציען האָט פון אויפרעגונג געזעצט דאָס בלוט אין די שלייפן און ער האָט געיאָגט מיט אַלע כוחות אים צו פּאַקן. נאָר, ווען ער איז שוין געווען גאָר נאָענט פון אים, געמיינט, אַז אַט-אַט וואַרפט ער זיך שוין אַף זיין שונא, האָט יענער פלינק זיך געגעבן אַ דריי אויס און אין איין אויגנבליק איז זיין מעסער אריין אין איציעס ברוסט. און דער מערדער איז זיך רואיק אַוועק אין דער ריכטונג פונעם שטעטל.

דער סאַינאַ איז נאָכגעאַנגען איציען פוסטריט און ווען ער איז צוגעקומען צו זיין באַלעבאָס און אים געזען ליגן אויסגעצויגן אין אַ טייך בלוט, האָט ער איין שמעק געטון, אַ צווייטן גיוכע געטון צו אים און איז גאַלאָפּ זיך אַוועקגעלאָזט צוריק אהיים אין דער עסטאַנסיאַ. זיין פעל איז געריסן געוואָרן פון שטעכיקע צווייגן, ער איז פיל מאָל געשטרויכלט געוואָרן איבער אַרויסשטאַרצנדיקע וואָרצלען, נאָר ער האָט זיך נישט פאַרהאַלטן און איז געלאָפן און געשטרעקט זיין שמאָלן קאָפּ.

נאַרישער סאַינאָ, ווייסטו דען ניט, אַז דיין באַלעבאָס איז אַ כּודיאָ! וואָס יאָגסטו זיך אים ראַטעווען? וואָס שלינגסטו די ערד מיט דיינע לאַנגע פיס אים צו ברענגען הילף? ניין, אַ בהמה איז ניט קיין נאַצי און זי ווייסט אויך ניט פון דעם לאָזונג: הרגע אַ אידן, וועסטו שאַפן פאָטערלאַנד!

אַ ווייס ווילד פערד אַנטלויפט פונעם לאַסאָ-וואַרפער איבער די בערגלעך צווישן וואַלד און די אַנדן-בערג. צי האָט ניט דער ווייסער אָגער אַראָפּגעוואָרפן זיין רייטער און לויפט אַן אָנגעזאָטלטער אין זיין ווילדן צאָרן?

ס׳איז דאָך דער סאַינאָ, דעם אידן איציעס סאַינאָ! אַ ווייסער שוים באַדעקט זיין קערפּער זיך יאָגנדיק, זיך רייסנדיק געטריי צו זיין באַלעבאָס, וואָס איז פאַרעטעריש געשטאָכן געוואָרן פון אַ פאַרברעכערישער האַנט, פון אַ נאַצי-מעסער אין

אהרן פײַערמאַן

גערדיכטן וואַלד. אַ פערד איז נישט קיין נאַצי און ווײסט נישט וואָס הײסט בודיאַ.

ווען דער סאַינאַ איז אַרײַן אין דער עסטאַנסיאַ און איז צוגעלאָפן גלײַך צו לאָלאַן, שטיל געהירזשעט און געבעטן זיך, אַ באַדעקטער מיט שוים און דאָס פּנים באַגאָוועט, האָט לאָלאַ פאַרשטאַנען, אַז עפּעס שרעקלעכעס איז געשען איר מאַן. אין אײן אױגנבליק איז זי שוין גע־זעסן אױף איר יונגער שקאַפּקע און האָט גאַלאָפּירט אין דער ריכטונג צום וואַלד. נאָך איר איז נאָכגעלאָפן דער סאַינאַ מיט דעם לײדיקן זאָטל און נאָך זײ דרײַ דינער מיט אַ טראָג־בעטל אױף פלינקע פערד. דער וועג איז איר געווען גוט באַקאַנט. פיל מאָל איז זי אױף דעם וועג געריטן אױף איר אָוועראַ, מײדלווײז און שוין אַלס פרוי, נאָר קײנמאָל האָט דער וועג אַזױ פיל נישט געדויערט, קײנמאָל האָט ער איר נישט אױסגעזען אַזױ לאַנג, אַזױ ווײַט ווי איצט. און די בערגלעך האָבן זיך געמערט פּילפּאַכיק און דער וועג האָט זיך געצויגן און געצויגן, אָן אַן עק און אָן אַ סוף. אָן אײ־ביקײט האָט געדויערט ביז זײ האָבן דערגרײכט דעם וואַלד.

איציע האָט געעפנט זײַנע אויגן בשעת לאָלאַ מיט די דינער האָבן אים אַוועקגעלײגט אױפן טראָג־בעטל. דערפילט די מוטערלעכע הענט אירע אױף זײַן פּנים, האָט זיך אַ שמײכל פון געזעגענונג באַוויזן אױף זײַן געל גע־וואָרענעם פּנים און זײַנע ליפּן האָבן עפּעס געוואָלט זאָגן. זײַן פרוי האָט זיך פון איר פערד אַראָפּגעבויגן צו זײַן מויל און האָט געהערט דאָס וואָרט „ליבינקע!”.

— „ווער האָט דאָס דיר געטון?” — האָט זי געפרעגט און זיך באַמיט די טרערן אירע זאָלן בלײַבן שטעקן בײַ איר אין האַלדז און זי וואָרגן, נאָר דער מאַן אירער זאָל זײ נישט באַמערקן.

— דער קאַסאַקער לאַפּעז! — האָט איציע קוים אַרויסגעצויגן די ווערטער און זײַנע ליפּן זײַנען פאַרמאַכט געוואָרן אױף לאַנג און געעפנט האָט מען זײ אים אױף אַרײַנצוגיסן די רפואות, וואָס מען האָט אים באַ־דאַרפט אײַנגעבן.

לאָלאַ האָט געהאַט וווּנק צוטרוי צום יונגן דאָקטער פון איסאַק־ווילע. ער האָט זיך אַלעמאָל פאַרלוירן, דאַ געהײסן טאָן אײן זאַך, דאַ אַ צווײטע. האָט זי אינעם טעלעפאָן־בוך אָפּגעזוכט דעם אַדרעס פונעם

אידישן שפּיטאָל אין בוענאָס איירעס און געבעטן טעלעגראַפיש מען זאָל איר שיקן מיט אַן אַוויאָן דעם בעסטן כירורג. און דערפאַר שענקט זי דעם שפּיטאָל צוואַנציק טויזנט פּעזעס און דעם פּראָפעסאָר צען טויזנט פּעזעס אַ באַלוינונג, אחוץ די הוצאות אַפן אַוויאָן. לאַ קרוז ליגט אַף דעם וועג פון דער לופט-ליניע „אַערקראַפט" צווישן בוענאָס איירעס און טשי-לע, דאָך האָט דער דירעקטאָר פון דער ליניע געזוכט און געזוכט אַף דער טאָפּאָגראַפישער קאַרטע אַ פּלאַץ וואו צו לאַנדן און קוים געפונען אַ נישט זייער זיכער אָרט און האָט אויסגענומען, אַז אויב דאָס פּלאַץ צו לאַנדן וועט ניט זיין באַקוועם, וועט דער פּראָפעסאָר מיט זיין באַגאַזש זיך מוזן אַראָפּלאָזן מיט אַ פּאַלשירעם, צוליב דער דרינגלעכקייט פונעם רוף צום חולה.

לאַנג האָט דער עראָפּלאַן זיך געדרייט און געקרייזלט אַרום לאַ קרוז און ווי ניט איז זיך אַראָפּגעלאָזט אַ פּאָר קילאָמעטער פון דאָרט. לאָלאַ האָט אַליין זיך אַנגעטון אַ ווייסן כאַלאַט, זיך פאַרבונדן די האָר מיט אַ ווייס טיכל און געהיט איר ליבן חולה. צוזאַמען מיט דעם אידישן פּראָ-פעסאָר איז זי נעכט ניט געשלאָפן, טעג נישט גערוט און אים געהיט. יעדן ריר זיינעם, יעדע באַוועגונג זיינע האָט זי געזעהן, ווייל געמוזט האָט ער ליגן רואיק. קיינעם האָט לאָלאַ נים געטרויט דאָס אַרומגיין אַרום דעם קראַנקן. ס'איז נאָר געווען צו חידושן זיך ווי אַרום זי האַלט אוים אַזוי פיל צייט און פאַלט נישט אַוועק.

צוויי מאָל האָט מאַריאָ געשאָנקען זיין בלוט פאַר דער אָפּעראַציע און צוויי מאָל האָבן אַנדערע נאָך אים געגעבן זייער בלוט איבערצוגיסן אין איציעס שוואַכע אָדערן, נאָר בלייבן באַם חולה האָט זי זיי נישט גע-לאָזן. דער אַלטער סאַנטיאַגאָ האָט זיך באַ איר געבעטן:

— טעכטערל, לאָליטאַ, לאָז מיך היינטיקע נאַכט זיין לעבן אים, איך וועל אים היטן גלייך ווי דו, איך וועל קיין אויג נישט צו טון...

און זי האָט אים קושנדיק געענטפערט:

— ניין, פאָטער, דו ביסט אַ מענטש אַן עלטערער, טאָמער, חלילה, ווערסטו אַנדרימלט און מיין איסאַ איז אין אַ גרויסער סכנה.

אַף אַ סאָפאַ-בעט, האַרט לעבן קראַנקן, פלעגט זי זיך צושפּאַרן און דרעמלען זיצנדיק. ווי נאָר דער קראַנקער האָט אַ ריר געטון מיט אַן אבר,

אָדער נאָך איידער איסאַ האָט זיך אַ ריר געטון, איז זי שוין געשטאַנען לעבן אים, אים באַקוועם געמאַכט ער זאָל ליגן רואיק און געשעפּטשעט ווי אַ תפילה: „רואיק, ליבינקער, רואיק, טייערינקער!" גלייך איציע וואָלט זי געהערט, גלייך ער וואָלט זי פאַרשטאַנען.

און איציע האָט געשוועבט צווישן לעבן און טויט. זיין קערפּער האָט צייטנווייז געקרעכצט. פון פיבער האָט ער אָפּטמאָל אַרויסגעבראַכט פאַרשידענע קלאַנגען, נאָר געלעגן איז ער פאַרטראָגן, האָט קיינעם נישט דער־קענט און גאָרנישט ניט געפילט. ער האָט נישט געפילט ווען זיין לאַליטאַ פלעג אים איבערבעטן דאָס געלעגער אונטער אים, באַמיענדיק זיך וואָס וויניקער אים צו שטערן. ער פלעגט נישט פילן די פאַרשידענע נאָדלען וואָס דער פּראָפעסאָר פלעגט אים שטעלן עטלעכע מאָל אין טאָג. די נאָדל פון נארונג־סערום איז געווען גרויס און לאַנג און דער פּראָפעסאָר האָט זי פיל מאָל געשטאָכן אין זיין לייב, נאָר איציע האָט זי נישט געפילט, האָט נישט רעאַגירט.

געזען האָט דער פּראָפעסאָר דער חולה איז אַ איד אין דעם רייכן גוט פון די אַנטישאָרענאַ־וועלאַזקעז. געזען האָט ער זיין ווייב יעדן פרי־מאָרגן און אָוונט קניען פאַר דער הייליקער גאָטס מוטער, די בתולה מאַריאַ און בעטן רחמים פאַר איר געליבטן מאַן. געזען האָט ער זיינע צוויי קינ־דערלעך מיט צלמלעך אויף די העלדזער ווען זיי שטייען לעבן פאָטערס בעט און קושן אים מיט טרערן אין די אויגן. איז דער פּראָפעסאָר פאַראינטערי־גירט געוואָרן און געמיינט דער חולה איז אַ געטויפטער. איז ער אָבער אין איינער אַ וואַך־נאַכט געוואָר געוואָרן פון לאַלאַן ווער איציע איז און וועגן זיין עקשנותדיקן קאַמף, וואָס ער האָט געפירט, ניט חתונה צו האָבן דורכן קלויסטער. אַלע אַוואַנטורעס זיינע האָט זי שטילערהייט דערציילט דורך די נעכט דעם פּראָפעסאָר, ווי אַ כאַפּטע נאַצים האָבן זיך באַוויזן אין איסאַקווילע און איינער פון זיי אָדער אַ געדונגענער זייערער, איז דאָס אים פאַרעטעריש באַפאַלן און געשטאָכן.

און דער פּראָפעסאָר האָט נאָך מער מיטלייד באַקומען און האָט זיך פאַרשוואוירן ניט רוען, נישט מיד ווערן און צוריקשטעלן זיין ברודער, דעם קרבן, אויף די פיס. אַ ביטערער געראַנגל איז אָנגעגאַנגען צווישן דעם פּראָפעסאָר און זיין געהילפן מיט דעם טויט אַרום דעם חולה איציע שול־מאַן, וועלכער איז אַלץ געלעגן פאַרטראָגן און אָן באַוואוסטזיין. דער טויט

האָט איינגעשטאָכן זיינע נעגל אינעם חולהס קערפּער און די צוויי האָבן זיי עקשנותדיק אַרויסגעצויגן נאָגל נאָך נאָגל.

דער קאַמף איז פאַרגעקומען שטיל, פאַרביסן, מיט פיל געדולד, אַז האָט זיך געדוכט, אַז ער, דער אייביקער מנצח אינעם ווייסן ליילעך, האָט שוין אויסגעשפּרייט זיין ממשלה איבער דעם חולה, האַלט אים שוין פעסט אין זיינע קנאָכיקע לאַפּעס, איציעס פּנים פלעגט דעמאָלט באַדעקט ווערן מיט אַ געל-בלייך טויט היטל, קוים וואָס דער פּראָפעסאָר האָט געהערט דעם שלאָג פון זיין האַרצן, זיינע לונגען האָבן נאָר אַף האַלב אַריינגעצויגן די לופט, גלייך ווי אַ זייגער וואָס האַלט באַם אָפּשטעלן זיך און גיט נאָך זיינע לעצטע לאַנגזאַמע קלאַפּעלעך.

דעמאָלט פלעגט פרוי לאָלאַ פאַרביסן די ליפּן ביז בלוט, מיט די הענט האַלטן דעם גוסס פאַרן דאָקטאָר צו דער אַרבעט און מיט אירע אויגן אָנגעשטעלט אַף דעם מעדיצינער, גלייך זיי זאָלן שרייען זייער אויס-טערלישן געשריי אָן ווערטער: ראַטעוועט, ראַטעוועט!...

דער פּראָפעסאָר, געל פון אויפרעגונג, כמעט ווי זיין פּאַציענט, האָט זיך באַוועגט גיך, פלינק, ווי אַ אינגל, נישט פאַר זיינע זעכציק יאָר, האָט געשטעלט איין נאָדל, אַ צווייטע, געקרעפּטיקט דאָס האַרץ, געמאַכט אים קינסטלעך אָטעמען, לייכט איינגעריבן אים די הענט, ביז ער האָט אים אַרויסגעראַטעוועט און ווידער געהערט זיין פיבערדיקן אָטעם.

און אָט באַדעקט פלוצים דעם קראַנקנס פּנים אַ רויטע פאַרב, ער מאַכט אַ האַסטיקע באַוועגונג און לאָלאַ צעשטראַלט זיך פון שמחה... אָ, ער איז מיינער, צוריק מיין טייערער איסאַ... נאָר דער אַלטער מומחה טוט אַף איר אַ שטרענגן קוק און האַלט זי אָפּ: פרוי לאָלאַ, צו פרי אייער יובל! ס'איז אַ רעאַקציע פונעם קערפּער אין זיין געראַנגל פאַרן לעבן, נאָר די סכנה ווערט דערפון נישט געמינערט אַף אַ האָר. ביידע לאָזן דער-מאָלט אַרונטער די קעפּ און שווייגן געדולדיק. זיי טוען דאָס זייעריקע און וואַרטן.

אַפן צוועלפטן טאָג נאָך דער אָפּעראַציע און דעם פּופצנטן נאָכן אי-בערפאַל, איז קלאָר געוואָרן, אַז זייער אָנשטרענגונג איז נישט געווען אומ-זיסט. געווען איז אַ גאַנץ פרי. די סוף זומער-זון האָט מילד אַריינגע-שטראַלט אינעם קראַנקן-צימער און ביידע, פרוי לאָלאַ און פּראָפעסאָר

האַלפּערן, זיינען געווען מיד פון דער נאַכט. צוויי מאָל האָט זיך זיי גע־דאַכט, אַז דער קראַנקער שטאַרבט אַוועק אַף זייערע הענט. און ביידע מאָל האָבן זיי מיט איבערמענטשלעכע און פּראָפעסיאָנעלע אָנשטרענגונ־גען אים געראַטעוועט. דער דינער האָט געבראַכט שוואַרצע קאַווע זיי צו דערפרישן און פאַרטרייבן די מידקייט. ביידע האָבן זיך נאָך געריבן די אויגן, ערשט איציע האָט זיך אַ ריר געטון. דער פּראָפעסאָר האָט אַוועק־געשטעלט די קאַווע און איז צו צום חולה. דער פּולס האָט געשלאָגן עט־וואָס זיכערער. דער דאָקטאָר האָט אַ קוק געטון אַפן זייגער און גענומען שטעלן די סערום־נאָדל פון אַלע פרימאָרגן. און בשעת ער האָט פלינק שנעטאָכן די לאַנגע גראָבע נאָדל אין איציעס פיס־מוסקלען, האָט יענער געמאַכט אַ גרימאַסע פון ווייטיק און שוואַך אַרויסגעקרעכצט:

— אוי! אוי!

דעמאָלט ערשט איז דער פּראָפעסאָר רויט געוואָרן פאַר פרייד און איבעראַשנדיקער שמחה. ער האָט מיטאַמאָל אַרויסגעצויגן אַף זיך די פּראָפעסאָרישע ערנסטקייט און זיך פייערלעך געווענדעט צו זיין יונגער געהילפן:

— פּרוי לאָלאַ אַנטשאַרענאַ דע שולמאַן, איך באַגריס אייך. אייער מאַן איז געראַטעוועט, ער וועט שוין זיין געזונט.

ערשט איצט האָט לאָלאַ געוויינט, נאָך אַזאַ צייט פאַרביטערונג. צווישן כליפּ און כליפּ, האָט זי זיך אַליין נאָכגעפרעגט צי האָט ער חלילה ניט קיין טעות און צי איז ער זיכער, אַז די סכנה איז פאַרביי. און ערשט איצט איז זי אַוועקגעפאַלן ווי אַ סנאָפּ אַף איר געלעגער און איז אָפּגע־שלאָפן כמעט אַ מת־לעת, אַנזאָגנדיק אפריער דער ניאַ פּעטראָנאַ ווי אַזוי זי זאָל היטן דעם חולה מיט דער גאַנצער פּאַרזיכטיקייט און אויספילן פּינקטלעך דעם דאָקטאָרס אָנווייזונגען.

אַפן צווייטן טאָג איז לאָלאַ אויפגעשטאַנען פרי, האָט געהייסן אַ דינער אָנזאָגלען דעם מאַנס סאַינאָ, איז אַריין צום פאָטער און זיך גע־לאָשטשעט צו אים, אויסגעקושט די קינדער און איז אַריין צום מאַן, וועלכער האָט שוין שוואַך געשמייכלט ווען ער האָט זי דערזען.

לאָלאַ האָט אים געצערטלט גלייך זי זאָל זיך מיט אים געזעגענען אַף לאַנג. זי איז אויך אַריין צום פּראָפעסאָר און גענומען זיין האַנט.

טרערן פון דאַנקבאַרקייט האָבן געפינקלט אין אירע אויגן און ווערטער האָבן איר אויסגעפּעלט זיך אויסצודריקן. ער האָט זיך געחידושט:

— וואָס איז דאָס געאייל, סעניאָראַ? וואַרט, איך פאַרלאָז נאָך ניט אונדזער קראַנקן אַזוי גיך. זאָל ער פריער אַראָפּ פונעם בעט.

לאָלאַ האָט געשוויגן און זיך געזעגנט מיט אים.

זי האָט זיך אויסגעפּוצט אין איר שענסטן אַמאַזאָנקע־אַנצוג, האָט אָנגעלאָדן איר קליינעם, מיט זילבער באַדעקטן רעוואָלווער און שטיל, די היימישע זאָלן זיך ניט כאַפּן, אַרויסגעריטן פון דער עסטאַנסיאַ. זי האָט געוואָרפן אַ לעצטן בליק צוריק אַהיים און אַלע אירע טייערע זיינען פאַר־ביי איר געדאַנק. זיכער אָבער איז זי געווען, אַז דאָס וואָס זי גייט טון, מוז געטון ווערן, אַז איר בלוט וועט נישט רוען, ביז זי וועט נישט שטילן איר נקמה-געפיל. און איז אַוועקגעריטן אין וואַלד, אַהין קיין איסאַק־ווילליע.

וואָס מער זי האָט געטראַכט דערפון, אַלץ מער האָט עס אין איר געזאָטן: אַזאַ לייזיקער זאָל וואַגן באַפאַלן מיין מאַן! ער וועט מיר שוין באַצאָלן פאַר די טעג און נעכט אין אַנגסטן!... סיידן ער וועט צו די פיס מיר פאַלן און בעטן פאַרצייאונג... אַזוי איז זי געריטן אין וואַלד. די אַר־בעטער, וועלכע האָבן זי באַגעגנט, האָבן, פון געוואוינהייט, אַראָפּגענו־מען די קאַפּעלושן, זי באַגריסט און זי האָט פאַרביסן געריטן און גע־שוויגן.

אַזוי איז זי אַריינגעריטן אין שטעטל און זיך אָפּגעשטעלט לעבן דעם ראַזיר-הויז פון דעם קרומען דייטש.

גראַציעז איז זי אַראָפּגעשפּרונגען פונעם פערד און איז אַריין אי־נגעוויניק. אויסגעפּוצט אין אַ פיינעם רייט-אַנצוג, מיט איידעלע גלאַנציקע שטיוול, איז געזעסן דאָרט דער קאַסאַקער לאָפּעז און, ווייזט אויס, גע־האַלטן אין אַ וואַזשנעם שמועס מיט דעם דייטש.

דערזעענדיק לאָלאַן, איז דער קאַסאַקער לאָפּעז בלייך געוואָרן און זיך געוואָלט אָפּטראָגן.

לאָלאַ האָט אים פאַרשטעלט דעם וועג.

— זאָג, אַסעסינאָ, פאַרוואָס האָסטו געשטאָכן מיין מאַן אין וואַלד?

דער קאַסאַקער לאַפּעז האָט זיך אויסגעגלייכט און גדלותדיק גע-ענטפערט:

— ער איז אַ בודיאָ! אַ נמאוסער בודיאָ!

זי האָט אַפּירגענומען איר באַזילבערטן רעוואָלווער און אויסגע-שאָסן, צילנדיק אין קאָפּ.

דער קאַסאַקער לאַפּעז איז אַוועקגעפאַלן און אַפּילו קיין „איי" ניט אויסגעשריגן.

רואיק, מאַיעסטעטיש, איז זי אַרוים פונעם דייטשם ראַזיר-שטוב, איז צוריק אַרויף אָפן סאַינאַ, איז צוגעריטן צו דער דאָרטיקער קאָמיסאַ-ריע און איז אַריין אינעם קאַבינעט פונעם קאָמיסאַר.

— כ'האָב דערהרגעט דעם קאַסאַקן לאַפּעז — האָט זי אים גע-זאָגט — כ'האָב געטון גערעכטיקייט לויטן שטייגער פון די וועלאַסקעז, וואָרום דו האָסט נישט געטון לויטן געזעץ.

דעם קאָמיסאַר האָט זי געדוצט, ווי עס פּאַסט פאַר די וועלאַסקעז אי אַנטשאַרענאַ.

דער קאָמיסאַר האָט זיך פאַרלוירן און געשטאַמלט:

— איך האָב נישט געוואוסט ווער דער איבערפאַלער איז. אייער שליח האָט נישט איבערגעגעבן קיינע קלאָרע באַווייזן, אַז דאָס איז גע-ווען ער.

ער האָט נישט געוואוסט, דער קאָמיסאַר, וואָס צו טון מיט לאַלאַן, אַרעסטירן זי אָדער נישט אַרעסטירן. ער האָט מורא געהאַט פאַרמישט צו ווערן אינעם פּלאָנטער.

געוואוסט האָט ער ווער עס זיינען די וועלאַסקעז אי אַנטשאַרענאַ און האָט אָפּגעגעבן אַ לויב דער הייליקער בתולה, וואָס ער איז אַרויס אַ גאַנצער...

טעלעגראַמעס איבער טעלעגראַמעס זיינען געשיקט געוואָרן פונעם קאָמיסאַר אינעם דעפּאַרטאַמענט און פונעם דעפּאַרטאַמענט אין דער קרייז-שטאָט און אַן ענטפער איז געקומען ער זאָל זי, די טאָכטער פונעם עס-טאַנסיערא האַלטן אַרעסטירט אין דער „אָפּיסינאַ" מיט אַלע באַקוועמ-לעכקייטן, ביז אַ ווייטערדיקן באַפעל.

ווען דאַן סאַנטיאַגאָ איז געוואָר געוואָרן וואָס זיין טאָכטער האָט

אַפּגעטון, האָט ער אריינגעשמייכלט אין זיינע ווייסע וואָנצעס אריין: אוודאי, אַנדערש האָט ניט געקענט זיין, פאַראַן בלוט אין אונדזערע אָדערן און נישט קיין וואַסער. און ער איז אוועק קיין בוענאָס איירעס.

אויסגעפּוצט האָט ער זיך אינעם פראַק און צילינדער, זיך אָנגע־האָנגען אַלע מעדאַלן זיינע פון דער אַרמיי און מיט אַ טאַקסי פאַרפאָרן גלייך צו דער רעזידענץ פונעם וויצע-פּרעזידענט דאָן כּאָאַקין כיימע ראָד-ריגעז קאַסטעלי.

ביידע אַלטיטשקעס האָבן זיך שטאַרק דערפרייט באַם באַגעגעניש. זיך אַזוי פיל יאָרן נישט געזען. איינער האָט דעם צווייטן באַטראַכט און זיך געחידושט:

— איי, איי, ווי אַלט! אַ סך יאָרן אַריבער, אַ, סאַנטיאַגאָ! נאָך פון דער עקספּעדיציע אין דרום זיך נישט געזען! וואָס-זשע טוסטו הי? ווי קומט עס זאָלסט פאַרלאָזן דיין נעסט אין די אַנדן, אַ סאַנטיאַגאָ?

— הער מיך אויס, כיימע, איך וויל פון דיר אַ טובה. מיין טאָכטער האָט געהרגעט איינעם אַ מעסער-העלד, דאָרט אין מיין נעגנט און זי איז אַרעסטירט. טו אַ טובה, באַפריי זי!

— איי, איי, — האָט דער וויצע געקרעכצט. — די וועלאַסקעז האָבן היים בלוט. אַלע זיינט איר אַזוינע! — און ער האָט גענומען דאָס טרייבל צום אינערן מיניסטער.

ארויסגעוויזן האָט זיך, אַז דער אינערן מיניסטער איז שוין אינ־פאָרמירט געוועזן פון דעם פאַל און האָט דערציילט דעם וויצע, אַז דער ענין איז זייער אַ פאַרפּלאָנטערטער. עס אינטערוועניערט דער דייטשער אַמ-באַסאַדאָר. ס'איז פאַרמישט אין דעם פאַל עפּעס אַ איד שולמאַן... הכלל, מען מוז זיין פאָרזיכטיק.

דער וויצע האָט אויסגעצויגן זיין פּנים פול מיט חידוש און שטוי־נען: — דער דייטשער אַמבאַסאַדאָר? — האָט ער געהוסט און גערעדט אין טרייבל — אומעטום מישט ער זיך. וואָס איז זיין עסק? דער גע-הרגעטער איז דען אַ דייטש?

— ניין, אייער עקסעלענץ, — האָט דער אינערן מיניסטער גע־זאָגט. נאָר דער מאָרד איז פאָרגעקומען באַ אַ דייטש אין געשעפט. דער אַמבאַסאַדאָר האָט נעכטן באַזוכט דעם אויסערן מיניסטער און, ווי זיין

שטייגער, אַביסל חוצפּהדיק געפּאָדערט שטרענגע באַהאַנדלונג פאַר דער מערדערן. דער אויסערן מיניסטער, דאָן פעליקס, האָט מיר געבעטן מע־לעפאָניש עס זאָל אין דעם זינען געהאַנדלט ווערן.

— בע־בע־בע — האָט דער אַלטיטשקער וויצע אַריינגעלאַכט אינעם טרייבל. — ער דערשרעקט זיך באַלד, דאָן פעליקס, ווייסעך וואָס, מיר האָבן ווייניק וואָס מורא פאַר אים!... הערט, דאָן כואַן, דאָס מיידל איז מיינע אַ קרובה, איך בין אויך איר טויף־פּאַטער, זי איז פון די וועלאַס־קעז. דערצו איז דער דערהרגעטער געווען אַן אונטערוועלט־מענטש, אַ מע־סערהעלד, טוט ווי איר פאַרשטייט און באַפרייט זי. איך וועל שוין אי־בעריידן מיט דאָן פעליקס און אים באַרואיקן.

— אָ, אַזוי! — האָט יענער זיך געחידושט דורכן טעלעפאָן. — די וועלאַסקעז! ווי זשע קומט אינמיטן אַ איד?

— קיין דעטאַלן ווייס איך ניט. — האָט דער וויצע געענטפערט. — נאָר טוט אַ טובה און אָרדנט איין איר באַפרייאונג.

יענער האָט נאָך לאַנג געברומט אינעם טרייבל פון פאַרלעגנהייט, און דאָך צוגעזאָגט.

אוועקגעלייגט דאָס טרייבל האָט דאָן כיימע געפרעגט זיין יוגנט־חבר ווער ס'איז דער איד, וואָס איז פאַרמישט אין דעם פּלאָנטער.

דאָן סאַנטיאַגאָ האָט אומבאַקוועם געענטפערט:

— דער איד שולמאַן איז מיין איידעם און דער פאַרשווין לאָפּעז איז אים פאַרעטעריש באַפאַלן אין וואַלד און געשטאָכן.

ערשט איצט האָט זיך דעם אַלטיטשקן וויצעס פּנים פאַרוואַנדלט אין איין שטיק חידוש:

— אַ איד אַן איידעם בא די וועלאַסקעז? סאַנטיאַגאָ, וואָס טוט זיך מיט דיר?

דאָן סאַנטיאַגאָ האָט געשטאַמלט:

— וואָס קאָן מען טון?... היינטיקע קינדער!... און איינגעשפּאַרט איז זי, ווי איר מוטער, די פאַרשטאָרבענע... ער איז גראָד אַ וואוילער בחור, איר מאַן...

— אַלע זיינען זיי וואוילע בחורים, נאָר הלוואי וואָלטן מיר זיי

נישט געקענט... מיר האָבן מיט זיי צו זינגען און צו זאָגן. — האָט זיין עקסעלענץ זיך געקלאָגט פאַר זיין חבר. — אַ גרויסע עוולה פון די פריער־דיקע רעגירונגען, וואָס האָבן דערלאָזט אונדזער לאַנד זאָל זיך אָנפילן מיט די אַ... — האָט ער זיך געקווענקלט זיי אָנצורופן מיט אַ זידל־נאָמען.
— מיט די אַ ברואים... אָנגעטריבן אַ פּלאָגע אויף אונדזער לאַנד און מיר, די איצטיקע רעגירונג מוז זיך האַלטן...

דאָן סאַנטיאַגאָ האָט נישט פאַרשטאַנען וואָס איז דער אומגליק מיט די אידן און האָט נאַיוו איבערגעפרעגט:

— וואָס איז מיט זיי דער מער, ביימיטאָ? וואָסער שלעכטס טוען זיי?

זיין עקסעלענץ, דאָן כּאָאַקין ביימע ראָדריגעז קאַסטעלי, האָט באַטראַכט זיין יונגן חבר ווי אַ ווילדן, ווי אַ פּראָווינציאַל, וואָס איז נישט באַקאַנט מיט די צייט־פראַגן:

— ביזט אַ רעכט ביסל אָפּגעשטאַנען אין וועלט אָנגעלעגנהייטן; — האָט ער זיין חבר אויסגעמוסרט.

אמת, פריינט, מיך אינטערעסירט וויניק פּאָליטיק; אָבער, זאָג מיר, וואָס פאַרט אַזוינס טוען די אידן שלעכטס, אַזש דו ביסט אַזוי פאַרדאגהט?

— וואָס הייסט „וואָס?" — האָט זיין פריינט זיך געהיצט און זיך געשטיקט פון אַסטמאַ. — אַלע האַנדלען זיי, מסחרן, מאַכן פאַבריקן און ווערן אָנגעשטאָפּט מיט געלט, אויף די פּלייצעס פון אונדזער אָרימען פאָלק...

— איך פאַרשטיי נאָך אַלץ נישט, ביימיטאָ, — האָט דאָן סאַנטיאַגאָ נאַיוו זיך געחידושט, — פון ווען אָן איז האַנדלען אַן אומגליק? און פאַבריקן? אדרבא, דאָס איז דאָך אַ ברכה פאַרן קינד! מיין איידעם האָט געשאַפן אין אונדזער ווינקל אַ פאַבריק, איז די געגנט אויפגעריכט געוואָרן.

— וואָס ווייסטו, סאַנטיאַגאָ טייערער, זיי זיינען אומעטום פול, אין אַלע קלובן, אין די אוניווערזיטעטן, אין די בראָדקעסטינגס, אין די רעדאַקציעס, זיי זויגן אויס דעם לעצטן סענט באַם אַרבעטער, זיי פאַרשפּרייטן קאָמוניזם און העצן די אַרבעטער קעגן די באַלעבאָטים, זיי, זיי,

— האָט ער נישט געוואוסט וואָס ווייטער אויסצורעכענען און האָט פאַר־ענדיקט: — אָט אַ פּלאָג און מען מוז דולדן און שווייגן.

דאָן סאַנטיאַגאָ האָט אַלץ נישט געוואוסט וואָס אַזוינס די אידן טוען שעדלעכעס, נאָר בכדי נישט צו קריגן זיך מיט זיין יוגנט־חבר, האָט ער איבערגעריסן דעם שמועס און זיך געזעגנט.

נאָך דעם זעלבן טאָג, פאַרנאַכט צו, ווען דאָן סאַנטיאַגאָ האָט גענו־מען די באַן אַף צוריק אהיים, האָט דער קאָמיסאַר פון איסאַקווילע באַ־קומען אַ געהיימען באַפעל פונעם דעפּאַרטאַמענט־דעלעגאַט: ארויסלאָזן אַ קלאַנג, אַז מען שיקט די אַרעסטירטע דאָניאַ לאָלאַ אין קרייז־שטאָט און באַנאַכט זי איבערפירן אין דער עסטאַנסיאַ, מיט דעם באַדינג זי זאָל פאַר־לאָזן די געגנט אַף אַ שטיק צייט.

גרויס איז געווען די פרייד אין דער עסטאַנסיאַ באַנאַכט בשעת מען האָט געבראַכט לאָליטאַן אהיים. איציע האָט זיך געפּיעשטשעט, מיט זיין קאָפּ אין אירע הענט:

— לאָליטאַ, מיין ווילדער מלאך, לאָליטאַ, ווי אַזוי האָסטו געקענט פאַרלאָזן די קינדער, מיך, און טון אַזוי?

— שווייג ליבער, איך וואָלט זיי אַלעמען אויסגעשאָסן ווי די שטשורעס. דו האָסט זיי געראַטעוועט פון הונגער אין צייט פון גרויסן קריזיס און זיי לאָזן זיך העצן פון דריי פיר פאַרקויפטע פעל.

ניאַ פּעטראָנאַ האָט זיך געצלמט און זי געקושט.

— פייגעלע מיינס, האָסט מיך געמאַכט פאַרגיסן פיל טרערן, איך האָב אַ נדר געטון ליכט אָנצינדן דער בתולה פון לוכאַן פאַר דיין באַ־פרייאונג.

דער אַלטער פּראָפעסאָר האָט מיט אַ ציטער געדריקט איר האַנט:

— אַזאַ צאַרטע פרוי, ווי איר, האָט באַוויזן אַזוי פיל מוט און גע־ווען אַזוי געוואַגט, געוואַגטער פון אַ מאַן! מיר, אידן, — האָט ער גע־דרייט מיט זיין פּראָפעסאָרישן קאָפּ, — האַלטן נישט דערפון. מיר הרגענען נישט.

לאָלאַ האָט געשמייכלט:

— און מיט אַ רוצח, וואָס וואָלט איר געטון?

— מילא, איך וואָלט אים געלאָזט ארעסטירן.

— נו, און אז דער קאָמיסאַר האָט אים נישט ארעסטירט, וואָס וואָלט איר מיט אים געטון? — האָט זי איבערגעפרעגט שוין מיט אַ טאָן פון אויפרעגונג, — וואָלט איר אים געלאָזט זיך ארומשפּאַצירן פריי און זיך באַרימען מיט זיין טאַט, אַז ער האָט געשטאָכן אַ אידן? באַ מיר נישט! — האָט זי אויסגעשריגן און אַ פייערל האָט אַ גלאַנץ געטון באַ איר אין די אויגן, אַט לאָזט זי און זי וועט אים ווידער צילעווען גלייך אין קאָפּ...

ביסלעכווייז האָט איציעס אַטלעטישער קערפּער צוריקגעוואונען זיין קראַפט, גובר זייענדיק אַלע שטערונגען. לויט איציעס מיינונג, איז באַשלאָסן געוואָרן זיי זאָלן זיך באַזעצן אין דער הויפּטשטאָט, וואו סיי ער און סיי לאָליטאַ וועלן זיך אָפּרוען גייסטיק פון די לעצטע געשעענישן און פאַרגעסן אָן זיי.

שווער איז אָנגעקומען לאָלאַן דאָס שיידן זיך מיט דער עסטאַנסיאַ און מיט לאַ קרוז.

פינצטער און רוגזדיק איז געווען די נאַכט ווען איר אַלטער פאָטער האָט זי געפירט אין זיין אויטאָ צו אַ ווייטער באַן־סטאַנציע, וואו קיינער קען זי נישט און וועט לאָליטאַן נישט דערקענען. דאָך האָט זי אַלע ווײַלע דורכן הינטער־פענצטערל זיך אומגעקוקט נאָכאַמאָל און נאָכאַמאָל אין יענער ריכטונג. איר איז אין דער געגנט באַקאַנט געווען און ליב געווען יעדעס בערגל, יעדער שטיין. זי פלעגט דאָ אין די געגנטן יעדן טאָג ארומגאַלאָפּירן אָף איר „אָווערא״ מיידלווייז און יעדן מאָל אַפּסניי געגאָסן פון זייער אימפּאָזאַנץ, פון זייער שטומער רעדעוודיקייט. אַט איז „דער שטיוול״, האָט זי אין דער פינצטער דערקענט און אָנגערופן די פאַרשידן געפורעמטע בערג באַ זייערע אויסטערלישע נעמען און געמאַכט צו זיי מיט דער האַנט צום געזעגענען ווי צו אַלטע נאָענטע באַקאַנטע.

אַ, אין יענע צייטן, ווען זי איז דאָ געפלויגן ווי אַ וויכער אָף איר אָווערא, האָט זי וועגן אַ מאַן געהאַט אַ פאַרנעפּלטע פאָרשטעלונג. זי פלעגט גלוסטן און צוגלייך זיך שרעקן פאַר דעם באַגריף. איר פלעגט זיך דאַכטן, אַז אויב דער מאַן, וועלכן זי וועט ליבן, וועט זי חלילה מיט עפּעס באַליידיקן, אָדער זיך רעכענען מיט איר נישט ווי אַ גלייכער מיט אַ גלייכן,

וועט זי זיך מיט אים שלאָגן, מיט רעוואָלווערן אפילו שלאָגן... הײנט ווייסט זי שוין וואָס עס באַדייט אַ מאַן! און זי טוליעט זיך אין איר מאַן פרוויאיש איבערגעגעבן, אָט גלייך זי וואָלט אינגאַנצן געוואָלט אַריין אין אים און דאָרט זיך באַהאַלטן... דאָס איז געווען איר איסאַ. טעג און נעכט האָט זי זיך געראַנגלט מיט דעם טויט און אים פון זיינע נעגל ארויס־געריסן. מעג זי זיך פאַרגינען אין אים זיך צו באַהאַלטן.

אויך איציע איז פאַרטראַכט און עטוואָס סענטימענטאַל. מיט ניין יאָר צוריק איז ער אין דער געגנט צופעליק אַריינגעפאַלן, עלנט און אָן אַ סענט, אָן אַ שטיקל ברויט, אין מיטן דער נאַכט. די פינצטערע נאַכט האָט זיך געררוקט אויף אים מיט שאָטנס און הונגער. הײנט פאָרט ער ארויס פונדאַנען אין אַ לוקסוסדיקן הודזאָן, מיט אַ ליבער פרוי און מיט צוויי טייערע קינדערלעך אין דער עסטאַנסיאַ און רייך איז ער, נישט אויסצו־רעכענען אפן זכרון זיין רייכטום. נאָר דעמאָלט, ווען די מענטשן אין וואַלד האָבן אים אויפגענומען אַ הונגעריקן, אַ היימלאָזן, האָבן זיי אים אַלע באַהאַנדלט ווי אַ ברודער, ווי אַ גלייכן, אים ליב געהאַט, גאַנצע נעכט פאַרבראַכט צוזאַמען מיט אים אין שענקל באַם טרוקאָ-שפּיל, הײנט, מוז ער פאַרלאָזן די געגנט אונטער דער שוץ פון דער נאַכט-פינצטערניש... און פאַרוואָס? האָט ער זיי אין עפּעס פאַראַטן? האָט ער זיי שלעכט באַ־האַנדלט?...

צוריק מיט אַ פּאָר יאָר — האָט ער ווייטער געטראַכט — איידער די כנופיה רשעים איז געקומען אין דער געגנט, איז ער געווען „אונדזער רוסיטאָ”, דאָן איסאַ, הײנט, ווען די אַרבעטער באַגעגענען אים, פּינקלען באַ זיי די אויגן מיט שנאה; „על כודיאָ” הייסט ער באַ זיי. איז עס אַ פאַרברעכן געבוירן צו ווערן אַ איד? אַ פאַרברעכן, פון וועלכן עס איז אומעגלעך זיך אויסצוקויפן מיט קיין שום מעשים טובים?...

...כמאַרעס, שווערע כמאַרעס רוקן זיך אָן אויף די אידן, ווער ווייסט וואָס סע וועט זיין מיט די אידן פונעם אַמעריקאַנער קאָנטינענט. וועלן די כמאַרעס זיי אויסמיידן? ווער ווייסט? דעם שונאס האַנט איז שטאַרק, זיינע מיטלען זיינען אומגעהייער, ער פאַרזייעט און שפּייט מיט שנאה און גאַל אומעטום, צווישן אַלע פעלקער... פעלקער זיינען לייכטגלויביק, פעל־קער לאָזן זיך גרינג אָנרייצן... עס זיינען נישטאָ קיין קעגנמיטלען און עס איז נישטאָ קיין אָפּוועך...

...אמת — האָט איציע געטראַכט — דער שד מיט די קליינע וואָנ־צעלעך האָט אַנדערש וואָס אינזינען; ער מיינט נישט די פּאָר מיליאָן אידן אַף דער וועלט, מיט זיי, מיט די אידן פאַרעדט ער די ציין, פאַר־בלענדט ער די אויגן סיי די פעלקער, סיי די טשעמבערליינס מיט די דאַ־לאַדיעס, מיינען מיינט ער די גאַנצע וועלט פאַר זיין גערמאַנישן טרעל־בויך וועגן, אַלע פעלקער פאַרשקלאַפן: „היינט האָבן מיר דייטשלאַנד, מאָרגן די גאַנצע וועלט". דאָס איז דאָס ליד פון די נאַציס און זייער לאָזונג...

אַזעלכע זיינען געווען איציעס ביטערע מחשבות בשעת זיין שווער האָט אים געפירט אין זיין אויטאָ צום צוג אין אַ רעגנדיקער נאַכט.

> טאַך-טאַראַראַך, טאַך־טאַראַראַך, קלאַפּט דער צוג אויס אינמיטן דער נאַכט, הערן הערט מען אין דעם קלאַפּן אַלץ וואָס איינער טראַכט אין אַלע שפּראַכן. וואָס איינער טראַכט, דאָס הערט ער פּינקטלעך אויסקלאַפּן. דער צוג נעמט אָנטייל אין אַלע זיינע רעיונות, אין אַלע געדאַנקענישן... ביזט אַ אידדך, ביזט אַ אידדך און ביזט אַ אידדך! היפּער העפלעך, מוזט זיין צו יעדן מיטפּאָרער און דאָס אידישע געפּעל-שמייכעלע מוז זיין באַ יעדער געלעגנהייט אַף דיין פּנים... ביזט אַ אידדך, ביזט אַ אידדך... רעדט עמיצער אויס צו דיר אַ פּאָר ליבלעכע ווערטער, טוט ער זיך אַ גרויסע טובה און ער איז שוין גערעכט וועלכע נאַרישקייט ער זאָל ניט זאָגן... ביזטט אַ אידדך, ביזטט אַ אידדך... און הערסט מיטפּאָרער ריידן וועגן אידן און געוויינ־לעך, נישט צום גוטן, גראָב איין דיין פּנים אין צייטונג אָדער אין טעלער און מאַך דיך נישט זעענדיק און נישט הערנדיק, וואָרום מיט אַ וועלט מענטשן קען מען זיך נישט אויסקריגן און אוודאי נישט אויסשלאָגן...

איציע מיט זיין פרוי זיינען געזעסן אינעם עס-זאַל פון דער באַן און צו זייער טיש האָט דער קעלנער צוגעזעצט צוויי הערן. האָט מען צוזאַמען געפרישטיקט, געלייענט צייטונגען און געבלוידערט. פול זיינען געווען די צייטונגען מיט דעם רשעס בילדער, גאַנצע שפּאַלטן האָט פאַר־נומען זיין רעדע, „די יודען, די יודען"... די פנימער באַ זיינע שכנים

זייענ געווען ערנסט, איינער האָט אזש מיט כעס אוועקגעלייגט די צײַ-טונג, און אויפגעבראַכטער ביז גאָר :

— אַ מיאוסע צרעת אָט די כודיאָס און די וועלט וואַרגט זיך מיט זײ און קען זײ נישט פּטור ווערן... דערצו זאָגט מען, אַז בײַ אונדז איז אַ פאַרפּלייצונג פון דעם מין, מען זאָגט אַ גאַנצער מיליאָן און אפשר מער...

דער צווייטער האָט אויך אוועקגעלייגט די צייטונג:

— זאָגן, אַז מען דאַרף זײ בײַ אונדז דאָ האָבן, איז דאָך איבע-ריק, גאָר דער היטלער דאָרטן זאָלצט שטאַרק איבער... אָט דער כיטראָק פירט אַלע פּאָליטיקער בײַ דער נאָז... ער שרייט אידן און פאַרכאַפּט די רײַן-פּראָווינצן בײַ די פראַנצויזן, ער דראָעט ווידער אידן און פאַרכאַפּט עסטרייך... יעדער מאָל ווען ער וויל פאַרכאַפּן אַ לאַנד, שרייט ער אין זיינע רעדעס וועגן אידן, אַז זײ פּראָוואָצירן צו מלחמה, אַז זײ העצן די פעלקער... זעען זײ נישט, די יאָלדן אין אייראָפּע, אַז ער גרייט זיך פיבערהאַפטיק צום קריג ?...

איציע האָט זיך באמת צו זיין ווי ווייט מעגלעך איינגעהאַלטן אין זיינע אויסדריקן, כאָטשע אין די שלייפן האָט אים געזעצט דאָס בלוט פון אויפרעגונג. ער האָט זיך געווענדעט צום צווייטן מיטרייזנדן :

— אפשר קענט איר מיר זאָגן פאַרוואָס אידן זיינען נישט ווינטשנס-ווערט אין אַרגענטינע, ווי איר זאָגט !

— אַרגענטינע — האָט יענער ווי איינגעטייטשט מיט אים — איז אַ לאַנד פון אַגריקולטור, פון פיצוכט, זײ קומען אָבער אהער נאָר מסחרן און דערצו ווייט נישט ערלעך. עס זיינען בײַ זײ אַלע מיטלען כשר, אַבי מאַכן געלט. אַלע מאַטראַסן פונעם ענגלישן פלאָט — האָט ער צוגעגעבן מיט אַ געשמאַקן געלעכטער — יאָגן אַרום אין די צעבראָכענע פּאָרדן אי-בער אַרגענטינער ישובים און פאַרקויפן פּאַפּירענע קאָרטלעך פאַר קאַ-זימירן, אַריינגעפירטע מיט קאָנטראַבאַנד. און די אַלע מאַטראָסן זיינען פּשוטע רוסאָס אָדער כודיאָס. נו, ווער דאַרף זײ נויטיק ?

איציע האָט געקרעכצט :

— שווער פאַר אַ גאַנץ פאָלק רק זיך פאַרענטפערן תמיד און דערצו ווען לגבי אים הערשן פאָרורטיילן. דערצו ווען מעכטיקע שרייער הילכן

איבער אַלע לענדער און פאַרשפּרייטן גיפט וועגן אים. זאָגט מיר אָבער, פאַרוואָס ווייסט איר גראָד צו דערציילן אַלדאָס בייז וועגן אידן און איר האָט נישט קיין אַנונג וועגן זייערע אויפטועןן לטובת דעם לאַנד? ווייסט איר וויפל אינדוסטריען אידן האָבן אַטוויקלט און אויפגעבויט אין לאַנד? ווייסט איר, אַז די גאַנצע טריקאָטאַזש-אינדוסטריע אין אַרגענטינע, איז אַנטשטאַנען אַ דאַנק אידן? פּויליש-אידישע יונגעלייט, ספּעציעל די לאָדזשער און ביאַליסטאָקער וועבער, קומענדיק אַהער, פלעגן זיך איינשפּאַנען מיט ווייב און קינדער אַכצן שעה אין מעת-לעת אַף פּרימיטיווע שלעכט-געמאַכטע שטולן און אַזוי אָוועקפּטרן זייער געזונט און יאָרן, נאָר פאַרוואַנדלט אַרגענטינע אין אַן עקספּאָרט צענטער פון טריקאָטאַזש ערשטן גראַד? היינט, ווען זיי פאַרמאָגן אייגענע פאַבריקן מיט מאָדערנע מאַשינען, שרייט מען: קוקט, די „כודיאָס" זיינען רייך געוואָרן! דאָס זעלבע מיט דער אינדוסטריע פון פאַרטיקע קליידער, פון מעבל, פון מעטאַל-אויסאַרבעטונגען!... אַלע אידן זיינען קרעמער, זאָגט איר! נאָט מיינער, ווי מענטשן זיינען בלינד אָדער ווילן זיין בלינד! גאַנצע געגנטן אין דער הויפּטשטאָט זיינען באַזעצט פון אַ אידישן פּראָלעטאַריאַט, וואָס איז באַשעפטיקט בא די דערמאָנטע באַשעפטיקונגען: סטאָליאַרעס, שניידער, לעדער-אויסאַרבעטער, וועבער... זיי זעט איר נישט, פאַר זיי זיינט איר בלינד, איר זעט נאָר די פּאָר אָרעמע טיפּוואָלים, וואָס יאָגן זיך אַרום אַף די צעפּאָרענע פאָרדן און ווי אַלע פון דעם מין, פּטרן זיי זייערע פאַרדינסטן אַזוי גיך ווי זיי באַקומען זיי... ווייסט איר, אַז ביז איך בין געקומען צו דער אונטער די אַנדן-געגנט, האָבן דאָרט קרעאָלן געלעבט אין פּרעהיסטאָרישע וואוינונגען און זיך דערנערט מיט הוילער מאַטע אָפּטמאָל פון ווילדגראָז און היינט עסן זיי פלייש צו זעט און האָבן אויסגעבויט שטיבער אַ דאַנק מיר דעם איד!... שפּעטער האָבן זיי דאָס אַלץ פאַרגעסן און איך בין פאַר זיי געוואָרן דער כודיאָ. און דאָס אַלץ איבער אַ פּאָר אונטערוועלט פאַרשוינען, וועלכע האָבן זיי געהעצט... דאָס אַלעס זעט איר נישט און איר ווייסט נישט!...

לאַלאָ האָט איציען באַרויקט און אים איינגעשטילט ווי אַ קינד און זיי האָבן זיך צוריקגעצויגן אין זייער קופּע און ווידער האָט דער צוג געקלאַפּט און זיך געריצט מיט אים...

אידדד איזז אידדד, שלעכט איז שלעכט.

די פאמיליע שולמאן האט זיך באזעצט אין דער שטילער און רײ־כער געגנט רעקאלעטא. נעשאסן האט מען אף אזא אופן צווי האזן: פרוי לאלא האט אין דער געגנט נעהאט די גרוים פארצווייגטע משפחות וועלאזקא און אנטשארענא און נאענט פון דארט איז דער צענטער אנסע מיט זיינע אידישע געשעפטן, קלובן, צייטונגען און מיט דעם גאנצן קהלשן קלאפערגעצייג.

איז איציע אין א שיינעם נאכמיטיק אריין אין א קאפע־הויז אף דער גאס קאריענטעס, געטרונקען א שווארצע קאווע און דורכן פענצטער באטראכט די באוועגונג אין גאס: אט שלעפט א דאר נידעריק אידל צוויי גרויסע זעק אף אן אמניבוס. דער קאנדוקטאר איז בייז און זידלט זיך. דאס אידל, ווייזט אוים, איילט זיך, ער מוז אהיימקומען צו דער צייט, הערט ער נישט דעם קאנדוקטאר און שטופט פארוים די פעק און נאך זיי דאס דארע נישטיקע גופל... א יונגערמאן שפאנט אינמיטן גאס, ארייננעטיפט דעם גאנצן קאפ אין א אידישער צייטונג און הינטער אים שרייט אן אויטאמאביל מיט באנומענע קולות... פעק אף פעק. מענער, פרויען און אפילו יונגע בחורימלעך, אלע טראגן פעק. מען איילט זיך צו די קאמוניקאציע ליניעס און פון זיי... א משוגענער דרייט זיך אום איבערן טראטואר הין און צוריק און רעדט צו זיך אליין און עס דאכט זיך, אז ער באוועגט זיך צום טאקט פון די איילנדיקע דורכגייער און לויפט אין זייער ריטם... א פרוי האט זיך פארטשעפעט אין א געזונטן ברייטן אידן און אירע פעק האבן זיך צעשאטן מיט רעש איבערן טראטואר. דורכגייער שטעלן זיך אפ, העלפן איר צונויפנעמען די זעקלעך און זי שרייט און שעלט אינעם אידן מיט קול־קולות...

פון ערגעץ איז אנגעקומען א לאסט־אויטא מיט א הויכריידער און מאכט אויסרופן. וואס נענטער ער קומט, אלץ העכער און שרייענדיקער זיינע ווערטער, וואס האבן גענומען בריען אונדזער איציען און אים גע־דריקט אונטערן הארצן און אינעם מוח, אזש די געהירן האבן בא אים געציטערט. א קלארער לאזונג מיט קלארע דיבורים:

„א טויט די אידן! די אלוועלטלעכע רויבער! מיר ווילן ניט קיין אידן אין אונדזער ארגענטינע! מיר ווילן אויסרייניקן ארגענטינע פון אידן! זאלן זיי זיך גיין, די שווינדלער!...

דורכגייער האָבן געעפנט מויל און אויערן. מען האָט זיך אָפּגע־שטעלט פון שטוינען און אויפרעגונג און מען איז באַלד ווידער געלאָפן. נאָר יעדער איינער האָט אַלע ווײַלע אויסגעדרייט דעם קאָפּ און נאָכגע־קוקט דעם לאַסט־אויטאָמאָביל מיט דעם הויכריידער, גלײַך אין דעם קליי־נעם וואָגן ליגט זייער גורל, גלײַך ער האָט דאָס רעכט זיי צו משפּטן אויף לעבן און טויט...

ווי גיך דער קאַמיאָן איז אַנגעפאָרן, אַזוי גיך איז ער פאַרשוואונדן און עולם האָט ווידער געיאָגט אינעם הו־האַ מיט די פּעק, ווי די מערעש־קעס, וואָס פאַרגעסן אין די טויזנטער סכנות און שמייען האַרעוועדיק.

איציע האָט זיך געחידושט: וואָס פאַר אַ כוח דאָס לעבן האָט צו יאָגן דעם מענטשן אין טאָג־טעגלעכן שפּאָן, ער זאָל ניט טראַכטן אין די געפאַרן, די פּריוואַטע און די אַלגעמיינע! אַ מאַנסטער־שפּין מיט קליי־נינקע וואָנצעס, האָט פאַרלייגט אַ נעץ אַרום אַ פאָלק. ער פאַרשפּרייט אין אַלע פיר זײַטן זיין פּלאַן להרוג ולאבוד, קיין שריד ופליט... אַ טייל פון דעם פאָלק איז שוין אין זיינע נעגל און ער באַלעקט זיך מיט זייער גע־שמאַק בלוט. זיין נעץ שפּרייט זיך און שפּרייט זיך דורך זיינע געהילפן. אָט זעט מען שוין זיין געוועב נאָענט, אָט הערט מען שוין זיין פרעסע־רישן זשומען... און די מענטשן דאָ, יאָגן, האַנדלען, מסחרן ווי תמיד...

אַ איד איז אַריין אין קאַפע־הויז, באַהאַנגען מיט פּעק, אַזש די אָדערן זיינען אים געשוואָלן און אַנגעלאָפן אויף די הענט, אַ פאַרמוחטער מיט אַ גליקלעכן שמייכל אויפן פּנים. איין גאָט ווייסט סאַרא גוטע גע־שעפטן ער האָט געמאַכט. זיינע האָר זיינען גרוי ווי אין די טיפע פופצי־קער, נאָר דאָס פּנים זעט אויך אַ סך יונגער.

די פאַרמוחטקייט און דאָס גליק־שמייכל אויף דעם אידנס פּנים האָבן איציען דענערווירט. אים האָט זיך געוואָלט צוגיין צו דעם אידן, אים אָנגע־מען אידישלעך באַם לאַץ און פרעגן: פעטער, וואָס איז מיט אייך די גדולה? פון אַ הויכריידער אין די גאַסן שרייט מען „אַ טויט די אידן!" און איר זענט געגעזן געוואָרן, אַ גוט געשעפט געמאַכט, אהָ?...

דער איד האָט באַשטעלט אַ „באַשניטענע" קאַווע, האָט אַרויסגענו־מען אַ ביכעלע מיט אַ בלײַשטיפט פון דער קעשענע און, צו איציעס שטוי־נען, זיך גענומען רעכענען זיינע מציאות. נאָר גיך האָט ער געשריבן אי־

דישע ווערטער אין דעם ביכעלע און אָנגעפּיקעוועט באַשר'יבענע בלעט־לעך.

דער קעלנער האָט געבראַכט די קאווע, האָט זי אוועקגעשטעלט אַפן טישל און דער איד, ניט ער זעט אים, ניט ער הערט אים, נאָר ער וואַרפט רק זיך גיך די ווערטער אינעם ביכעלע, פאַרזונקען אין אַ שטאַרקער באַגייסטערונג.

דעמאָלט ערשט האָט איציע פאַרשטאַנען, אַז אָט דער אידישער שרייבער, אַ באַלאָדענער מיט די קרעמערישע פּרנסה־פּעק, איז דאָס לעבן, וואָס גייט זיך זיין גאַנג און שרעקט זיך ניט און שרעקט זיך אוודאי ניט אָפּ פאַר קיין שום געפאַר.

...איז וואָס אויב אַ צוויי־דריי כוליגאַנעס מאַכן אויסגעשרייען בלוט־דורשטיקע? אין דר'ערד זיי מיטן קאָפּ? ! — האָט איציע זיך געזידלט אין אידיש און האָט באַשלאָסן ווידער איינשפּאַנען זיך אינעם לעבן, ווי יעדער פּשוטער איד.

אינזשעניער שטיינבאום האָט זיך כמעט ווי געבייזערט אַף איציען אין זיין קאַבינעט:

— וואָס קומט איר מיט פּלענער פון נייע טעקסטיל־פאַבריקן, אַז מיר שטייען קוים אויס דעם דרוק פון די ענגלישע שטאָפן אַף אונדזער מאַרק? ווען ניט אונדזער אויסערגעוויינלעכע פעסטע פּאָזיציע, וואָלטן מיר אונטערגעגאַנגען אָן אַ קרעכץ. אָט מיין געוועזענער שותּף, פּיאַמאָנטע, אים איז בעסער. ער האָט אָפּגעשטעלט די פאַבריק און לעבט אַ טאָג. ער דערלייגט ניט טאָג־טעגלעך קיין טויזנטער... און איר קומט מיט פּלענער פון נייע טעקסטיל־פאַבריקן!

— הערט, דאָן ענריקע! דער אשמדאי יאָגט די וועלט מיט גיגאַנ־טישע טריט צו מלחמה, און יעדער מעטער שטאָף, וואָס וועט אויסגעאַרבעט ווערן הי, וועט זיין אַ געווינס פאַרן לאַנד, יעדער שרייפעלע פון אַ מאַשין וועט זיין חשובער פון בריליאַנטן. איז אָט דערפאַר גראָד איצט ווען מען קריגט מאַשינען שפּאָט ביליק, די צייט צו פאַרלייגן אַ גראַנ־

דיעזע ברין־פאַבריק און נאָך איינע פון האַלץ־אויסאַרבעטונגען לעבן ב. איירעס, באַם לאַ פּלאַטאַ־טייך. אידישע יונגעלייט פון פּוילישע וועלדער זיינען שוין לאַנג אריינגעדרונגען אין דער טשאַקאָ־געגנט, וואָס איז באַדעקט מיט געדיכטע וועלדער. זיי האָבן שוין אוועקגעשטעלט די אַרטיקע איינוואוינער האַקן דיביימער, האָבן שוין אַפילו אויפגעשטעלט דאָרט טאַרטאַקן און שניידן ברעטער און שיקן זיי מיט שלעפּ־שיפן קיין בוענאָס איירעס. דאָס איז דאָך דאָס ביליקסטע פּאַרקער־מיטל אַף דער גאַרער וועלט. איז אַט וועלן זיי אונדז פאַרזאָרגן מיט געהילץ, ביז מיר וועלן איינאָרדענען אין דער טשאַקאָ אונדזערע אייגענע העקערייען...

איציע האָט ארויפגעלייגט זיין האַנט אַפן אינזשעניערס אַקסל:

— מיר וועלן נאָך פאַבריצירן ברין פּיל ביליקער ווי די איטאַליענער און אַ סך אַ בעסערן. מיר האָבן איצט צו אונדזער דינסט הונדערטער אידיש־דייטשע כעמיקער און זיי וועלן שוין זען, אַז זיינע קאַלירן זאָלן ארויסקומען שיינע און זיכערע...

און ווידער איז אוועק באַ איצען אַ זודיקע טעטיקייט, לויט זיין גייסט, לויט זיין טעמפּעראַמענט. ער האָט יעדן טאָג מיטגעזונגען דאָס מענטשלעכע געזאַנג פון שאַפן.

רואיק פליסט דער טייך קאַפּיטאַן צווישן די ברעגן, באַוואַקסענע מיט הויכע ווערבעס, באַקרוינטע מיט אַראָפּגעהאַנגענע געדיכטע צווייגן. פּיל טייכלעך פאַלן אין אים אריין און אַלץ אַן רעש, אָן באַזונדערן זשום, גלאַט אַזוי, גייען מיר צוזאַמען, הייסט עס. אויך ער אַליין, קאַפּיטאַן פאַלט אַזוי רואיק אריין אינעם סאַרמיענטאָ, גלייך צוויי פרויען וואָלטן זיך צעקושט און געמיטלעך געפּלוידערט וועגן דאָס און יענץ...

די טייכן און קאַנאַלן פלעכטן זיך אין יענער געגנט, איינס אינעם צווייטן און בילדן אַלערליי אינדזלען און צעשניידן דאָס שטעטל טיגרע מיט וואַסער־גאַסן.

איציע שולמאַן, מיט זיין פּראַקטיק פון דער ערשטער פאַבריק פון האַלץ־אויסאַרבעטונגען, איז שוין איצט, באַ דער צווייטער, אַ גאַנצער

מומחה. ער האָט אַליין געמאַכט די פּלענער, אַליין געצייכנט אַנדערע, האָט אויסגעשריבן מאַשינען פון נאָרד־אַמעריקע און זיי אַליין איינגעשטעלט.

ווי סאָלדאַטן שטייען אין רייען די זעגן „סין־פין", גרייטע מיט זייערע שאַרפע ציין צום שניידן, טאַנצנדיק און מיט געזאַנג, די מגושמדיקע קלעצער. אירע טשוגונענע אויוונס וואַרטן מיט זייערע פּיסקעס איינצושלינגען ברען־שטאָף, בכדי צו לאָזן די מיוחסדיקע קעסלען אין זודיקן גאַנג. שלעפּ־שיפן מיט קלעצער, מיט געהאַקטן האָלץ, ציען זיך פון מיסיאָנעס, פון טשאַקאָ, פון קאָריענטעס, פון דער דעלטאַ לענגאויס דעם פּאַראַנאַ, אַריינ־צוקומען אין די זייטיקע טייכלעך און קאַנאַלן, ביז צום ברעג בא טיגרע, וואו עס הויבן זיך די פאַבריק־קוימענס. אויסגעלאָדן זייער משאה און אָנגעלאָדן מיט אַלערליי סחורות, שניידן זיי די שטילע וואַסערן קעגן דעם שטראָם, צוריק צו יענע מקומות.

לאָלאַ איז דערצאָרנט און אויפגערעגט. די גאַנצע כאַליאַסטרע קרו־בים און קרובהטעס, שוועסטערקינדער, סיי פון די וועלאַזקעס און סיי פון די אַנטשאָרענאַס, בלאָזן זיך לגבי איר, באַציען זיך צו איר מיט גרינג־שעצונג און ווידערווילן. פאַרגעסן זיך אָפּטמאָל זי צו פאַרבעטן ווידער־צוקומען און באַמיען זיך צו זיין מיט איר פון דערווייטנס. נאָר איינע פון זיי, די נאַרישע קאָקאָ גאָנסאַלעז, א האַלבע אידיאָטקע, האַלט זיך מיט איר נאָענט און דערציילט איר בסוד סודות: זיי דולדן דיך ניט איבער דיין מאַן דעם אידן...

קומט איציע אהיים און טרעפט זיין פרוי א באַליידיקטע אין איר שטאָלץ, א דערדריקטע פון ניט אויסגעלאָדענעם כעס און אויפרעגונג. איר ביטער האַרץ לאָזט זיך אויס צו די קינדער, צו דער דינסט און אפילו צו אים אַליין. מיט כעס און געשריי אַף איציען, שטעלט זי זיך אוועק טענהן:

— זייערע מענער זיינען לייטישע!... מיט זייערע אָרגיעס גאַנצע נעכט, מיט זייערע אַלערליי פאַרדאָרבנקייטן!... מיין מאַן — שרייט זי אַף איציען — מיין מאַן אַרבעט! זיין בעסטע צעשטרייאונג איז טעטי־קייט, פרוכטבאַרע שאַפונג פאַר זיך און פאַר יענעם!

און פרוי לאָלאַ וועלאַסקעז דע שולמאַן איז געבליבן אַליין אין אַזאַ גרויסער שטאָט, אַליין אָן געזעלשאַפט אין לאַנגן טאָג-טעגלעכן ליידיק־גייערייַ, אַפילו אָן איר געליבט פערד דורכגאַלאָפּירן זיך איבערן פרייען פעלד.

איציע האָט איר פאָרגעלייגט קומען אין אידישער געזעלשאַפט:

— אידישע פרויען וועלן דיך אויפנעמען ווי אַ שוועסטער. אדרבא, בא זיי וועסטו זיין אַ גרויסע מיוחסת און יעדע פון זיי וועט דיך וועלן פאַר איר אינטימער חברטע.

אין די וואַסערן פון גרויסן ים שווימט אַ שיף. זי וויגט זיך אָף די וואַסערן פון דעם אַטלאַנטישן אָקעאַן, צווישןביידע קאָנטינענטן און קיין שום האַפן וויל די ניט באַ זיך. לענדער, גרויסע, ווי די פאַרייניקטע שטאַטן, פיצינקעלעך, ווי אורוגוויי, וואָרענען אַפריער טעלעגראַפיש דעם קאַפּיטאַן: קום ניט אין אונדזערע האַפנס, מיר ווילן ניט דיינע פּאַסאַזשירן, מיר דאַרפן זיי ניט באַ אונדז...

די שיף איז אַ דייטשע, דער קאַפּיטאַן און די מאַנשאַפט — עכטע נאַציס. זיי דווקא זיינען אָנגעלייגטע געסט אָף דער גאָרער וועלט, נאָר די פּאַסאַזשירן, אָ, אַן אומגליק, פאַר די פּאַסאַזשירן איז קיין פּלאַץ ניט פאַראַן אָף דעם פרייען אַמע־ריקאַנער קאָנטינענט.

פאַרוואָס? אפשר האָט זיך אַ פעסט אַריינגעכאַפּט צווישן די רייזנדע? אפשר זיינען זיי אַלע אויסוואורפן? מענטשן, אָפּ־פאַל פון געזעלשאַפט, גנבים, גזלנים?

זיי זאָגן צו, צו זיין שטילער פון וואַסער און נידעריקער פון גראָז. זיי ווילן זיין פשוטע טאָג-אַרבעטער. זיי ווילן וואוי־נען אין פעלד און באַאַרבעטן די וויסטעסטע ערד, נאָר לאָזט

טרעטן זייערע פיס אַף יבשה! אידן? — אין ים אַריין, אין ים אַריין. ניטאָ קיין פּלאַץ פאַר אַזאַ אָנשיקעניש!

ניו־יאָרק האָט אָנגעשטעלט אַ פרום דעמאָקראַטיש פּנים, האָט שמן־זיתדיק פאַרגלאָצט מיט די אויגן: באַ מיר אַלע גלייך, געזעץ איז געזעץ, פאַר מיר אַלע גלייך, מען טאָר ניט, טאָר מען ניט! און האָט פאַרטריבן פון זיך די שיף מיט אידישע פּליטים.

איין קליניקייט: איין קאָנטינענט האָט זיי אַרויסגעוואָרפן און דער צווייטער וויל זיי ניט אַריינלאָזן.

אַלע האָבן זיי דווקא וויזעס, ווער קיין בראַזיל, ווער קיין קובאַ, ווער אין אַן אַנדער לאַנד. די וויזעס זיינען כשרע, פון עכטע קאָנסולאַטן פון יענע לענדער, באַצאָלטע מיט גרויסע סך־מען מזומנע דאָלאַרן. וויזעס, אָבער, האָבן אַ ווערט נאָר פאַר מענטשן און זיי, די וואַנדערער פון דער שיף „סאַן לואיס" זיינען אידן, אידן־פּליטים פון דייטשלאַנד.

ווער דאַרף אַזאַ אָנשיקעניש? דער ים איז גרויס און טיף, זאָלן זיי זיך טרינקען אין אים!

פאַראַן זיינען צווישן זיי זקנים און פּיצלעך קינדער. אין ים אַריין! אין ים אַריין!

פאַראַן זיינען צווישן זיי באַרימטע מעדיצינער און פילאָזאָפן. אידן? אין ים אַריין! זאָלן זיי זיך טרינקען!

האַוואַנאַ, וואָסער תירוץ זאָגסטו?

האַוואַנאַ ענטפערט גאַנץ פּשוט: איך דאַרף ניט קיין אימיגראַנטן!

און די נייעס־אַגענטורן צעפּויקן די נייעס איבער דער וועלט, די צייטונגען דרוקן זיי מיט פעטע קידוש־לבנה אותיות: „סאַנטאָ דאָמינגאָ לאָזט ניט אַריין די אידן פון „סאַן לואיס"!

מעקסיקע פאַרטרייבט די שיף מיט אידן! פּאַנאַמאַ וויל ניט די אידן!"

איז זי געשוואומען די שיף „סאַן לואיס" פון לאַנד צו לענדל, פון האַפן צו האַפן און געמוזט צוריקפירן זיי קיין אייראָפּע, וואו פראַנקרייך האָט זיי אַריינגעלאָזט אַף דערוויל.

נאָך „סאַן לואיס" האָבן זיך געיאָוועט אַלע מאָל אַנדערע שיפן מיט אַזעלכע פּאַסאַזשירן און מיט דעם זעלבן גורל.

איינע אַזאַ שיף מיט צוויי און דרייסיק אידן איז אַריין אינעם בוע-נאָס איירעסער האַפן, די אַרגענטינישע רעגירונג האָט אַרומגעשטעלט די שיף מיט אַ באַוואָפנטער וואַך, וואָס האָט שטרענג געהיט, אַז קיינער פון זיי זאָל חלילה ניט אַראָפּ אַפן ברעג.

אידן אין שטאָט זיינען אַרומגעלאָפן פון איין הויכער פּערזענלעכ-קייט צו אַ צווייטער, געבעטן רחמים זיי אַריינצולאָזן.

אומעטום האָט מען מיט האַלבע מיילער צוגעזאָגט און די שיף האָט דאָך געזאָלט אָפּפאָרן צוריק מיט די אומגליקלעכע צום רשע אין די לאַ-פּעס, פונוואַנען זיי זיינען קוים אַנטלאָפן.

זיינען אידן געשטאַנען פון וויטנס און געזען: האַרט צוגעדריקט צו די ווענט פון דער שיף, אויסגעצויגענע, געלע פּנימער, מיט אויגן אויס-געשטאַרצטע, וואָס בעטן. כאָטש לויף אַרום אין אַלע גאַסן און שריי:

— גוואַלד, יענע אויגן בעטן! מענטשן, גייט זעט ווי יענע אויגן בעטן!

און ס'האָט זיך געוואָלט אַ זאָג טון צו די טייערע מענטשעלעך אַף גאָטס וועלט: מילא, נו, זאָל שוין זיין וואָס סע וועט זיין מיט אָט די אידן, נאָר איין נחמה איז פאַראַן, פּגרן וועלן מיר אַלע און פון אונדזערע גופים, די קלוגעטשקע, וועט שטינקען אַלציינס, איד און ניט איד, אַלע גלייך.

די פּאַסאַזשירן האָבן געהאַט וויזעם קיין טשילע. יעדע וויזע האָט אָפּגעקאָסט טויזנטער דאָלאַר. און דאָך האָט טשילע טעלעגראַפיש גע-וואָרנט דעם קאַפּיטאַן נישט צו קומען אין אירע וואַסערן. יענע רעגירונג

האָט מאָביליזירט אַלע אירע קריגס־שיפן און טאָג ווי נאַכט געהיט דער אומגעוואונטשענער גאַסט זאָל זיך נישט דורכגנבענען.

אידישע פּערזענלעכקייטן און אָרגאַניזאַציעס האָבן געשיקט טעלעגראַמעס, איינע נאָך דער צווייטער קיין סאַנטיאַגאָ, געמאָנט יושר, געבעטן רחמים. סאַנטיאַגאָ האָט, אָפּן דרום־אַמעריקאַנישן שטייגער, פּאַטעטיש געענטפערט: מיר האָבן די לינקסטע רעגירונג פונעם גאַנצן אַמעריקאַנער קאָנטינענט, טאָרן מיר קיין אידן נישט אריינלאָזן... גענוג, הייסט עס, איז פּאַר אַ קלוגן אַ וואונק.

ביידע פאַמיליעס, פונעם אינזש. שטיינבאום און פון איצע שולמאַן, זיינען געקומען צום דריטן דאָק באַם האַפן. זיי זיינען געשטאַנען און באַטראַכט די זקנים און גרויע יונגעלייט אַף דער שיף, זייערע אָנגעגאָסענע אויגן יאוש, מיט טויט־שרעק און פאַרדרוס.

געשטאַנען זיינען זיי און אינערלעך געוויינט אַף דעם גורל פון די פּליטים, געקוקט און צוגעקלעפּט געוואָרן צו זייערע פּלעצער, ווי געליימטע, ניט אָוועקצוגיין, ניט צו בלייבן.

דאָניאַ לאָלאַ האָט געפילט, אַז זי וועט נישט אויסהאַלטן און וועט זיך צעכליפּען אינמיטן גאַס, האָט זי אַ ציי געטון איציען באַם אַרבל און באַפעלעריש, כמעט היסטעריש, אים געהייסן זי צופירן אַף אַן אַדרעס.

איציע האָט זיין פּרוי נישט פאַרשטאַנען, נאָר אויטאָמאַטיש האָט ער איר געפאָלגט און געיאָגט אינעם אויטאָ משוגענערווייז איבער בוענאָס איירעסער גאַסן און זיך אָפּגעשטעלט לעבן אַ לוקסוס־הויז אַף דער גאַס פון הייליקן גלויבן. דאָרט האָט געוואוינט דער בישאָף דע אַנדריני.

ער איז געוועזן אַ קינד פון פאָלק, דער בישאָף. זיין פאָטער איז געוועזן אַ פּשוטער בוי־אַרבעטער און זיין מוטער פלעגט טראָגן די פּעק געניי אין די געשעפטן צופוס. דאָס פּאָרפאָלק פון אַנדריני, יאָרנלאַנג אָן קינדער, האָט אַ נדר געטון, דאָס ערשטע קינד זייערס, אויב גאָט וועט זיי באַגליקן, לערנען פאַר אַ גייסטלעכן. און פרום האָבן זיי געהאַלטן זייער נדר. ביידע האָבן זיי געהאָרעוועט טאָג ווי נאַכט און אויסגעהאַלטן זייער כואַנסיטאָן אינעם סעמינאַריום. מיט אַ געציילטן סענט פלעגט ער דאָרט ליידן דחקות און אָפטמאָל מקנא געוועזן זיינע קאָלעגן, זין פון רייכע מיוחסדיקע עלטערן.

שוין אַלס קאַפּעלאַן פונעם קלויסטער סאַנטאַ ריטאַ, פלעגט ער תמיד איינזינגען האָבן זיינע אָרעמע ברידער און ווי ווייט מעגלעך זיי גע-האָלפן מיט וואָרט און טאַט. געווען איז ער אַן ענערגישער און טיכטי-קער גייסטלעכער און האָט געשמט פאַר אַן אויסגעצייכנטן רעדנער. אין די יאָרן פון קריזיס, פלעגט פאַטער דע אַנדריני דונערן פונעם אַלטאַר צו זיינע רייכע באַזוכער, וועלכע פלעגן אים קומען הערן פון אַלע געגנטן. ער פלעגט אַריינקריכן מיט זיין באַסאַוועו שטימע אין זייערע הערמעטיש צו-געמאַכטע קעשענעס און אַרויסרייסן פון דאָרט גאַנץ היבשע סומעס. ער האָט איינגעאָרדנט ווערקשטאַטן און ביליקע קיכן פאַר אַרבעטסלאָזע און דער שם פון זיינע מעשים האָט זיך דערטראָגן ביז רוים אינעם וואַטיקאַן. דאָרט האָט מען געוואוסט ווי אים אָפּצושאַצן און מען האָט אים גע-הויבן פון ראַנג צו ראַנג.

לאַלאַ פלעגט אים אָפט באַזוכן אין דער געזעלשאַפט פון איר מו-טערס שוועסטער.

און דאַניאַ לאַלאַ איז צוגעפאַלן מיט אַ ביטער געוויין צום באַ-רימטן פילאַנטראָפּישן גייסטלעכן, האָט געקנים פאַר אים ווי מען קניט בשעת דעם גאָטעס-דינסט:

— פאַטער, הייליקער פאָטער! זיינען שוין אויסגעשטאָרבן אַלע קריסטן אין אַרגענטינע? האָבן זיך אַלע פאַרוואַנדלט אין חיות צום פאָלק, וואָס האָט געבוירן גאָטס זון?

זי האָט געקלאָגט און געוויינט פאַר אים, האָט אים דערציילט, וואָס זי האָט געזען דאָרט באַם דריטן דאָק.

האָט דער ערלעכער מענטשלעכער בישאָף זיך אויסגעפוצט אין זיין גאַנצער גייסטלעכער טראַכט, האָט געגומען אין איין האַנט דעם בישאָף-שטעקן און אין דער צווייטער זיין גרויסן זילבערנעם צלם, און צוזאַמען מיט לאַלאַן, איז ער אין זיין פּריוואַטן אויטאָ אַוועק צום וויצע-פּרעזי-דענט, דאָן באַאַקין ביימע ראָדרינגעז קאַסטעלי.

זיין עקסעלענץ האָט דערזען דעם געהויבענעם גאַסט, האָט ער אים ליבלעך באַגריסט:

— גאָטס מיניסטער באַ מיר אין שטוב, איז אַ סימן ברכה.

נאָר דער אויפגערעגטער בישאָף האָט נישט געענטפערט אַף זיין ליבן שמייכל און נישט געזעצט זיך אַפילו אַף דעם שטול, וואָס יענער האָט אים אונטערגערוקט:

— איך קום אין אַ וויכטיקן שליחות אין גאָטס נאָמען, דאַן ביימע! דעם פויפסטס ברכה וועט פאַלן אַף דעם, וואָס וועט מיר העלפן אין מיין שליחות!

און מיט דעם גרויסן צלם אין דער האַנט, קעגן דעם וויצעם שונאים, האָט דער בישאָף דע אַנדריני געשילדערט די ליידן פון די צוויי און דריי־סיק אידן ביז זיי זיינען אַנטרונען פון דעם געצנדינערס לאַנד און זייערע ליידן אַף דער שיף, וואַנדערנדיק פון האַפן צו האַפן. ער האָט געוואָרנט שטרענג און ווי אַ נביא געדונערט:

— יענץ לאַנד וועט טייער באַצאָלן פאַר זיינע מעשים תעתועים און חורבן און גאָטס קללה וועט דאָס צעשטערן און צעשמעטערן און ס'וועט נישט בלייבן פון זיינע שטעט אַ שטיין אַף אַ שטיין! ווילט איר אויך אַף אונדזער אַרגענטינע ברענגען גאָטס צאָרן? איר ווילט גיין אין די דרכים פונעם אַנטיכריסט? — האָט ער געטייטלט מיט דעם גרויסן צלם דעם וויצע אין פנים.

דער וויצע האָט זיך דערשראָקן. פרום איבעראַשט, האָט ער געקושט דעם צלם און זיך פאַרענטפערט:

— אייער עמינענץ, איר ווייסט וואויל, דאָס איז נישט אין מיין קאָמפּעטענץ. דער פּרעזידענט האָט דערויף צו זאָגן.

דאָך האָט ער באַרואיקט דעם גייסטלעכן און צוגעזאָגט פועלן מען זאָל אַראָפּלאָזן די אידן.

ווידער איז איציעס אויטאָ געלאָפן איבער בוענאָס איירעסער גאַסן, געיאָגט זיך חסור־דעהדיק. דאָס מאָל מיט דער גוטער בשורה צו זיינע ברידער, אַז די צוויי און דרייסיק פאַרפייניקטע קרבנות וועלן אַראָפּגע־לאָזט אין לאַנד בשתיקה, נאָך אין דער זעלבער נאַכט.

פון מויל צו מויל איז אומגעגאַנגען די לעגענדע צווישן אידן אין בוענאָס איירעס וועגן דער נייער רות באַם אידישן פאָלק, וואָס ליידט און פילט זיין גורל...

דאָס שטילע, אַריסטאָקראַטישע געסל כונקאַל, אינעם שטאָט-פּערטל רעקאָלעטאַ, האָט מיטאַמאָל אויפגערודערט. קינדערשע קולכלעך און געשרייען האָבן אָנגעפולט די לופט. טייל קינדערלעך קלאַפּן מיט די הענטלעך אין די רענצלעך, אָנגעפּאַקטע מיט ביכער און העפטן, ווי אין פּויקן. בכדי עס זאָל אַרויסקומען נאָך עכטער, מאַכן זיי נאָך מיט די מײַלעכלעך: בום! בום! בום! טייל יאָגן זיך איינער דעם צווייטן, כאַפּן זיך און רײַסן זיך איינער דעם צווייטן, כאַפּן זיך און רײַסן זיך אויס, לאַכן און גיבן זיך פּעטשלעך. ניאַניעס לויפן נאָך, שרייען און בעטן זיך און קיינער פון דער חברה לייגט נישט קיין אַכט אויף זיי. זיי זײַנען ערשט אַרויס פון דער שול נאָך פיר שעה פאַרמאַכט זײַן, שפּרינגען זיי און טאַנצן ווי קליינע לאַשעקלעך, אַרויסגעלאָזטע אויף דער פרײַ.

פּלוצים איז געוואָרן אַ געלויף.

פון אַלע זײַטן זײַנען קינדער, גרויסע און קליינע, געלאָפן מיט אַ פרייד אין איין ריכטונג און געשריגן:

חברה, באַבענציעס! חברה, מען שלאָגט זיך! פּיעסטאַ!

און אפילו די וואָס האָבן זיך שוין געלאָזט גיין אַהיים, האָבן זיך ווידער אַרויסגעריסן פון די ניאַניעס הענט און געלאָפן אין יענער ריכטונג.

דאָרט זײַנען צוויי אַכטיעריקע בחורימלעך געשפּרונגען איינער קעגן צווייטן ווי צוויי הענער, זיך געזעצט מיט די פויסטלעך און זיך פּאַרטירדיקט ווי גרויסע באָקס-שלעגער.

דער העכערער, אַ פעסט געבויט אינגל, מיט קלוגע אידישע שטריכן, נאָר מיט אַ גלייכער קרעאָלישער נאָז, וואָס האָט אויסגעדריקט ווילדע, עקשנותדיקע רציחה, האָט געשלאָגן אָן רחמנות דעם צווייטן.

פון דער שול זײַנען געקומען צו לויפן דער דירעקטאָר און צוויי לערער זיי פאַנאַנדערצונעמען. נאָר דער בחור, נישט ער האָט זיי באַמערקט, נישט ער האָט זיי גענומען אין אַכט און רק זיך געריסן פאַרעקשנט אויף דורם צו זײַן.

— איך וועל אים ווייזן! — האָט ער יעדע ווײַלע געריטשעט.

לסוף האָבן די לערער זיי פאַנאַנדערגעריסן און אַרײַנגעפירט די שלעגער צוריק אין שול.

אױף אַלע פֿראַגן פֿונעם דירעקטאָר: — שולמאַן, פֿאַרװאָס האָסטו געשלאָגן פֿילעטין? — האָט שולמאַן פֿאַרביסן געשװיגן און דאָך גע- האָט פֿולע אָנגעגאָסענע אױגן מיט טרערן. מען האָט קלאָר געזען, אַז דאָס קינד האָט געליטן אַן אױסערגעװײנלעכע באַלײדיקונג און עס איז נאָך װײט נישט געשטילט זײַן אױפֿרעגונג.

דער דירעקטאָר, אַ הױכער און אַ שטרענגער, נאָר מיט אַ צערט- לעכער פֿאָטערלעכער שטים, האָט פּרובירט דערגײן מיט גוטן:

— זאָג מיר, שולמאַן, דעם אמת, פֿאַרװאָס האָסטו געשלאָגן פֿי- לעטין? אױב איך װעל אױסגעפֿינען גערעכט דײַן קלאָגע, װעל איך דיך נישט באַשטראָפֿן.

אַ קענער פֿון קינדערשע נשמות און פֿון יאָרן געװאױנט זיך צו באַנעמען מיט קלײנע חברה, האָט ער אָנגענומען דאָס אינגל בײַ דער האַנט, אים געגלעט און געפֿרעגט:

— ער האָט דיך באַלײדיקט?

ערשט איצט האָט דאָס אינגל זיך צעכליפּעט און צװישן שלוכצן און שלוכצן אױסדערצײלט:

— ער האָט מיר געזאָגט כּודיא אין קלאַס און האָט באַלײדיקט מײַן טאַטן. מײַן טאַטן האָט ער באַלײדיקט! — האָט דאָס קינד נאָכאַמאָל אונטערגעשטראָכן באַלײדיקט און זיך צעװײנט, שױן היסטעריש, אױפֿן קול.

— און דער לערער? — האָט דער דירעקטאָר איבערגעפֿרעגט. — דער לערער, װאָס האָט אים געזאָגט?

— דער לערער האָט געלאַכט און אַלע שילער מיט אים. — האָט דאָס קינד געיעכצט.

דער דירעקטאָר האָט נישט געװאוסט װאָס צו ענטפֿערן דעם קינד און האָט זיך געפֿילט שולדיק לגבי אים. איבער אַ סך פּאָליטישע טעמים, איז ער געװען אומעכטיק צו רעאַגירן און ער אַלײן האָט זיך ניט געקענט װערן קעגן אַ שטראָם, װאָס האָט געפֿלײצט פֿון אַלע זײַטן, אַ שטראָם פֿון שנאה און גיפֿט פֿון הונדערטער מיליאָנען מענטשן קעגן אַ פֿאָלק, אַ פֿעל- קעלע צעזײט און צעשפּרײט װי הילפֿלאָזע שאָף.

ער האָט באַפֿרײט דאָס קינד און אָנגעשריבן אַ בריװ צו זײַן פֿאָטער.

אַפן צווייטן טאָג האָט דער דירעקטאָר דאָך אַריינגערופן דעם לערער און איידל אים פאָרגעוואָרפן פאַר דערלאָזן צו אַזאַ אינצידענט.

— סעניאָר ראָדריגעז, — האָט ער אים געזאָגט, — אַזאַ האַנדלונג מינעוועט אונטער דעם פונדאַמענט פון דער שול און ברענגט אַריין אַ חילוק צווישן אַרגענטינער און אַרגענטינער באַ קינדער.

דער לערער ראָדריגעז, אַן אַדוואָקאַט פון פאַך, וואָס האָט זיך פונקט אַזוי ווייניק אויסגעצייכנט אין אַדוואָקאַטור ווי אין פעדאַגאָגיק, האָט תמיד געהאַט אַ ביטער האַרץ אַף אידן. אים פלעגט זיך דאַכטן, אַז ווען נישט די אידן כאַפּן אים אויס די בעסטע קליענטן, וואָלט ער רייך גע־וואָרן און באַרימט איבערן גאַנצן לאַנד; אַז נאָר זיי, די מחנות אידישע אַדוואָקאַטן, וואָס שטופּן זיך אַף כוח אומעטום, זיינען שולדיק וואָס זיין ביוראָ פוסטעוועט און ברענגט קנאַפּע הכנסה.

געשטאַנען איז ער איצט פאַרן דירעקטאָר און האָט זיך ווייניק וואָס געמאַכט פון אים. ער האָט געוואוסט, אַז הינטער זיך האָט ער מעכטיקע קרייזן באַשיצער און אַז נישט דער דירעקטאָר, נישט קיין שום אַנדערער, קאָן אים שאַדן. פריי האָט ער אָפּגעוועגדעט די באַשולדיקונג:

— ס'איז אַ ליגן! דער שולמאַן איז אַ ליגנער! ניט איך און ניט דער קלאַס האָט געלאַכט! איר קענט זיי נישט, דאָקטאָר בענאַווידעז, זיי זיינען אַלע ליגנער! אָט קומט אָקאָרשט אַריין אין קלאַס, וועלן מיר פרעגן די שילער, וועט איר אייך איבערצייגן!

און ווירקלעך, אַף דער פראַגע פונעם לערער: — „קינדער, נישט אמת, קיינער האָט נישט געלאַכט ווען פּילעטי האָט געזאָגט שולמאַנען כודיאָ?" — האָבן טייל קינדער געענטפערט: — „ניט געלאַכט!" און טייל האָבן פאַרבאַהאַלטן זייערע קעפּלעך, געהערט און געשוויגן.

נאָר דער דירעקטאָר, וואָס האָט זיך באַגעגנט מיט נאַטאַליאַ שול־מאַנס בליקן, האָט גוט געוואוסט, ווער דער ליגנער איז. און דאָך געמוזט שווייגן.

אַ בריוו פון דעם דירעקטאָר דר. בענאַווידעז צום הער איסאַק שולמאַן

„מיין הער! אין דער שול, וואָס טראָגט סאַרמיענטאָס נאָמען און פון וועלכער איך בין שוין זייט אכט יאָר דירעקטאָר, איז גע־שען אַן עוולה אייער קינד. איך האָב מיט אייך איינמאָל גערעדט און האָב מיר געגעבן רעכענונג וועגן אייער גראַד וויסן און וועגן אייער רעקטער פערזענלעכקייט. איז מסתמא ווייסט איר באַגלייך מיט מיר ווער סאַרמיענטאָ איז געווען און אַז אין אַ שול, וואָס טראָגט זיין נאָמען, וואָלט אַזאַ פאַל נישט באַדאַרפט פּאַרקומען. וואָלט דאָס געשען אין נאָרמאַלע צייטן, וואָלט איך מיט לאָקאַלע רעפּרעסיעס געמאַכט אַ סוף צו אַזאַ אינצידענט און וואָלט שטרענג פאַרזאָגט די שילער ווי די לערער און זיי איבערגעחזרט, אַז אַלע געבוירענע אויף אַרגענטינער באָדן, זיינען אַרגענטינער, אָן שום חי־לוק פון ראַסע אָדער רעליגיע, ווי אונדזער קאָנסטיטוציע שטעלט דאָס פעסט. איז אָבער אונדזער צייט אַן אומנאָרמאַלע...

איבער פיל עקאָנאָמישע און פּאָלימישע פאַקטאָרן, האָט זיך אַ מאַניע צעגאָסן איבער דער וועלט, ווי אַ לאַווע־שטראָם פון אַ וואולקאַן. מאַסן־פּסיכאָזן זיינען תמיד פאָרגעקומען אויף דער וועלט און זיי זיינען נישט קיין נייעס. אויך איצט, האָט אַן אידייע־פיקס

פון א דעגענערירטן מאניאק גיך געפונען אנהענגער איבער דער צעטרייסלטער וועלט און פארכאפט די מאסן פון פעלקער און לענדער. ס׳איז דאך פשוט צום לאכן: א וועלט פון הונדערטער מיליאנען מענטשן איז איבער איר לבענס-קאנסטרוקציע צעטרייסלט ביזן גרונט, קיין שום זאך איז ניט אף זיין פלאץ. מען פירט מלחמות און מען שעכט זיך קעגנזייטיק אויס. קומט א פסיכישער פענאמען און ווייזט אן: ווייסט איר ווער עס איז אין אלעם שולדיק? — די אידן! אז בסך הכל, זיינען זיי, די אמערסטן געיאגטע, צופרידן ווען מען לאזט זיי לעבן און אטעמען פריי! אז בסך הכל ליידן זיי מער ווי אלע פעלקער פון דעם וועלט-כאאס! און נאך זיינען זייערע קברים פון די פאגראמען סוף יענער וועלט-מלחמה, נישט פארוואקסן! אין אלץ זיינען שולדיק די אידן!... ווי אן עכטער גראבער יונג, מישט ער באלשעוויזם מיט קאפיטאליזם און טראגט אונטער דעם עולם די פארמישטע קאשע. און דאך האבן זיינע ווערטער פארכאפט די יוגנט פון פיל פעלקער...

אט דער משוגעת-שטראם האט, צום באדויערן, ניט אויסגעמיטן מיין ליב היימלאנד ארגענטינע. איז אט דער אינצידענט, א פארגעקומענער מיט אייער קינד אין מיין שול, אין קעגנווארט פון א לערער, א פארכאפטן פון יענעם שטראם, א קאנסעקווענץ פון דער וועלט-מאגיע. לוינט זיך לאקאל דערויף צו רעאגירן? העלפן קען א פארפלייצונג אויפצושטעלן א לאקאלע דאמבע?

אלס א זון פון אייער פאלק, מיט זיין דרייטויזנט-יעריקן אויסדויער, וועט איר, גלויב איך, סטאיש אויפנעמען דאס געשעענע און רואיק ווארטן דאס משוגעת זאל פארשווינדן צוזאמען מיט דעם משוגענעם אין בעסערע צייטן. כאטשע מיר דאכט זיך, אז יענער פירט די וועלט צו א שוידערלעכן קאטאקליזם, וואס וועט קאסטן מיליאנען לעבנס. נאר די וועלט וועט סוף-כל-סוף ארוים א גערעכ-

טע. אַן אָפּגעשוואַכטע, מיט דעם בלוט אָפּגעגאַנגען, אָבער אַ געליי־טערטע און אַן אמתע. דעמאָלט וועלן מער אַזעלכע פאַלן נישט פּאַ־סירן מיט קינדער פון דעם אידישן שטאַם.

בענאָס־אײַרעס.

ס ו ף.

דער בוך איז ארויסגעגעבן געוואָרן דורך אַ געזעלשאַפטלעכן קאָמי־טעט צוזאַמענגעשטעלט פון פאָלגנדיקע שרייבער און געזעלשאַפטלעכע טוער:

פרעזידענט — מ. אבזאַץ

סעקרעטאַר — יעקב שבה

קאַסיר — ד. אייזענבערג

וואָקאַלן: פּ. קאַץ, י. ל. גרוזמאַן, ז. מאַזור, ש. וואַסערמאַן, מאַרגו־ליס, וויסיפּקאַ, י. פּורילעס, מ. דיאַמענט, לייווא, זאַלצענשטיין און ראָ־זענטאַל.

אויסטייטשונג פון אַרגענטיניזמען לויטן א״ב:

אָווערא — געפלעקט פערד
אסאדאָ — פלייש געבראָטן אַפן פייער
אַסעסינאָ — רוצח
אָפּיסינאָ — ביוראָ
באָמביזשא — מעטאַלן רערל צו זופּן די מאַטע
באַליטשע — קרעמל פון אַלדאָס גוטס און אויך קרעטשמע
באַליטשעראָ — קרעמער
באַילע — טאַנץ אָוונט
גאַזשעגאָ — אַלגעמיינער נאָמען פאַר שפּאַניער
גרינגאָס, גרינגע — אייראָפּעער
דאָן — באַלעבאָס, דאָניא — באַלעבאָסטע
טשאַנגאָ, טשאַנגיטאָ — צייטווייליקע אַרבעט
טרוקאָ — אַ קאָרטן-שפּיל
טשינאַ, טשיניטאַ — נאַטיוו מיידל
טיענדאָ — קראָם פון מאַנופאַקטור סחורות
טשאַמבערגאָ — אייגנאַרטיק קאַפּעליושל
לעגוואַ — 5 קילאָמעטער
מאַטע — אַ געטראַנק פון זיד-אַמעריקאַנער טיי וואָס הייסט זשערבאַ
מאַלאָן — אָנפאַל פון אינדיאַנער אין ערשטע צייטן פון קאָלאָניזאַציע
ניניאַ, ניאַ — פריילן
עסטאַנסיאַ — גוט, עסטאַנסיעראָ — גוטבאַזיצער
פאַברעסיטאָ — אָרעמער נעבעך

פּאַטראָן — באַלעבאָס

פּאָנטשאָ — זיד-אַמעריקאַנער שאַל מיט אַ שניט אין
מיטן אַריבערצואווארפן איבערן קאָפּ

פּומאַ — זיד-אַמעריקאַנער טיגער, פּיל קלענער

פּעריקאָן — נאַציאָנאַלער טאַנץ

פּעלודאָ — האָריק חיהלע

פּאַיסאַן, פּאַיסאַנאַ — לאַנדסמאַן, לאַנדסמאַנעכע

פּעאָן — טאָג אַרבעטער

קרעאָל — נאַטיווער, מישלינג

קאַטרע — איינפאַך בעטל

קוראַנדעראָ — אָפּשפּרעכער אויך רופא

קאַפּאַטאַס — אויפזעער

קאַראַמבאַ — אויסרוף-וואָרט

ראַנטשאָ — פּרימיטיווע כאַטקע

רעבענקאָ — ראַפּניק

Este libro fué terminado el día 5 de Julio de 1945 en los Talleres Gráficos HEUMAN, Pasteur 333, U. T. 47, Cuyo 7752, Buenos Aires, República Argentina.

PRINTED IN ARGENTINE
By Aarón Faierman